STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05530

OYTSRES FUN IDISHEN HUMOR

Isaac Aschkenasy

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אוצרות פון אידישען הומאָר

חכמות, וויצען, גלייכווערטלאַך
פון רבנים, און פונ׳ם פאָלק

כל השומע יצחק לי.
(בראשית כ״א)

אויב דער מענש איז טרויעריג
זאָל ער דענקען פון וויציגע דברי
תורה וועט זיין האַרץ זיך פרייען.
(ספר חסידים ס׳ רע״ט)

גוזאַמעלט און בעאַרבייט פון

רבי יצחק אשכנזי

מחבר פון פאָלגענדע ספרים:
„קבוץ גליות״, „הגולה והגאולה״, „די גאַלעריע פון
אונשטערבליכע מענער״ (פון אברהם ביז הערצל׳ען)

ערשטער חלק

פארלאג „טל־אביב״.

אינהאַלט.

1) שבת און ימים טובים.

2) רבני'שע חכמות און גלייכווערטלאך.

3) פאָלקס וויצען.

4) צדקה־פרנסה־און ביזנעס־וויצען.

5) עראָטישע און ראָמאַנטישע וויצען.

6) דאָס אידישע פאָלק, משיח און ציוניזם.

Copyright, 1929, by
Rabbi Isaac Aschkenasy

אריינגאַנג

ר׳ ישראל סאַלאַנטער איז אַמאָל געשטאַנען אין ווילנע אין גאַס און זיך געוויצעלט מיט אידען און זיי געמאַכט לאַכענדיג. דער עולם אַרום, האָט זיך געוואונדערט און געפרעגט דעם גאון: ס׳טייטש רבי, וואָס זאָגט איהר עפּעס וויצען אין מיטען גאַס?

— איהר פאַרשטעהט אידען — ענטפערט דער צדיק — די דאגות הפרנסה זיינען זעהר גרויס, אידען זיינען אומעטיג, איז אַ גרויסע מצוה זיי צו מאַכען פרעהליך.

אָט דאָס איז דער געדאַנק, וואָס האָט מיך באַוואויגען ארויסצוגעבען דאָס בוך (אַ צווייטעס וועט נאָך אפשר קומען). —

אין אַמעריקע — אין יוראָפּ אודאי און אודאי — וואו די ארבייט איז אַזוי שווער, וואו כמעט אַלע זיפצען, ווער פון דעם שווערען עול פון פּרנסה און ווער פון דער העבערער עקאָנאָמישער טרייב־קראַפט, איז אַ מצוה, אויב מען קען אידען מאַכען לאַכענדיג. אַ גוטער, אַ געזונטער לאַך רייניגט אָפּ דעם מרה־שחורה־שטויב פון דער נשמה. אַ מענש, וואָס לאַכט ניט, איז ווי אַ בלום וואָס בליהט ניט. לאַכען איז געזונד; דאָקטוירים הייסען לאַכען. „והיית אך שמח" — זאָלסט נאָר זיין פרעהליך, — איז אַ הייליגער געבאָט און אַ געזונטער מעדיצין פון דער תורה.

וויצלען זיך הייסט זיך פרעהען, און דערפרעהען דעם חבר, די געזעלשאַפט, וואָס הערט זיך צו צום גלייכווערטעל. די צווייענדיגע שמחה, געגענזייטיגע הנאה, פאַרשמעלצט זיך צוזאַמען, און די געזעלשאַפט ווערט דורכדעם דערנעהענטערט איינער צום צווייטען, צום פאָלק. ווייל די וויצען זיינען אוצרות פונ׳ם פאָלקס־קוואַל און שטראָמען צוריק צום פאָלק.

הומאָר איז אַ שפּיגעל פון דער פאָלקס־נשמה. אין הומאָר שפּיגעלט זיך אָפּ דאָס לעבען און טרייבען פונ׳ם מענשען, פונ׳ם פאָלק; די מעלות און חסרונות, דאָס גוטע און דאָס בייזע; דאָס צניעות׳דיגע און דאָס אויסגעלאַסענע ווערט אויפגעדעקט, מיט אַ לאַך און אויף אַ סאַטירישען אופן, אַזוי אַז אפילו די עראַטישע אידישע וויצען וואָס ווערען דאָ געבראַכט האָבען אויך זייער מאָראַלען ווערט, און זיינען ניט אַזוי גראָב ווי ביי אַנדערע פעלקער, זיינען שאַרפער, שפּיצפינגדיגער, געפעפערטער און מיט חן.

צום ביישפּיל: „הזרוע", „והלחיים", „והקיבה". אין דער תורה איז עס בהמה־מתנות צום כהן. אין וויץ — בהמה־מתנות פון א פרוי צו א פרעמדען מאן... דעם מוסר־השכל דערפון פארשטעהט איעדער.

און אזוי ארום מאכט מען צוגעגגליך צום לעזער אויך די אידעאלסטע געדאנקען. די „בני ישראל", אידישע קינדער, ווילען ניט עפענען זייער מיילעבעל איינצונעמען די נויטיגע מעדיצין; דורך א קיצעל און א לאך גיט זיך איין זיי צו געבען דאס רפואה־מיטעל...

די אויסגעוועהלטע וויצען דא זיינען פון אידישען קוואל ארוים, דאס רוב ניט פון איינענער ברונעם. האב איך אבער דאך געבראכט א קליינעם טייל פון א גרויסער ארבייט, פאר יעדען וואס וויל מיך הערען און לאכען.

„כל השומע „יצחק" (אשכנזי) לי".

שבת

1. אַ טויש מיט אַ שבת.

אַ גרויסער כלל-טוער פון ווילנע האָט דורך דער השפעה פונ'ם ווילנער גאון, געמאַכט אמאָל אַ רייזע צו אַ הויכען בעאַמטען, כדי אָפּצוראַטעווען אידען פון אַ גזירה. ער האָט אָבער געמוזט דערביי מחלל שבת זיין און האָט געהאַט דערפון גרויס צער.

דער ווילנער גאון האָט עס באַמערקט און געזאָגט צו איהם:

— אויב איהר ווילט, מאַך איך מיט אייך אַ טויש, איך וועל אייך אוועקגעבען מיינעם אַ גוטען שבת און איהר גיט מיר דעם שבת, וועלכען איהר האָט מחלל געווען.

2. ר' שמואל מאָהילעווער און „שלום-עליכם".

צו ר' שמואל מאָהילעווער זיינען אַמאָל געקומען אויף אַ וויזיט אום שבת „שלום-עליכם" מיט אַ גרופּע אַנדערע שרייבער און זיינען צוגעפאָהרען צו איהם אין אַ קאַרעטע. קומענדיג פאַר זיין וואוינונג האָבען זיי איהם געטראָפען זיצען אויפ'ן באַלקאָן אין זיינע בגדי שבת ביי אַ גמרא. איצט ערשט האָבען זיי זיך דערוואוסט, אַז עס איז שבת, און זיינען פּשוט אויסגעגאַנגען פון בושה.

רופט זיך אָפּ ר' שמואל מאָהילעווער צו זיי:

איך זעה, דאָך, אַז איהר געהט פּשוט אויס פון בושה, זענט איהר דאָך געפעהרליכע קראַנקע, און דער דין איז, אַז פקוח נפש איז דוחה שבת. (געפעהרליך קראַנקע מעג מען ראַטעווען אום שבת). זעצט אייך...

3. אַ גרעסערער בעל-הוצאה.

אין אַ קליין שטעדטעל אין דייטשלאַנד, האָבען די מיטגלידער פון אַ געמיינדע פאַר'מסור'ט דעם ראַבינער צום פּרעזידענט, אַז זיי האָבען איהם געזעהן פאָהרען אום שבת און פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל איהם דערפאַר אָפּזאָגען פון זיין שטעלע.

דער פּרעזידענט האָט אַ ווילע געטראַכט און געענטפערט:

— איך דענק, אַז מען דאַרף איהם גאָר געבען אַ הוספה, ווייל ער איז געוואָרען אַ גרעסערער בעל-הוצאה.

4. אַ „היתר“... צו רויכערען אין שבת.

אַ פריי־דענקער האָט אַמאָל געפרעגט דעם מלבי"ם:
רבי, אפשר איז דאָ אַן עצה צו מעגען רויכערען אַ ציגארעט אום שבת?
— יאָ, — האָט דער מלבי"ם געענטפערט.
— ווי אזוי?
דורך אַ „שנוי“. צו מאַכען עס אַנדערש ווי אַלע טאָג. די ברענענדע זייט האַלטען אין מויל.

5. ער איז שטענדיג מלמד זכות.

ר' לוי יצחק בערדיטשעווער האָט אַמאָל געטראָפען אַ אידען רויכערען אום שבת.
— ווייסטו ניט, אַז ס'איז היינט שבת? — האָט ער איהם עגפערגט.
— יאָ! — האָט יענער געענטפערט.
— און אַז מען טאָר ניט רויכערען אום שבת ווייסטו? — האָט דער רבי ווייטער געפרעגט.
— יאָ! — האָט יענער געענטפערט.
— רבונו של עולם! — האָט ר' לוי יצחק אויסגעשריען, — זעה נאָר וואָס פאַר אַ טייער פאָלק דו האָסט. אפילו ווען אַ איד טוט אַן עבירה זאָגט ער אויך קיין שקר ניט.

* * *

אַ צווייטען מאָל האָט ער ווידער געטראָפען אַ אידען, וואָס האָט גערויכערט אום שבת, אַזוי ווי דער איד האָט איהם דערזעהן האָט ער בעהאַלטען זיין ציגאַרעט. ר' לוי יצחק האָט איצט אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און געזאָגט:
— רבונו של עולם! זעה נאָר וואָס פאַר אַ טייערע אידען דו האָסט, אפילו ווען זיי טוען אַן עבירה שעהמען זיי זיך אויך.

6. נאָך דער רפואה דאַרף קומען די מכה.

ר' עקיבא אייגער האָט אַמאָל געטראָפען אַ גרופע מענשען, וואָס האָבען גערויכערט אום שבת, האָט ער זיי געפרעגט פאַרוואָס זיי טוען עס, האָבען זיי געענטפערט, אַז זיי טוען עס פאַר אַ רפואה. האָט ר' עקיבא אייגער צו זיי געזאָגט:
— דער רבונו של עולם שיקט צו יעדען די רפואה פאַר די מכה. נו, די רפואה האָט איהר שוין, איצט מעגט איהר שוין קריגען אַ מכה.

7. א וויץ פון אד"ם הכהן.

איינער האָט אַמאָל געטראָפן דעם אפּיקורס אד"ם הכהן לעווינזאָן ווי ער טראָגט אַ טיכל אום שבת, האָט ער איהם געפרעגט: — ס'טייטש, מען טאָר דאָך ניט טראָגן אום שבת?

— און פאַרוואָס טראָגט איהר? — האָט איהם אד"ם הכהן צוריק געפרעגט.

— איך טראָג גאָר נישט אום שבת — האָט יענער געענטפערט.

— ס'איז נישט אמת — האָט צו איהם אד"ם געזאָגט מיט אַ שמייכל — איהר טראָגט אַ שעפּסען־קאָפּ אויף זיך אום שבת.

* * *

אַן אַנדערש מאָל באַגעגנט איהם אַ חסיד טראָגענדיג אין האַנט אַ שטעקען אום שבת.

— ווי האָט איהר ניט מורא פאַר גאָט צו טראָגן אַ שטעקען אום שבת? — פרעגט איהם דער חסיד.

— טאַקע, ווייל איך האָב מורא פאַר גאָט גייע איך מיט אַ שטעקען... — האָט זיך דער דיכטער פאַרענטפערט.

8. רעכטס צי לינקס.

דער וואָלאָזשינער גאון האָט געהאַט אַ מנהג צו שלאָפן שבת נאָכ'ן עסען. איינמאָל האָט ער געטראָפן די תלמידים פון זיין ישיבה, ווי זיי זיצען און פּלוידערען פון וועלט־זאַכען אום שבת. האָט ער צו זיי געזאָגט:

— שבת איז געשאַפן געוואָרען אָדער צו לערנען אָדער צו שלאָפן, ווייל שבת מאַכט „שונה בשבת תענוג", (לערנען אום שבת איז אַ תענוג). אָדער עס קען אויך מאַכען „שינה בשבת תענוג" (צו שלאָפן אום שבת איז אַ פאַרגעניגען).

רופט זיך אָפּ איינער פון די תלמידים:

— עס קען דאָך אויך מאַכען „שיחה בשבת תענוג" (צו שמועסען אום שבת איז אַ פאַרגעניגען).

דער גאון האָט איהם דערויף באַלד געענטפערט:

— — עס שטעהט געשריבען „לב חכם לימינו", דעם חכם'ס האַרץ איז צו רעכטס, דאָס מיינט, אַז דער חכם לייענט דאָס פּינטעלע אויף דער „שין" פון שבת צו רעכטס, דאַן איז עס אַ שין און עס קאָן מאַכען אָדער „שונה" (לערנען) אָדער „שינה" (שלאָפן). „ולב כסיל לשמאלו", (דאָס האַרץ פון אַ נאַר איז לינקס). דער נאַר לייענט עס, אַ שטייגער, ווי דאָס פּינטעלע וואָלט געשטאַנען צו לינקס פון דעם „שין" דעמאָלט איז'ס אַ „סין" און עס קאָן מאַכען שיחה, (רייד).

9. שבת אויף אָרדער.

צום בעלזער רבי'ן איז געקומען אַרענדאַר. ר' שלום האָט איהם אויס־גע'מוסר'ט וועגען חלול שבת. דער אַרענדאַר האָט איהם צוגעזאָגט אַ גאַנץ יאָהר אָפּהיטען שבת נאָר ניט שניט־צייט, אין סאַמע ברען. — דערצעהלט איהם דער רבי אַ מעשה:

אַ פּריץ האָט איינגעלאַדען אַ סך פּריצים צו אַ סעודה. יעדער האָט געלויבט זיין אידען. דער פּריץ לויבט די געטריישאַפט און וויליגקייט פון זיין מאָשקע, אין לשער, אַפילו שמד'ן אויך. „אָה!" וואונדערען זיך די פּריצים.

ער שיקט איהם רופען: מאָשקע! ביזט מיר געטריי?

— פאַר'ן פּריץ געה איך אין פייער אויך. — ענטפערט דער איד.

— איך וויל דו זאָלסט דיך שמד'ן — מאַכט צו איהם דער פּריץ.

אַ פאַרציטערטער און מיט אַ שטיל, פאַרצווייגענעם קול זאָגט דער איד: י־אָ... דער פּריץ האָט איהם אָפּגע'שמד.

אין עטליכע חדשים רופט איהם דער פּריץ: קענסט אצינד צוריק ווע־רען אַ איד. איך וועל מיך מישב זיין מיט'ן ווייב — ענטפערט דער איד. דאָס ווייב זאָגט: ווי אַזוי וועלען מיר אצינד טאָן, ס'געהט צו פּסח, גרויסע הוצאה, מצות, וויין, כלים, בעט דעם פּריץ מיר זאָלען מעגען זיין גוים ביז נאָך פּסח...

10. קידוש און הבדלה.

פאַרוואָס מאַכט דער חזן פרייטאָג־צו־נאַכטס קידוש און שבת־צו־נאַכט מאַכט הבדלה דער שמש?

— ווייל עס שטעהט געשריבען „אם אין דעת, הבדלה מנין" (אויב מען פאַרשטעהט ניט, ווי אַזוי קאָן מען מאַכען אַ הבדלה, אַ צווישענשייד?) און אַזוי ווי אַ חזן איז ניט אַזאַ גרויסער בעל־דעת, קען ער ניט מאַכען קיין הבדלה.

11. פאַר וואָס מען הייסט די מלאכים באַלד אַוועקגעהן?

רבי עקיבא איגער איבערנעמענדיג דעם כס־הרבנות אין פּאָזען, האָט איהם שטאַרק געאַרט ווי אַ סך אידען געהען פרייטאָג־צו־נאַכט אין טעאַטער. אין זיין דרשה האָט ער זיי גע'מוסר'ט: אצינד איז מיר קלאָר געוואָרען, וואָס די חכמים זאָגען: „רוב גנבי ישראל נינהו", ס'רוב גנבים זיינען אי־דען. ווי געשיקט זיך דאָס? אין פּאָזען! ווייל אַ סך געהען פרייטאָג אָווענט אין טעאַטער. און ס'שטעהט, אַז צוויי מלאכים באַגלייטען דעם אידען שבת אָווענט, און פאַר די צוויי קויפט ער ניט קיין טיקעט. אפשר דאַדורך שיקט ער זיי באַלד אַוועק „אייער אַוועקגעהן צו פרידען" („צאתכם לשלום").

12. שבת און זונטאָג.

מען האָט אַמאָל געפרעגט אַ רעפאָרם־ראַבאַי, פאַרוואָס ער מאַכט שבת אום זונטאָג, האָט ער דערויף געענטפערט:

— עס שטעהט אין תלמוד: „עשה שבתך חול, ואל תצטרך לבריות" (מאַך דיין שבת וואָכענדיג און קום ניט אָן צו מענשען). זיי דאַרף מען זוכען אום שבת אין די בעסטע ביזנעס־צייט. אום זונטאָג קומען זיי אַלע אַליין, און דאַדורך מאַכט ער אַ לעבען.

13. זיי האָבען עס פאַרשטאַנען.

אַ דייטשער רב האָט געזאָגט דעם עולם אין שוהל שבת מוסר פאַרוואָס זיי האַנדלען אום שבת און האָט די דרשה געענדיגט מיט די ווערטער:

— איך האָפע, דאָס „נאָך מיינע וואָרטען ווירד איהר האַנדלען".

דער עולם האָט פאַרשטאַנען וואָס דער רב מיינט און האָט זיך שטאַרק פאַרנאַנדערגעלאַכט.

(דער טייטש פון די ווערטער אין דייטש איז צווייערליי: „נאָך מיינע וואָרטען ווירד איהר האַנדלען" קען מיינען, אַז ער האָפט, אַז זיי וועלען האַנדלען אַזוי ווי ער האָט זיי געזאָגט און שוין זיין גוט און פרום און ניט האַנדלען אום שבת. עס קען אָבער אויך מיינען, אַז „נאָך מיינע וואָרטען", נאָך מיין דרשה, „ווירד איהר האַנדלען", וועט איהר אַרויסגעהן און עפע־נען די קראָמען און האַנדלען!).

14. אַ וויץ פון „ראובן אָשר ברוידס".

דער באַוואוסטער שריפטשטעלער ברוידס איז אַמאָל געזעסען אין אַ שענק אום שבת און גערויכערט אַ סיגאַר, מיט אַמאָל האָט ער דערזעהן ווי דער שענקער לעשט אויס אַ ליכט האָט ער איהם גענומען מוסר'ען:

— ס'טייטש שבת?

זאָגט צו איהם דער שענקער:

— און איהר? פאַרוואָס רויכערט איהר אום שבת?

דאָס איז עפּעס אַנדערש — האָט ראובן אשר געענטפערט — איהר קענט דאָך האָבען אַן אַנדערען, אַ גוי, וואָס זאָל אויסלעשען די ליכט, אָבער איך קען דאָך ניט קריגען אַ גוי, וואָס זאָל רויכערען פאַר מיר...

15. רבי עקיבא אייגער מיט איינינע משכילים.

ר' עקיבא אייגער האָט אַמאָל אַרויסגעהענדיג פון שוהל אום יום־טוב געטראָפען עטליכע משכילים, וואָס האָבען גערויכערט, און אַ חשד איז

געווען, אַז זיי רויכערען אויך אום שבת. האָט ער צו זיי געזאָגט:

— „גוט שבת״!

זאָגען זיי צו איהם: רבי, עס איז דאָך היינט יום־טוב און ניט שבת.

— אזוי? — האָט ר׳ עקיבא איינער געענטפערט, כ׳האָב אייך געזעהן רויכערען האָב איך געמיינט, אַז עס איז שבת...

16. ויניחו בה . . . בו . . . בם . . .

אַ דאָרפסמאַן איז אַמאָל געקומען אין שוהל אריין פרייטאָג־צו־נאַכט, און געדאַווענט הויך און געזאָגט „ויניחו בו״.

געהט צו איהם צו דער שמש און זאָגט איהם:

— מען דאַרף זאָגען „ויניחו בה״.

אין דער פריה האָט ער שוין געוואוסט, אַז מען דאַרף זאָגען „בה״, נעמט ער הויך שרייען: „ויניחו בה״.

קומט ווידער צו דער שמש: מ׳דאַרף זאָגען: „ויניחו בו״.

ווערט שוין דער דאָרפסמאַן צומישט און זאָגט זיך: כ׳וועל שוין וויסען צו מנחה.

צו מנחה נעמט ער שרייען „ויניחו בו״. קומט ווידער צו דער שמש:

— מען דאַרף זאָגען „ויניחו בם״.

— כאַפּט אייך אַלע דער טייוועל, — איז דער דאָרפסמאַן געוואָרען בייז, — ווי מען זאָגט טויג אייך ניט.

17. הקול קול יעקב.

אַ געוויסער מאַן מיט׳ן נאָמען יעקב איז אַמאָל געקומען צו אַ רב שבת צו גאַסט און האָט געקלאַפּט מיט דעם אייזען אויף דער טיר (ווי עס איז דאָ אין אַ טייל הייזער. שבת טאָר מען דאָס ניט טאָן). דער רב איז איהם אַנטקעגען געגאַנגען און איהם געזאָגט — אויף זיין ענטפער, ער הייסט יעקב:

— („הקול קול יעקב״), אייער שטימע איז טאַקע יעקב׳ס אָבער („והידים ידי עשו״), די הענט זיינען עשו׳ס...

18. „כי לכך נוצרת״.

צום געלעהרטען ש״י ראַפּאָפּאָרט איז אָנגעקומען אַ פאַרמאַכטער בריף אום שבת. האָט ער געזאָגט צו זיינעם אַ באַקאַנטען „טאַרלאַ״ (אַ איד אַ משכיל, וואָס איז איבערגעגאַנגען צום קריסטליכען גלויבען), אַז ער זאָל איהם עפענען דעם בריף.

טאַרלאַ האָט איהם אָנגעקוקט:

— וואָס הייסט? וואָס בין איך דען אַ שבת-גוי?

דערויף האָט איהם ראַפּאַפּאָרט געענטפערט מיט אַ שמייכעל — „כי לכך נוצרת", האָסט זיך דאָך נאָר צוליב דעם גע'שמד'ט. אויב דאָס אויך ניט, צו וואָס האָט עס דיר גאָר געלוינט...

19. איהם פעהלט... אויף שבת.

מ'האָט ערב שבת געפונען אין גאַס אַ אידען אַ פאַר'חלש'טען. „וואָס פעהלט אייך?" — האָט איהם דער אַמבולאַנס-דאָקטאָר געפרעגט.

— אוי, דאָקטאָר לעבען, — האָט דער פאַר'חלש'טער געשעפּטשעט — מיר פעהלט... אויף שבת...

20. דריי וואָס האָבען גערויכט סיגאַרעטס, און נאָך איינער.

דריי ישיבה-בחורים האָט מען געטראָפען אין אַ רום אין שבת רויכערען סיגאַרעטס. דערשראָקען ביים פאַרהער, האָט זיך איינער פאַרענטפערט, ער האָט פאַרגעסען, אַז ס'איז שבת. דער צווייטער האָט פאַרגעסען, אַז שבת טאָר מען ניט רויכערען. דעם דריטענס פאַרטיידיגונג איז געווען: ער האָט פאַרגעסען צו פאַרהענגען די פענסטער...

* * *

אַ שוּוער האָט אַמאָל באַגעגענט אום שבת אין גאַס זיין איידים רויכערענדיג אַ סיגאַרעט פרעגט ער איהם:

— ווייסטו ניט, אַז שבת טאָר מ'ניט רויכערען? — איך ווייס.

— ווייסטו ניט, אַז היינט איז שבת?

— ווער ווייסט דען דאָס ניט.

—וואָס דען האָסטו פאַרגעסען? — איך האָב פאַרגעסען, אַז איך בין אַ איד... — ענטשולדיגט זיך דער איידים.

21. דער „מן" און די שוהל.

וואָס איז דער חלוק פונ'ם אַמאָליגען „מן" צו היינטיגע גרויסע שוהלען, צענטערס? דעם „מן" האָבען אידען די גאַנצע וואָך געקליבען און געפונען, שבת געקליבען אָבער גאָר ניט געפונען. און אין די גרויסע שוהלען און צענטערס, איז גאָר פאַרקעהרט. שבת קלויבט מען און מ'געפינט יאָ אַ מנין, און אין דער וואָכען קלויבט מען און ס'ניט צו געפינען אַ מנין...

און אַז דער גבאי קומט און פרעגט דעם שמש מיט אַ נאַוויסקייט: „פאַרוואָס איז קיינער ניטאָ" („מדוע באתי ואין איש")? ענטפערט דער שמש: כ'האָב גערופען, קיינער ענטפערט מיר ניט („קראתי ואין עונה").

22. אן אמעריקאנער דרשה.

אַ מגיד איז געקומען אין אַ שוהל שבת, און דער פרעזידענט — אַן „אוהב־ר־בנים" און אַן „אויב־רבנים" — האָט איהם ניט ערלויבט צו דרשה'נען, נאָר אַ פּאָר ווערטער זאָגען: קורץ, דעם אמת, און פון דער סדרה.

האָט דער מגיד, ארויפגעהענדיג אויף דער בימה, געזאָגט אזוי: רבותי! איך האָב פאַרגעסען ס'אַרא סדרה ס'געהט היינט... — דאָס איז סיי אַ קורצע דרשה, סיי דער אמת (אז מ'האָט דאגת פרנסה, פאַרגעסט זיך די תורה), און אויך פון דער סדרה. — ער האָט אויסגענומען...

23. אַ מיושב'ער ענטפער פון אַ משוגענעם.

אַ רב אַ משוגע'נער, וואָס האָט זיך געפונען אין משוגעים־הויז, האָט דאַרט בשום אופן נישט געוואָלט עסען אין שבת די פריש־געקאָכטע מאכלים. מיט שווערער מיה האָט מען איהם באַזאָרגט עסען פון פרייטאָג.

שפּעטער איז ער ארויס אין גאָרטען און פאַררויכערט אַ סיגאַר.

— רבי, — האָט איהם דער דאָקטאָר געפרעגט — עסען געקעכץ פון היינט האָט איהר נישט געוואָלט און רויכערען רויכערט איהר יאָ?

— דערויף בין איך דאָך משוגע — האָט ער געענטפערט.

24. אַ גוטן פילינג.

אַן אורח האָט געגעסען שבת ביי אַ בעל־הבית, וואָס האָט איהם דערלאַנגט אַ גרויס און אַ גוט שטיק געפילטע פיש.

— אייער פרוי איז גאָר קיין נאַר ניט — רופט זיך אָפּ דער אורח.

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס? — פרעגט איהם דער מכניס־אורח.

— די גמרא זאָגט: „שוטה אינו מרגיש", „אַ נאַר פילט ניט". אָבער אייער פרוי פילט גוט.

ראש השנה

25. ר׳ לוי יצחק און א בעל תוקע.

ר׳ לוי יצחק האט אמאל געזוכט א בעל תוקע, האט ער אויספּרובירט פּיעלע מענשען, וועלכע האבען געקענט בלאזען שופר און זיי געפרעגט: וואס זיי זיינען מתכוון בשעת זיי בלאזען שופר. אלע זייערע כונות האבען איהם ניט באפרידיגט.

איינמאל איז צו איהם געקומען א בעל־תוקע און צו איהם געזאגט:

— רבי! איך בין א פּראסטער מענש, איך האב פיער טעכטער חתונה צו מאכען און האב ניט מיט וואס. ווען איך בלאז שופר האב איך דעריבער אין זינען: רבונו של עולם! איך האב געטאן דאס, וואס דו האסט מיר געהייסען, און ערפילט דיינע מצוות. איצט דארפסטו ערפילען דאס וואס דו דארפסט צו טאן, צו געבען מיר גוטע זיווגים פאר מיינע טעכטער.

— גוט! — האט דער רבי געזאגט — דו בלייבסט דער בעל־תוקע אין מיין בית־מדרש.

26. דער באראן גינצבורג און דער משורר י. ל. גארדאן.

דער באראן גינצבורג האט געוואונשען י. ל. גארדאנ׳ען א כתיבה וחתימה טובה. דערויף האט איהם י. ל. גארדאן געענטפערט:

„זאל דער באראן זעהן, אז די „חתימה״ זאל זיין א גוטע. די כתיבה (דאס אנשרייבען) וועל איך מיר שוין אליין באזארגען״.

* * *

א דארפסמאן האט אמאל געזאגט:

דער רבונו של עולם איז תמיד גערעכט. איהר ווייסט כאטש פאר־וואס?

— ווייל — לאל „עורך־דין״, גאט האט א גוטען אדוואקאט.

27. דער שוהל־קלאפער וואס וועקט צו סליחות.

פאראנען דרייערליי סליחות־אידען, און — להבדיל — דרייערליי פערד: איין פערד געהט אליין אויפ׳ן רופען, דאס איז א גוט פערד. א צווייטעס: אז מ׳קלאפּט׳ס אן געהט׳ס. דאס איז אויך א פערד. ווידער פאראנען א פערד: רופ׳ס, שלאג׳ס ס׳געהט אלץ ניט. דאס איז שוין גאר קיין פערד ניט... —

* * *

רבונו של עולם! — האָט ר' לוי יצחק געבעטען — איך בין שוואַך, קען ניט אויפשטעהן סליחות. דו ביזט שטאַרק גענוג און דיינע סליחות זייַנען קורצע, טאָ זאָג־זשע: „סלחתי"!

28. ער קען ניט געהן צו תשליך.

מען האָט געפרעגט אַ משכיל פאַרוואָס ער געהט ניט צו תשליך.

— איך קען דאָס ניט טאָן — האָט ער געענטפערט. — די עבירות האָבען מיך אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגען, היינט ווי אַזוי זאָל איך זיי פּלוצלינג וואַרפען אין וואַסער אריין.

29. ער האָט געוואָלט צומישען דעם שטן.

ר' הירש חריף האָט קליינערהייט געגעסען פאַר תקיעות. דער פאָטער האָט איהם געשטראָפט דערפאַר, ווייל פאַר די תקיעות טאָר מען ניט עסען. רופט ער זיך אָפּ צום פאָטער:

— כ'האָב עס עקסטרא געטאָן, טאַטע, כדי צוצומישען דעם שטן. אַזוי ווי דער שטן ווייסט, אַז מען טאָר ניט עסען פאַר'ן דאַוונען און איצט וועט ער מיך זעהן עסען, וועט ער מיינען, אַז עס איז שוין נאָך די תקיעות און וועט שוין מעהר ניט קענען זאָגען שלעכטס אויף אידען.

30. די קנאה פון אַ רב צו אַן אפיקורס.

אַ רב האָט אַמאָל געזאָגט צו אַן אפיקורס:

— כ'בין דיך מקנא. עס געהט די ימים נוראים ווערסטו טאָן תשובה און פון אַלע עבירות וועט ווערען מצות, וועסטו האָבען מעהר מצות ווי צעהן רבנים.

רבי, — האָט דער אפיקורס געענטפערט, — וואַרט נאָך אַ יאָהר, וועט איהר מיך נאָך מעהר מקנא זיין...

31. אַ שאָפּענער קאָפּ.

אַ בעל־הבית האָט געפרעגט דעם רב אין שוהל אויב ער זאָל נעמען דעם אורח, אַ מגיד, צו סעודת יום־טוב.

יאָ — ענטפערט דער רב — אין ראש השנה איז אַ מצוה צו נעמען אַ שאָפּען־קעפּעל („ראש כבש")...

32. פיר טעמים ניט צו פאַסטען אין „צום גדליה".

מען האָט אַמאָל געפרעגט אַ פריידענקער, פאַרוואָס ער פאַסט ניט צום גדליה.

—צוליב פיער טעמים — ענטפערט ער.

ראשית: ווייל ווען גדליה וואָלט ניט געהרג'עט געוואָרען אין יענער צייט, וואָלט ער איצט סיי־ווי־סיי ניט געלעבט. 2) ווען איך זאָל גע'הרג'עט ווערען וואָלט גדליה דען יאָ געפאַסט? 3) עס הונגערט מיך און כ'קען ניט פאַסטען. 4) אַז איך פאַסט ניט יום כפור, טאָ זאָל איך פאַסטען צום גדליה?

33. פאַרשרייבען אַ רעצעפּט צום לעבען מעג מען.

שבת ראש־השנה האָט ר' לוי יצחק פאַר'ן דאַוונען זיך אַ קאַפּעלע דורכ־גערעדט מיט גאָט און אויסגערופען: רבונו של עולם! היינט איז שבת, מ'טאָר ניט שרייבען, ווי אַזוי־זשע שרייבסטו? „בראש השנה יכתבון" נאָר, אַז ווּעסט פאַרשרייבען אידען „לאלתר לחיים", צוליב פקוח נפש מעג מען שרייבען אפילו אום שבת.

34. פאַר'ן אמת זאָגען, ניט צו שלאָגען.

ר' לוי יצחק האָט אַמאָל אום יום־כפור גע'טענה'ט צו גאָט: רבונו של עולם! אַמאָל האָבען אידען געזאָגט ליגען אפילו אום יום כפור: „אשמנו, בגדנו, גזלנו". אין אמת'ן, ווּעמען האָבען זיי באַ'גזל'ט? מיר אָבער זאָגען טאַקע יאָ דעם אמת... און צוליב דעם אמת־זאָגען דאַרפסטו אונז מוחל זיין די זינד.

35. לשנה טובה'ס פאַרטיילונג.

צו די פּאָליטישע פיהרער פון דער „אגדת ישראל": אַ שפּאָגעל נייעם ברוך־גאַרטעל. און דער אויבערשטער זאָל זיי באַפרייען פון דער זינדיגער גלוסטעניש, פאַר זיך אליין צו מאַכען שבת אין ענין אידישע פּאָליטיק. —

צו די אגדה'סטען בכלל: ארץ־ישראל־ערד אין די שטיוועל (צום צוי־כען פון טרויער אויף דעם וואוקס און אויפבליהען פונ'ם נייעם פּראָדוקטי־ווען ישוב אין ארץ ישראל), כדי מקיים זיין די מצוה פון: „געהן פיער איילען אויף ארץ ישראל ערד" („כל ההולך ד' אמות „בארץ" ישראל...) —

צו די „מזרחים": אַז זיי זאָלען באַקומפּט ווערען פון דער אגדה מיט מוהל־מעסערלעך; אויפגעהאָנגען אויף אַ פּסיל'דיגער ציצה, און צולעצט דערטרונקען ווערען אין אַ לעפּעל מקוה־וואַסער מיט דער הסכמה פונ'ם פּאַפּסט. —

צו די „צעירי אגדת ישראל״: 7—8 בחורים אוועקצושיקען קיין ארץ־ישראל האקען שטיינער, אויסטריקענען זומפּען, און דערהויפּט משלים זיין א מנין פון זיי צום דאווענען. —

צו די אמעריקאַנער „ציוניסטען״: קישעלעך ארץ־ישראל־ערד פאַר זייערע ווייבע שטוהלען, כדי זיי זאָלען קענען אין אמעריקע מקיים זיין די מצוה פון „ישוב״ ארץ ישראל״. —

צו די קנאים פון ארץ ישראל און חוץ־לארץ: א סערום צו די שוואַרצע פּאָקען. —

צו דער „אידישער אַגענטור״: דער זיווג (פון ציוניסטען מיט אַגענטור׳יסטען) זאָל עולה יפה זיין, און געווינען זאָל זי די „בת־ציון״, פון וועלכער ס׳וועט אודאי ארויסקומען א צונויפגעוואקסענער צווילינג: „ארץ״ און „ישראל״. און ממילא וועט שוין ווייטער אויסגעהן פון איהר, פראכט און גלאַנץ צו דער וועלט. „ותצא מבת ציון כל הדרה״... —

צו אַלע נאַציאָנאַל־טויטע־אידען, וואָס זיצען אויף זייערע (??) פּלעצער אין חוץ לארץ (אויף ווי לאַנג?), און האָבען קיין נאַציאָנאַלען חוש, קיין פאָלקס־צוזאַמען־געהעריגקייטס־געפיהל, אז זיי זאָלען אויפשטעהן תחית המתים. און אזוי ארום וועט ווערען פון דער פּאַפּירענער באַלפור־דעקלאַריישאָן־בריק א משיח׳ס אייזערנע־בריק, און פון דעם ענגלישען „ווייס־בוך״ (א פאַלשער פירוש אויף דער דעקלאַראַציה) א „בלוי־ווייס־בוך״. —

און צו דעם גאַנצען אידישען פאָלק: „ל ש נ ה ט ו ב ה ת כ ת ב ו״ מיט אייגענער האַנט, ווייל מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו שאַרען... און ס׳זאָל שוין ניט ברויכען קיין מעדיצין פון: ברכות, ישועות און נחמות.. אמן.

יום כפור

36. ער זוכט שכורים.

פאַר׳ן זאָגען „כל נדרי״ האָט ר׳ לוי יצחק אַרומגעזוכט אונטער אַלע בענק פון דער שוהל צו זעהן אויב עס זיינען דאָ שכורים, און ניט געפונען. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

רבונו של עולם! היינט, ערב יום כפור, איז א מצוה צו עסען און צו טרינקען. נו, זעה, כאָטש עס איז א מצוה צו עסען און צו טרינקען האָט זיך דאָך קיינער ניט אָנגע׳שכור׳ט. זיינען דיינע אידעלעך ניט קיין טייער פאָלק? זיינען זיי ניט ווערטה קיין חתימה טובה?

37. א קלוגער ענטפער.

דער סאַנזער רבי ר׳ חיים איז געווען אַ גרויסער מענשען־קענער. איינ־מאָל אין יום־כפור האָט מען איהם געזאָגט, אַז איינער איז פאַר׳חלש׳ט און בעט אַ טרונק וואַסער. האָט דער רבי געהייסען איהם געבען אַ לעפעל וואַסער. שפּעטער איז יענער צוגעקומען צום רבי׳ן און געבעטען איהם, אַז ער זאָל איהם ערלויבען נאָך אַ פּאָר שלונג וואַסער.

— יאָ, — האָט דער רבי געזאָגט. — דו קענסט טרינקען, אָבער בתנאי, אַז דו זאָלסט שפּעטער אויסלייזען יעדען טרונק וואַסער פאַר הינדערט גילדען.

יענער האָט שוין מעהר קיין היתר ניט געבעטען.

38. ער איז אַן אפיקורס אויף אפיקורסות.

אין די ימים נוראים האָט מען אין אַ שוהל באַמערקט ווי אַן אפּיקורס דאַווענט מיט כונה, האָט מען איהם געפרעגט וואָס עס איז געשעהן מיט איהם?

— איך גלויב פעסט, — האָט דער אַטעאיסט געענטפערט, — אַז עס איז קיין גאָט ניטאָ. אָבער אַזוי ווי כ׳בין אַן אפּיקורס, צווייפעל איך אין דעם אויך...

39. די דרשה פון שניידער.

דער רבי פון בעלז, ר׳ שלום רוקח, האָט אַמאָל פאַר יום כפור געהייסען זיך ברענגען אַ פּשוט׳ען שניידער פון בראָדי. די חסידים האָבען געברענגט צום רבי׳ן אַזאַ שניידער.

דער רבי האָט איהם אריינגערופען און געפרעגט:

— וואָס איז טייטש: „אם עונינו ענו בנו״.

דער שניידער האָט געענטפערט:

— „אם עונינו״, כאָטש מיר זינדיגען, „ענו בנו״, זיינען מיר דאָך דיינע קינדער.

דער רבי האָט איהם געזאָגט דאָס צו פאַרשוויגען ביז נאָך יום־כפור.

מוצאי יום כפור האָט דער רבי דערצעהלט ווי דער טייטש פון דעם פּראָסטען שניידער האָט צו־נישט געמאַכט די טענות פונ׳ם שטן און זיין גאַנצען קטרוג אין הימעל.

40. יעדער מיט זיין אייגענער זינד.

דער ראָפּשיצער רבי האָט געדאַווענט די שמונה עשרה פון יום כפור איינגעבויגענערהייד. דערווייל איז געשטאַנען הינטער איהם אַ איד וואָס האָט אויף איהם אָנגעלעגט דאָס מחזור און זיך געקלאַפּט „על חטא״.

נאָך דעם דאַווענען האָט דער רבי געזאָגט צו דעם איד:

„ער זינדיגט און אויף מיר זאָגט ער״...

41. דער בערדיטשעווער און א שניידער

מוצאי יום כפור האָט ר' לוי יצחק גערופען צו זיך אַ שניידער און איהם געבעטען צו דערצעהלען פאַר'ן עולם זיין ויכוח וואָס ער האָט היינט געהאַט מיט'ן רבונו של עולם.

דער שניידער האָט מיט אַ ציטערדיגען טאָן אָנגעהויבען:

— איך האָב היינט אַזוי געזאָגט צום רבינו של עולם: עס איז היינט דער יום הדין, מען דאַרף טאָן תשובה, אָבער איך האָב ניט פיל געזינ־דיגט. אַביסעל „יתור" גענומען פון רייכע... און אַמאָל האָב איך ביים פריץ געטרונקען אַ גלעזעל משקה און צוגעביסען אַ שטיקעל ברויט אָהן צו וואַשען זיך. דאָס זיינען אַלע מיינע עברות.

אָבער דו, רבונו של עולם, וויפיל עברות האָסטו? פאַר וואָס האָסטו צוגענומען קליינע קינדער וואָס האָבען נאָך ניט געזינדיגט? און ביי אַנ־דערע האָסטו צוגענומען די מאַמעס פון אַזעלכע קינדער? אָבער, רבונו של עולם, איך וועל דיר מוחל זיין דיינע עברות און זיי דו מיר מוחל מיינע, און לאָמיר טרינקען לחיים. — דערצעהלענדיג דאָס האָט דער שניידער געטרונ־קען אַ לחיים צום רבונו של עולם.

דער רבי האָט נאָך יום כפור געזאָגט:

דער שניידער האָט מיט זיינע טענות אָפּגעראַטעוועט די אידען. אָבער אַ שניידער בלייבט אַ שניידער, פאַר אַ ביסעל „יתור" האָט ער מוחל געווען דעם רבונו של עולם אַזעלכע גרויסע חטאים... איך וואָלט כאָטש בשעת מעשה פאַרלאַנגט אַן אַנדער זאַך, — אַז ער זאָל שיקען צו אונז זיין משיח אויסצולייזען די אידען...

42. דער בערדיטשעווער און א מעקלער.

אַמאָל נאָך יום כפור האָט דער בערדיטשעווער געשיקט רופען צו זיך אַ באַקאַנטען מעקלער פון דער שטאָדט.

ווען יענער איז געקומען האָט ער צו איהם געזאָגט:

— כ'האָב היינט אויסגעפיהרט אַ מעקלעריי צווישען רבונו של עולם און די אידען. איך האָב איהם געגעבען: חטאים, עונות ופשעים, און ער האָט מיר געגעבען: מחילה, סליחה און כפרה. וויפיל קומט מיר מעקלעריי?

— איך וויים ניט, רבי, — האָט דער מעקלער געענטפערט. — כ'האָב נאָך אַזאַ מעקלעריי ניט געהאַט.

— אויב אַזוי, פּסק'ע איך אַליין, — האָט דער בערדיטשעווער אויס־גערופען. — איך פאַרלאַנג דערפאַר: בני! חיי! ומזוני! פאַר אַלע אידען...

43. מ'הערט איהם טאקע ווי דעם רב.

אין בערלין, וואו ס'ווערט איבעראל געדונגען רומס, אפילו אין די אויס־געלאסענע הייזלאך, צו דאווגען ימים נוראים, האט אמאל א באשטעלטער ראביי אין דער דרשה יום־כפור אין דאזיגען מקומ'ל זיי מוסר געזאגט:

„הלמאי קומט איהר ניט אלע טאג אין דעם גאטעס הויז?"...

און מ'האט איהם טאקי געפאלגט...

44. אן אנגעווארימטער יום כפור.

ר' הערשעל זשידאטשויוער איז אמאל געווען מיט זיין ברודער ר' משה אים יום כפור אין לובלין ביים „חוזה". ר' הערשעל איז פאר'חלש'ט גע־ווארען אים יום כפור, האט ר' משה איהם געראטעוועט, געמאכט פייער.

מוצאי יום כפור פרעגט איהם דער „חוזה", וואס דער ברודער מאכט.

— איך האב געמוזט מחלל יום כפור זיין, — דערצעהלט איהם ר' משה, — מאכען פייער, ווארימען רפואות.

— אצינד, — שמייכעלט דער „חוזה", — ווייס איך שוין וואס מיר האבען היינט געהאט אזא הייסען דאווגען, מחמת איהר האט אנגעווארימט.

45. ווי די קשיה אזוי דער תירוץ.

מוצאי יום כפור זיצען חשוב'ע בעלי בתים ביי א גאונ'ס טיש און מ'עסק'ט זיך אין דברי תורה. געפינט זיך דארט אויך א ישוב'ניק און ער האט אויך א קשיא צו פרעגען:

— אלע על חטא'ס פארשטעה איך נאר דעם חטא שחטאנו לפניך „בגלוי עריות", וואס מיינט „די לייבען פארטרייבען" (גלי אריות) פאר־שטעה איך ניט. וואס'ארא חטא זאל דען דאס זיין?

— איך וועל דיר דאס ערקלערען, — ענטפערט איהם דער גאון. — ס'שטעהט: גלייכער צו געהן אונטער א לייב ווי אונטער א אשה („אחורי ארי ולא אחורי אשה"), און אז מ'געהט דאך ליבער נאך פרויען, אזוי פאר־טרייבט מען די לייבען, און דערפון נעמט זיך דער חטא...

46. א בת קול פון א קאלבאס.

א פרומער פוילישער איד איז אמאל פארבלאנדזשעט געווארען אין א גאנץ רעפארמירטען טעמפעל אום יום־כפור אין בערלין, און האט זיך צו־געהערט ווי קריסטליכע מיידלאך האבען אויבען געזונגען: „צדיקים אנחנו ולא חטאנו", מיר זיינען גערעכטע און ניט קיין זינדיגע. די מענער פון אונטען האבען נאכגעזונגען: „אבל אנחנו ואבותינו חטאנו", מיר אבער זיינען יא די זינדיגע... — די אמת'ע תפילות זיינען איהם ווואילגעפעלען.

סוכות

47. ער האָלט ניט פון צאָהלען

אידען האָבען אויפגעשטעלט אַ סוכה בשותפות. אָבער איינער פון זיי האָט דעם אַנדערען זיין חלק ניט באצאָהלט און ער האָט איהם גערופען צום רב.

האָט דער רב גע׳פסק׳ענט, אַז ער דאַרף ניט באצאָהלען.

— פאַר וואָס? — האָט יענער איך געפרעגט.

— די גמרא זאָגט וועגען אַ סוכה: „תשבו כעין תדירו" (איהר זאָלט זיצען אין דער סוכה פונקט אַזוי ווי אין אַ דירה", און אַט האָב איך ערשט יענע וואָך געהאַט אַ דין־תורה פון זיין לענדלאָרד מיט איהם, אַז ער צאָהלט ניט קיין דירה־געלד, טו פאַרוואָס זאָל ער סוכה־געלד יאָ צאָהלען?

48. סוכות דאַרף מען ניט עסען.

פאַר וואָס טיילט מען מעות־חיטין אויף פסח און ניט אויף סוכות?

— ווייל ביי פסח שטעהט געשריבען: „תאכלו מצות", איהר זאָלט עסען מצות", מוז מען האָבען וואָס צו עסען. ביי סוכות שטעהט בלויז געשריבען: „תשבו בסוכות", איהר זאָלט זיצען אין סוכות, אָבער וועגען עסען שטעהט ניט קיין וואָרט.

49. אַ שמחה איז נאָר אָהן ווייבער.

אַ פרוי האָט געפרעגט איהר מאַן:

— היתכן, עס שטעהט ביי סוכות צוויי מאָל „ושמחת בחגיך" — זאָלסט זיך פרעהען אין דיין יום־טוב — פאַר וואָס זשע זיצען מענער אַליין אין סוכה, אָהן די ווייב?

— דאָס איז טאַקע דער געדאַנק פון שמחת יום־טוב, — האָט דער מאַן געענטפערט. — זיך אמת׳דיג משמח זיין איז נאָר אָהן די ווייב...

* * *

היינטיגע מלוכות זיינען געגליכען צו סוכות, ווייל ביים מינדעסטען בלאָז פאַלען זיי...

* * *

נעכטיגע עמיגראַנטען זיינען געגליכען געוועזען צו אַ לולב; זיי זיינען געוועזען גרין, און מ׳האָט זיי אויסגעשאָקעלט ווי אַ לולב.

* * *

ווען איז ביי אַ הונט יום־טוב? — ווען מ׳האָט איהם אונטער אַ פוס און ער בלייבט ביי „שלש רגלים".

50. די כונה פון אויסשאָקלען.

א רבי האָט אמאָל געפרעגט אַן עם־הארץ, וואָס'ארא כוונות ער האָט ביים שאָקלען דעם לולב?

— מ'נעמט דאָ (דרום זייט) און מיט גיט אָפּ דאָ (צפון זייט), מ'לייהט דאָ (אין מזרח זייט) און מ'גיט אָפּ דאָ (אין מערב זייט), און גאָט פון אויבען (למעלה) ווייסט ווי טיף אין דר'ערד (למטה) זיי וועלען אַלע ליגען... — האָט דער עם־הארץ געענטפערט.

51. א פאַרשפּעטיגטער פּסק.

א איד האָט פאַרקלאָגט זיינעם א שכן ערב סוכות אין קאָורט, ווייל דער שכן האָט אויפגעשטעלט זיך א סוכה אויף זיין פּלאַץ. דער ריכטער האָט גע'פּסק'ענט: „דער שכן מוז צואווארפען די סוכה ביז 14 טאָג צייט".

52. א דרשה פאַר די חברה קדישא.

א חברה קדישא האָט אמאָל איינגעלאַדען ר' יצחק אויערבאַך אים שמיני־עצרת עפּעס זאָגען פאַר זיי. האָט ער זיי אַלע געטראָפען שכור. הויבט ער אָן:

— ס'שטעהט אין דער תורה: „ולא ידע איש את קבורתו" — קיינער האָט ניט געוואוסט וואו משה ליגט באגראָבען, — איז די חברה קדישא דע־מאָלט געקומען מיט א טענה צום רבונו של עולם:

— ס'טייטש, האָסט גענומען משה רבינו און איהם אליין באגראָבען. היתכן, אַפּטאָן אַזאַ זאַך אָהן דער חברה? וואו איז אונזער פּאַרדינסטעל? (אויך פון ר' עקיבא'ס טויט האָבען זיי קיין פּראָפּיט ניט געמאַכט — אליהו האָט איהם באגראָבען).

— אייער גאַנצע כונה, — האָט זיי געענטפערט א בת־קול פון הימעל, — איז דאָך נאָר געלט און א ביסעל משקה. אַזוי זייט ווייסען, אַז תמיד ווען איהר וועט לייענען: „ולא ידע איש את קבורתו", וועט איהר זיין אַזוי שטאַרק פּאַרטרונקען און האָבען גענומען אַזויפיל משקה, אַז אפילו ווען משה רבינו זאָל ביי אייך זיין באגראָבען, וועט אויך קיינער פון אייך ניט ווייסען וואו זיין קבר געפינט זיך.

* * *

דעם „חתן תורה" איז נאָך אַלעמען אויך ניטאָ וואָס מקנא צו זיין. א כלה וואָס איז א 3,000 יאָהר אַלט, און איהר נדן באַשטעהט פון תרי"ג מצות. זאָל אונז דער אויבערשטער באַשערען אַזאַ מין פּאודער זי אויפ־צופרישען, א ביסעל יונגער מאַכען, זי זאָל מעהר חן האָבען...

חנוכה

53. אַ מנהג ישראל איז אויך תורה.

מ׳האָט געפרעגט דעם רבי־רבי־העשעל:

דער תנאי אין אָבות זאָגט: „אויף דריי זאַכען שטעהט די וועלט — אויף תורה, עבודה און גמילת־חסדים. מילא עבודה און גמילת־חסדים זיינען שוין געוואָרען גאָר שוואַכע זאַלעכער, אָבער תורה, לערנען דאָך אַביסעל די רבנים און אַביסעל אַלטוואַרג, איז דאָך די פראַגע, אויף וואָס דען שטעהט די וועלט אין דער „ניטל־נאַכט" ווען מ׳דאַרף קיין תורה ניט לערנען?

— „מנהג ישראל תורה היא", אַ אידישער מנהג ניט צו לערנען איז אַליין אויך אַ תורה, — האָט דער רבי געענטפערט, — און אויף דער תורה שטעהט די וועלט.

* * *

פריהעריגע גבורים האָבען געזונגען: „מעוז צור ישועתי", גאָט איז אונזער הילף. היינטיגע העלדען זינגען: „מעות צור ישועתי", דער דאָלאַר איז אונזער גאָט.

54. ווער זיינען די ליכט־צינדער?

אין אַ סך אַסימילאַטאָרישע (פאַר׳גוי׳אישטע) אידישע הייזער, וואו מ׳האָט שוין דעם קריסטמעס־יום־טוב געפייערט מיט אַ קריסטמעס־בוים, האָבען זייערע קינדער דאָס קריסטליכע ביימעל באַשניטען און דארויס געמאַכט אַ חנוכה־לעמפּעל. זאָגען די ציוניסטען מיט רעכט:

„די ליכטלאַך האָבען מיר אָנגעצונדען" (הנרות הללו שאָנו מדליקין).

55. „מאַי חנוכה?"

אַ גוטער איד (וואָס נעמט גוט פּדיונות) פלעגט ארומפאָהרען איבער די שטעדטלאַך אַלע יאָהר פאַר פסח, אים חודש מאַי. אַמאָל איז ער געקומען פריהער, אים חנוכה. האָט מען איהם געפרעגט מיט דער גמרא־פראַגע, אין אַן אַנדערען באַדייט:

„מאי חנוכה"? חנוכה איז דאָך ניט מאַי?...

פורים

56. צום געבען ווערט דער שטארקסטער זכרון שוואך.

א גרויסער גביר האט פארגעסען צו שיקען „משלוח מנות" צו זיין מלמד, האט'ס איהם דער מלמד דורכ'ן תלמיד דערמאנט, און ער האט ווידער פארגעסען.

אמאל זאגט דער רבי צום תלמיד ער זאל פרעגען דעם פאטער: פאר וואס האט הבל גע'הרג'עט קינ'ען? דער תלמיד האט געפאלגט.

קומט דער פאטער צולויפען מיט כעס: סטייטש, וואס פרעגט איהר עפעס פארוואס הבל האט גע'הרג'עט קינ'ען? עס איז דאך גאר געוועהן פארקערט.

— אזוי גאר?! — האט דער מלמד געזאגט. — אזא אלטע מעשה געדענקט איהר אקוראט, און מיר צושיקען משלוח מנות, וואס איך האב אייך דערמאנט ערשט מיט עטליכע טעג צוריק („נזכרים ונעשים") געדענקט איהר ניט?

57. שלוח מנות „איש" לרעהו.

איינער פון מלבי"ם'ס שונאים האט איהם אריינגעשיקט שלוח מנות א געבעקס אין געשטאלט פון א חזיר. נעמט דער מלבי"ם זיינם א פאטאגראפיע און שיקט עס צו יענעם מיט אן ערקלערונג: „איהר האט מיר געשיקט אייער בילד, נאט אייך דערפאר מיין בילד"...

58. דער רמ"א און פורים

דער רמ"א האט פארפאסט 33 ספרים, איז נפטר געווארען צו 33 יאהר און פונקט אין ל"ג בעומר (דעם 33טען טאג אין עומר). דער בעל הספד האט געוואלט אויסרעכענען דעריבער 33 שבחים, אבער אפזאגענדיג ביז 32 איז ער שטיל געבליבען, עס האט איהם אויסגעפעהלט א 33טער. האט זיך אויפגעשטעלט דער משמש פונ'ם רמ"א און געזאגט:

— איך וועל זאגען דעם 33טען שבח. אונזער נפטר פלעגט פורים ביי דער סעודה ארומגעהן איבער די הייזער און בעטען א ביסעל וואסער צו וואשען די הענד, און ער פלעגט בעת מעשה זאגען צו זיך: „מען דארף דאוונען מעריב", ווייל אין דעם אווענד פארגעסען פילע צו דאוונען מעריב.

59. מיט אַ פּאַר וואָס.

פאַר וואָס הויבט זיך ניט אָן די מגילה מיט „איש יהודי", וואָס איז דער עיקר המעשה?

— ווייל מיט אַ יהודי דאַרף מען ניט אָנהויבען.

* * *

„איש יהודי", סיי אַ מענש און סיי אַ איד זיין, דאָס איז דער גרעסטער נס אין דער מגילה.

* * *

פאַר וואָס „שלאָגט מען" ביי המנ'ען, כפרות, און מיט די הושענות?

ווייל ס'שטעהט: „הכה תכה" (דו זאָלסט שלאָגען). ה'כ'ה' מאַכט: המן, כפרות, הושענות.

— און פאַר וואָס עסט מען אין די טעג קרעפלאַך?

— ווייל ת'כ'ה' מאַכט: „תאכל קרעפלאַך הרבה".

* * *

פאַר וואָס ווערט המן אָנגערופען „צורר היהודים" ווען עס ווערט גע־רעדט פון איהם ווען ער האָט נאָך געלעבט, און נאָך זיין טויט: „צורר כל היהודים", אַ שונא פון אַלע אידען?

ווייל ס'שטעהט: „אביסעל ליוב מעג מען זאָגען ביים לעבען, אין גאַנצען ערשט נאָכ'ן טויט"...

פאַר וואָס רופט זיך יום כפור „יום כפורים"?

ווייל ס'איז יום כ־פורים — ווי פורים פאַרשטעלען זיך אידען פאַר גוים, אַזוי פאַרשטעלען זיך אים יום־כפור גוים פאַר אידען...

* * *

קיין חדוש וואָס ושתי איז ניט ווערט געווען דעם כבוד צו זיין מרס. אחשורוש. אַ פרוי פון די סאַמע העכסטע פענסטער זאָל ניט וויסען, אַז צו אַ באַל דאַרף מען קומען „אָנגעטאָן" נאַקעט!...

* * *

די גמרא זאָגט: „אסתר ירקרקת היתה", אסתר איז געווען אַ גרינע. נאָר לויט ווי ס'שטעהט, אַז „אין אָוונעד איז זי געקומען צום מלך און צו־מאָרגענס האָט זי זיך צוריקגעקערט צו די חכמים", איז זי שוין גאָר קיין גרינע ניט געווען...

* * *

איינער האָט אָנגעטראָפען דעם צווייטען אים פורים, און זייענדיג זייער „ביזי" האָט ער איהם די האנד ניט געגעבען. פרעגט איהם דער צווייטער: „סטייטש, ביזט עפּעס ברוגז אויף מיר, וואָס גיבסט מיר ניט אָפּ קיין שלום־עליכם?" „חלילה", ענטפערט דער ערשטער, „ס'שטעהט דאָך אין דער מגילה בפירוש: „ובביזה לא שלחו את ידם", ווען מען איז ביזי גיט מען ניט די האנד...

60. אין פורים זיינעןביידע גערעכט.

א מאָדנע זאך: אונזערע חכמים זאָגען אז די זון דרעהט זיך, און די גוים זאָגען אז די ערד דרעהט זיך. קומט צוגעהן א מבושמ'דיגער איד אום פורים און זאָגט, אז איהם דאכט זיך אז ביידע זיינען גערעכט...

61. א באַווייז און א געגען-באַווייז.

אן איינציקעל פונ'ם „נודע ביהודה" האָט געליבט אין זיין דרשה דאָס לערנען די לאַנדעס-שפּראך און געהן אין די סקוהלס פון לאַנד. א באַווייז איז, אז די גאַנצע גאולה פאַר אידען איז געקומען דורך מרדכי'ן נאָר צוליב דעם וואָס ער האָט פאַרשטאַנען די שפּראך, אין וועלכער בגתן און תרש האָבען זיך אָפּגערעדט דעם מלך צו הרג'ענען.

— פאַרקערט, — האָט איהם א חסיד איבערגעשלאָגען די רייד. — פון דאַנען איז צו זעהן, אז די אידען האָבען טאַקע ניט געלערענט קיין פרעמדע שפּראכען. וואָרים ווען יאָ, וואָלטען די צוויי פאַרשווערער זיך געוועהן געהיט פאַר מרדכי'ן.

62. יעדער שיקט זיינס גלייכען.

איינער האָט אמאָל געשיקט צו א רב אַלס שלח מנות א הינטעלע גע-מאַכט פון שאָקאָלאַד. דער רבי האָט איהם דערויף געענטפערט:

עס שטעהט „ומשלוח מנות איש לרעהו", מען זאָל שיקען שלח מנות איין מענש צום צווייטען. צו וואָס דאַרף שטעהן „איין מענש" צום צוויי-טען? פאַר וואָס זאָל ניט בלויז שטעהן „איינער צום צווייטען?" — ווייל יעדערער שיקט זיינס גלייכען: א מענש שיקט עפּעס מענשליכעס און א הונט עפּעס הינטישעס.

63. פורים'דיגע פאַרשטעלער.

איינער האָט אמאָל געפרעגט פון וואַנען ס'נעמט זיך דער מנהג צו פאַרשטעלען זיך אין פורים?

— ווייל ס'שטעהט, — האָט איהם א משכיל ערקלערט, — ופני המן חפו", המן'ס פנים האָט זיך פאַרדעקט.

ווייל ס'שטעהט: „מ'דאַרף זיך אים פורים אזוי פיל אָנטרינקען, אז מען זאָל ניט וויסען ווער איז דער פאַרשאָלטענער המן און ווער דער גע-בענשטער מרדכי.

און ווייל ס'שטעהט: א סך גוים האָבען זיך פאַר אידען פאַרשטעלט (נאָר לפנים. גמרא).

64. בגתן אַ גבאי, בגתנא אַ רבי.

פאַר וואָס הייסט „בגתן" (דעם קייזער'ס גבאי) אַמאָל „בגתן" און אַמאָל „בגתנא"?

ווייל צווישען דער צווייטער פרשה ביז דער זעקסטער איז ער דער־ווייל געוואָרען אַ רבי און די חסידים האָבען שוין פאַרצויגען זיין נאָמען „בגת־ניו", ווי זיי רופען אַלע רביים: שלמה'לע, ישראל'ניו. (יש אומרים, אַז דער סאַנזער האָט דאָס געזאָגט אויף דעם סאַדיגורער רבי). היינטיגע חזנים'לאַך ווערען אויך אַזוי פאַרצויגען און זיי באַווייזען מופתים אַזוי אַרום געלד צו מאַכען.

65. אַז דער אָדר קומט מאַכט אַ „שמחה" אַ שמחה.

אַ איד מיט'ן נאָמען שמחה איז אין חודש אָדר אַ יתום געוואָרען און אָנגעהויבען אַלע טאָג דאַווענען פאַר'ן עמוד מיט זיין משונה'דיג קול, וואָס האָט אַלעמען לאַכענדיג געמאַכט. האָבען זיי געזאָגט: „ווען עס קומט דער „אדר" מאַכט „שמחה" פרעהליך דעם עולם" („אָדער" האָט נאָך אַן עראַ־טישען באַדייט, וואָס קלוגע וועלען דאָס פאַרשטעהן אויפ'ן וואונק).

66. פון צוויי גוטע זאַכען דאָס בעסערע קודם.

אַ מקבל פרעגט דעם צווייטען: פאַרוואָס איז פורים פאַר פסח? אייגענליך זיינען דאָך די אידען פריהער אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים און דערנאָך ערשט איז אויף זיי אויפגעשטאַנען המן הרשע?

— דער אויבערשטער שיקט די רפואה פאַר דער מכה, — ענטפערט דער צווייטער. — דורך די נדבות וואָס מיר באַקומען אים פורים האָבען מיר געלד צו מאַכען פסח.

און נאָך אַ טעם: פון המן'ס גזירות מאַכען מיר אַ לעבען, אָבער פון פרעה'ס גאַנצען רייכטום איז אונז ניט מעהר געבליבען ווי דאגות: ווי ברענגט מען דעם פסח אַריין?. נו, איז צום חשוב'ערען נעמט מען זיך פריהער...

67. די צונג פון אַ בהמה מיינט גאָרניט.

אין וואָלאָזשינער ישיבה איז געווען אַ מנהג צוליב שמחת פורים אויפצורופען אַ תלמיד פאַר אַ „פורים רב" צו האַלטען אַ „פורים דרשה". האָט אַזאַ ישיבה־בחור אין דער דרשה ניט־בכבוד'יג גערעדט וועגען דעם ראש הישיבה. האָט דער ראש הישיבה אויף דער דאָזיגער חוצפה אַזוי געזאָגט:

— פאר וואס בדק'נט מען א בהמה נאכ'ן טויט ביי די לונגען, וואס מאכט דעם שוחט שווערע ארבייט? פאר וואס ניט בעסער ביים לעבען, דורך געבען איהר צו טרינקען שנאפס, ווארים ס'איז דאך א כלל, „אז וואס ביי א ניכטערען אויפ'ן לונג איז ביי א בהמה אויפ'ן צונג", וואלט מען דאך באלד געקענט וויסען פון איהר צונג וואו ס'האלט מיט איהר לונג? דאס איז אבער גערעדט ביי א מענש, אבער ביי א בהמה קען מען פון דער צונג גארניט וויסען.

פסח.

68. זיבען קשיות.

פאר'ן אפריכטען דעם סדר האט א זוהן געפרעגט דעם פאטער:

— טאטע, איך וועל דיך היינטיגס מאל ניט פרעגען 4 קשיות, נאר גאנצע 7.

— פרעג, מיין קינד, פרעג, — זאגט דער פאטער.

נאך די 4 קשיות פון דער הגדה פרעגט דער זוהן ווייטער:

— פאפא: פאר וואס א גאנץ יאהר, אז עס קומט צו דיר אן ארימאן גיסטו איהם א קדחת און היינט שרייסטו אזוי בריוח: „כל דכפין ייתי ויאכל"?

— קינד מיינס, — ענטפערט דער פאטער, — דער תירוץ איז: עבדים היינו לפרעה במצרים", און איך פיהר זיך פונקט אזוי ווי פרעה האט זיך געפיהרט. ער האט צוגעזאגט און ניט געהאלטען ווארט, טו איך אויך אזוי.

דער זוהן: פון וואנען האסטו געהאט אנצוגרייטען אזא פסח אז דו האסט א גאנצען ווינטער קיין ארבייט ניט געהאט?

דער פאטער: דער תירוץ איז: „לפיכך אנחנו חייבים", צוליב דעם זיינען מיר אומעטום שולדיג!...

— פאפא: פאר וואס פארשליסטו די טיר ווען מען זעצט זיך צום סדר?

— דו האסט גאר פארגעסען, — האט דער פאטער איהם געענט־פערט, — אז מען וועט באלד זאגען „כל דכפין יתי ויאכל", קענען נאך די הונגעריגע אריינקומען צום עסען.

69. ש. פרוג און דער „שפוך חמתך".

א. צעדערבוים, רעדאקטאר פון „המליץ", האט זיך געפיהרט, אז צום סדר האט ער איינגעלאדען פיל אינטעליגענטע מענשען. אין יאהר 1881

איז אין פעטערבורג געווען אַ גרויסע שמד־עפּידעמיע און פיל אַנגעזעהענע אידען האָבען זיך גע'שמד'ט. צום סדר אין יענעם יאָהר זיינען געקומען אַ גרויסע צאָהל אַנגעזעהענע אידען, דאַרונטער אויך דער דיכטער ש. פרוג.

פלוצלונג האָט זיך געעפענט די טיר און עס זיינען אַריינגעקומען דריי משומדים. אַלע זיינען געבליבען אין פאַרלעגענהייט. אָבער פרוג האָט זיך ניט פאַרלאָרען און אַ געשריי געטאָן:

וואָס שווייגט איהר. לאָמיר זאָגען אַלע: „שפוך חמתך אל הגויים".

אַלע אַנוועזענדע האָבען מיטגעזאָגט און די משומדים זיינען באַלד אַנטלאָפען מיט גרוים חרפּה.

70. אַ העלפט האָט ער אויסגעפיהרט.

רבי נפתלי, דער ראָפּשיצער רבי, איז אַמאָל שבת הגדול אַהיים גע־קומען זעהר מיד פון שוהל. פרעגט איהם די פרוי:

— וואָס ביזטו אַזוי מיד?

— כ'האָב געהאַט אַ שווערע דרשה.

— דהיינו?

— כ'האָב געאַרבייט זעהר שווער אַרויסצורופען רחמנות ביי די גבירים צו געבען די אָרימע לייט אויף פּסח.

— און דו האָסט כאָטש גע'פועל'ט?

— די אָרימע לייט זיינען שוין גרייט צו נעמען. צי די רייכע זיינען שוין אויך גרייט צו געבען ווייס איך ניט.

71. ער האָט איהם געגעבען אין טאַטען אַריין.

אַ דאָרפסמאַן קומענדיג צו די מכות, האָט ער געזאָגט: דם, צפרדע, „בנים".

— טאַטע! — האָט איהם דער זוהן אויפמערקזאַם געמאַכט. — עס שטעהט דאָך „כנים", ניט „בנים"?

— כ'ווייס, כ'ווייס, נישקשה „בנים" איז אויך אַ גוטע מכה.

— אויב אַזוי, — האָט דער זוהן איהם געענטפערט, — לאָמיר זאָגען ווייטער: „עוד נגע אחד „אבי" (אביא)". דו, טאַטע, ביזט אויך אַ מכה.

(אַ וואָרט־שפּיל: „אביא" ברענגען, און „אבי" מיינט טאַטע).

72. מילך אויף ארבע כוסות.

איינמאָל איז צו ר' יוסי־בער געקומען אין ערב פּסח אַ איד און איהם געפרעגט צי מען מעג געברויכען מילך אויף ארבע כוסות.

— פאַר וואָס ווילסטו עפּעס מילך? — האָט דער רבי איהם גע־פרעגט. — ביזט דען קראַנק?

— ניין, — ענטפערט דער פרעגער, — כ'בין געזונד, נאָר ווײַן איז פאַר מיר הײַנט אַ ביסעל טײַער.

נעמט דער רבי און גיט איהם 20 רובל.

אַז דער איד איז אַוועק האָט די רבי'צען געפרעגט ר' יוסי בער'ן:

— פאַר וואָס האָסטו איהם געגעבען 20 רובל? ווײַן אויף ארבע כוסות קען מען דאָך קריגען פאַר 2 רובל?

— געוויס, — זאָגט רבי יוסי בער, — אַז אַ איד פרעגט אַזאַ פראַגע, מן הסתם האָט ער אויך ניט קיין פלייש און ניט קיין פיש, ווײַל ווי קען ער עסען פלייש און טרינקען מילך, האָב איך איהם געגעבען אויף אַלעם וואָס ער דאַרף.

73. אַ שוסטערישער טײַטש.

דער רבי, ר' הירש־מלך דינאָווער, האָט זיך געפיהרט, אַז פאַר'ן סדר האָבען די חסידים איהם געמוזט דערצעהלען עטליכע ווערטער. איינמאָל האָבען די חסידים זיך געשטעלט הינטער אַ פענסטער פון אַ שוסטער און געהערט ווי ער טײַטשט:

— „והיא (משה רבינו) שעמדה לאבותינו ולנו (וואָס איז בײַגעשטאַנען צו אונזערע עלטערען און צו אונז), ולא אחד בלבד (נישט איין רבי אליין), „עמד עלינו (איז אויפגעשטאַנען פאַר אונז) לכלותינו (לחלותנו) (צו בעטען פאַר אונז), אלא שבכל דור ודור (אין יעדען דור באַזונדער), עומדים (שטעהען אויף נייע רביים) עלינו לכלותינו (צו בעטען פאַר אונז), והקדוש ברוך הוא (דער אויבערשטער) מצילנו מידם (ראַטעוועט אונז פון אַלע רביים).

נאָכדעם ווי די חסידים האָבען דערצעהלט דעם רבי'ן דעם טײַטש, איז ער באַלד געגאַנגען אַ פרעהליכער פראַווען דעם סדר.

74. אַן אָרימאַן'ס אַ קשיא.

„מה נשתנה", פאַר וואָס, — פרעגט דער אָרימער אורח, זיצענדיג בײַם סדר פונ'ם רײַכען — איז די חרוסת פאַר אַ זכר צום לעם, מרור וועגען פאַרביטערען אונזער לעבען, פאַר וואָס ניט אויך געלד אויפ'ן טיש אַלס אַ זכר צום „רכוש גדול" וואָס די אידען האָבען מיטגענומען פון מצרים?

תירוץ: ווײַל פונ'ם געלד איז שוין לאַנג קיין זכר ניט געבליבען...

75. פריהעריגע און איצטיגע רבנים.

אַ ישוב'ניק מיט זײַן ווײַב, זיצענדיג בײַם סדר און זאָגענדיג די הגדה, קומט־צו צו דעם קאַפיטעל: „מעשה ברבי אליעזר ורבי יהושע". טונקט

דעם ישוב׳ניק׳ס פרוי ביי יעדען תנא דעם פינגער אין וויין, מיינענדיג אַז דאָס זיינען די צעהן מכות. ווען זי האָט אָנגעהויבען זאָגען „דם צפרדע" און בעת מעשה ניט געטונקט דעם פינגער אין די וויין, האָט איהר דער מאַן ערקלערט:

„די פריהערדיגע זיינען געווען רבנים, די איצטיגע זיינען מכות ניט רבנים"...

76. נאַר די מטבע האָט די דעה.

„ואפילו כלנו חכמים כלנו נבונים", כאָטש מיר זיינען אַלע קלוג און פאַרשטענדיג, דאָך „כל המרבה לספר", דער וואָס האָט מעהר צו צעהלען, „הרי זה משובח", דער איז געלויבט — געלד רעדט.

ווי פרעגט מען עפּעס אויף מענשען: „וויפיל איז ער ווערט?" אפילו ווען ער האָט אָהן דעם געלד קיין שום ווערט ניט, באקומט ער שוין אַ ווערט מיט זיין געלד.

ווי זאָגט דער אתרוג־סוחר צו דער לימענע: זיי אַן אתרוג, און איך לעג דיך אין וואַטע.

77. ווער ס׳יכול׳ט און ווער ניט.

„יכול מראש חודש" — דער רב, וועלכער קען טאַקע, גיט אָן די שטעלען (מראה מקומות) פון דער דרשה שוין אים ראש חודש. „תלמוד לאמר ביום ההוא" — אָבער אַ רב, וואָס דאַרף נאָך אַליין לערנען, צייגט אָן זיינע טעמאַ׳ס אין דעם זעלבען טאָג פון זיין דרש׳נען, מען זאָל ניט ציים האָבען אויסצוגעפינען זיינע פעהלערען.

78. די פאַר׳שכור׳טע „בני ברק".

ערב פסח האָט דער ליץ הערשעלע אַסטראָפּאָליער אויסגעבעטען ביי דעם רבי־רבי־ברוך אַ הגדה. צו־מאָרגענס קומט ער ווידער מיט דער זעל־בער בקשה.

— דו האָסט דאָך שוין נעכטען באַקומען אַ הגדה? — וואונדערט זיך דער רבי.

— זאָל דער רבי הערען, — זאָגט הערשעלע, — נעכטען נאָכ׳ן עסען און טרינקען האָב איך אַ שפּאַציר געמאַכט מיט די „בני ברק" וועגען שמחת החג. איך, וואָס בין שוין אין דעם איינגעוואוינט, האָב נאָך גע־קענט געהן אַהיים, זיי זיינען דאָרט געבליבען שכור...

דער רבי האָט פאַרשטאַנען דאָס אָנצוהערעניש און האָט געשיקט אין שענק אויסלייזען די פאַר׳משכנ׳טע הגדה.

79. אַ שטאָך־וואָרט פאַר אַ משומד.

דער משורר י. ל. גאָרדאָן האָט געשריבען אַ בריף אחרון של פסח צום העברעאישען פּאָעט ק. שפּירא, וועלכער האָט זיך גע׳שמד׳ט, מיט אַזאַ טיטול:

„פון איינעם פון די גלויביגע אין איין גאָט צו איינעם וואָס גלויבט אין דער דריי־איינינגקייט; אינ׳ם לעצטען טאָג יום־טוב, וואָס איז דער לעצטער פאַר דעם ערשטען (יל״ג) און דער ערשטער טאָג יום־טוב פאַר דעם לעצטען (שאַפּיראַ).

80. פסח׳דיגע פעטש אין אַ חמצ׳דיגען טאָג.

דער ווילנער הערשעלע אסטראָפּאָליער איז אַמאָל אריינגעקומען אין אַ דאָרף מיד און הונגעריג. די בעל־הבית׳טע, וועלכע האָט זיך געפונען אליין אין הויז אָהן דעם מאַן, האָט גאָרניט פאַרבארייט פאַר׳ן אורח צום עסען.

— ווי קען אייער מאַן היינט אים פורים פונ׳ם הויז אוועקפאָהרען? — האָט דער לץ געפרעגט מיט אַן ערנסטקייט צום אויסגעקלערטען שפּיל.

— אוי, וועה, — באַדויערט די בעל־הבית׳טע. — ווער וועט טאַקע ביי מיר לייענען די מגילה און ווער וועט פּראַווען די פורים־סעודה?

— אייער מאַן האָט אודאי געהערט די מגילה לייענען אין שטאָדט, — האָט דער אורח זי באַרוהיגט. — און פאַר אייך וועל איך לייענען די מגילה.

זי האָט איהם געמאַכט אַ סעודת־פורים, ווי אין פּסוק שטעהט. נאָכ׳ן עסען איז ער זיך אוועק.

ווען דער מאַן איז געקומען אהיים, איז איהם דאָס ווייב באַפאַלען, הלמאי ער איז אוועקגעפאָהרען פון הויז אים פורים. דער מאַן האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט איהם הערשעלע אָפּגעטאָן אַ שפּיצעל. אין אַ חודש ארום באַגעגענט ער דעם לץ אין שטאָדט און ער לאַדעט איהם איין צו אַ גלאָז ביער. נאָכ׳ן טרינקען דערלאַנגט ער הערשעלע׳ן גוטע צוויי פעטש מיט דער באַמערקונג:

— דו, רשע! וואָס טרינקסטו ביער אין פסח?

— ביזט משוגע? — זאָגט הערשעלע — היינט איז דען פסח?

— אויב מיט אַ חודש צוריק איז ביי מיר אין הויז געוועזען פורים, איז היינט פסח.

81. צופיל אפיקומן שאַדט.

אַן עטליכע־אַכציג־יעהריגער זקן איז פּלוצלונג אין פסח קראַנק געוואָרען און קיינער האָט ניט געוואוסט די קראַנקהייט. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז דאָס איז איהם געקומען פון צופיל אפיקומן עסען.

— דהיינו? — האָט מען איהם געפרעגט.
— אַ מאַן, וועלכער האָט שוין געגעסען אכציג אפיקומנ'ס, מוז אמאָל קראנק ווערען, — האָט דער דאָקטאָר ערקלערט.

82. עקאָנאָמיק פון אַ אידען.

אַן אָרימאַן דערצעהלט זיין חבר פאַר פסח:
„דריי זאַכען האָב איך שוין אויף פסח „דעם פינגער" צו די עשר מכות, „די זייט" אויף אָנלעהנען זיך, און „דאָס מויל" צו עסען. מרור פעהלט מיר אויך ניט, ברוך השם. איך בין אויך שוין מקיים די מצוה פון: „לא יראה לך חמץ", ס'זאָל קיין חמץ ביי דיר ניט געזעהן ווערען. נאָר פון דער מצוה: „שבעת ימים תאכל מצה" (זיבען טעג זאָלסטו עסען מצה), דערפון בין איך נאָך זעהר, זעהר ווייט...

83. געגען דריי מענשען רעדט די הגדה.

ביי איינעם איז דער עיקר די קניידלאך, די הגדה אַ נעבען־זאַך. ביי אַ צווייטען איז די הגדה דער עיקר, די קניידלאך אַן איבעריגקייט. ביי אַ דריטען איז די הגדה טאַקע ניט די הויפּט־זאַך, נאָר אז ער ווייסט אַז נאָך איהר קומט קניידלאך, ווערט די הגדה ביי איהם אַן עיקר...

84. הפקר־פעטרישקע.

אום פסח איז ביי אידען אפילו פעטרישקע אויך אַ סחורה, אַ מיוחס, אויבענאַן און דאָך פריי און הפקר פאַר יעדען. און, ווער ווייסט, אויב אַ איד מיינט ערנסט די תפילה: „כל דכפין ייתי ויאכל" (ווער עס איז הונגעריג זאָל קומע[ן] עסען), מיינט ער אודאי די פעטרישקע.

85. אַ 2,000 יעהריגע פארשלעפעניש.

אַ דאָרפס־ערענדאַר פלעגט צו יעדען סדר איינלאַדען דעם דאָרפס־שופט צו זיך אהיים. אמאָל, זאָגענדיג די הגדה, שטעלט ער זיך אָפּ ביים פסוק: „לשנה הבאה בירושלים" און רופט אויס:
„רבונו של עולם! איך שעהם מיך שוין פאַר'ן שופט. אַלע מיינע יאָהרען פארשלעפּ איך: איבער אַ יאָהר, און נאָך אמאָל איבער אַ יאָהר אין ירושלים... ווי לאַנג נאָך זיין אַ שלעפּער?..."

86. אוי... פאַרקויפען צו אַ גוי... (או מכור לנכרי).

אַ מאַן האָט זיך געקריגט מיט זיין פרוי אין ערב פסח. אויסראַמענדיג דעם חמץ פון הויז, זאָגט ער צו איהר:
— הלואי וואָלט איך שוין געהאַלטען ביים אויסראַמען דעם ריכטיגען חמץ (דיך) פון מיין הויז.

— דאָס דאַרפסטו ניט מעהר טאָן, — ענטפערט די פרוי. — מיין טאַטע האָט מיך שוין לאַנג פאַרקויפט צו אַ גוי...

87. אַ קלוגער ענטפער.

וואָס וואָלט אַצינד געזאָגט פרעה מלך מצרים וועגען דער אידישער באַפרייאונג פון עגיפּטען, ווען ער וואָלט געלעבט? — פרעגט אַ רבי דעם תלמיד.

— האַ? ווען ער וואָלט איצט געלעבט, וואָלט ער זיכער צו־אַלט געווען צו אינטערעסירען זיך מיט פּאָליטיק, — האָט דער תלמיד געענטפערט.

88. אַ קאַרגער צעהרט מעהר.

וואָס האָט ר׳ יהודה פאַרדינט מיט זיינע סמנים: „דצך עדש באחב״?

— ער האָט פאַרדינט „מכות״ („מכות״ פעהלט אין זיינע סמנים).

און וואָס האָט ער געוואָלט שפּאָרען? ס׳איז באַקאַנט, אַז על כל מכה ומכה גיסט מען אָפּ אַ טראָפּען וויין. ר׳ יהודה, דער קאַרגער, האָט געוואָלט שפּאָרען וויין און געמאַכט אַן אָפּקירץ אין די ווערטער פאַר די מכות, האַבענדיג אין זינען אַז מען זאָל אָפּגיסען בלויז דריי מאָל די וויין. וואָסזשע טוט גאָט? הייסען די חכמים אָפּגיסען וויין אי ביי די צעהן מכות, אי ביי די דריי סמנים, צוזאַמען אַלזאָ 13 מאָל...

89. אַמאָל צעהרט אַ קאַרגער ווייניגער.

אַן אורח איז געווען געלאַדען צו אַ גביר אַ קמצן צום סדר. דער גביר האָט פאַר זיך אָנגעגאָסען אַ גרויסען כוס, פאַר׳ן אורח, אַ קליינעם כוס. דער בעל־הבית האָט אָפּגעגאָסען וויין ביי „דם צפרדע״, דער אורח נים. ערשט ביי „דצך״ האָט דער אורח אָפּגעגאָסען די וויין. פרעגט איהם דער גביר דעם טעם דערפון. ענטפערט דער אורח:

— פאַר אייך שטעהט אַ גרויסער כוס. נאָך צעהן טראָפּען בלייבט אייך נאָך אַלץ וויין אין כוס, אָבער ביי מיין כוס ווען איך זאָל אָפּגיסען עפּעס מעהר פון דריי טראָפּען בלייבט דאָך דער כוס אַ לעערער.

* * *

אַן אַנדערער נוסח. דער קאַרגער בעל הבית האָט געפרעגט דעם אורח:

— צו וואָס האָט ר׳ יהודה געקירצט די מכות פון 10 אויף 3?

אורח: ר׳ יהודה האָט געוואוסט אַז ס׳געפינט זיך אַ קאַרגער וואָס גיט דעם אורח אַ קליינעם כוס, און מעהר פון דריי טראָפּען בלייבט ניט איבער, איז דאָס פאַר׳ן אורח געמאַכט; און די צעהן מכות זאָל זיך דער בעל־הבית נעמען.

90. אַן עכבר וואָס קען.

אַ ישוב'ניק האָט געפרעגט ביי אַ לץ אַן עצה ווי אַזוי באַפרייט ער זיך פון די ראַטען וואָס פרעסען אויף אַלצדינג.

— לעג אַריין אין יעדען לאָך אַ שטיקעל אפיקומן, — האָט דער לץ אַן עצה געגעבען, — ווייל ס'שטעהט: „נאָכ'ן אפיקומן דאַרף מען מעהר ניט עסען".

— פון וואַנען אָבער ווייסען דאָס די עכברים? — פרעגט דער תמ'עוואַ־טער ישוב'ניק.

— עה... — ענטפערט דער לץ — זיי האָבען דאָך מיין „שלחן ערוך" אויפגעפרעסען, ווייסען זיי שוין גוט דעם טעם פון אַפיקומן...

91. מכות וואָס פרוכפּערען זיך.

אינ'ם סדור פון אַ ישוב'ניק איז געווען אין די בלעטלאַך אַ פאַרדרע־העניש. אויפ'ן אָרט פון: „אלו עשר מכות" איז געשטאַנען: „אָשמנו בגדנו"...

— האָבען זיך די מכות אַזוי שטאַרק פאַרמעהרט? — פרעגט איהם דאָס ווייב.

— יאָ, — ענטפערט דער ישוב'ניק. — דאָס יאָהר איז אַן עיבור־יאָהר, מעהר אַ חודש צוגעקומען...

92. אידענטום און קריסטענטום.

דער־רבי־רבי־יונתן פראַגער פלעגט פיהרען וכוחים מיט גלחים. אַמאָל בעט איהם אַ גלח, זיי זאָלען ענדערען זייערע ראָלען: ער (דער גלח) וועט אויפטרעטען אַלס רב, און דער רב מיט די טענות פון אַ גלח.

דער נייער רב: מילא, מיר אידען פייערען דעם פּסח ווייל אין דעם טאָג זיינען מיר אַרויס פון מצרים, אָבער איהר קריסטען ווי קומט איהר צו דעם פאַסכאַ־יום־טוב?

דער נייער גלח: ווען די אידען וואָלטען ניט אַרויס פון מצרים וואָלטען מיר ניט געהאַט קיין גאָט, ער זאָל אַרויסקומען פון אידען...

93. אַ פאַרטיידיגונג פון אַ אידישען גנב.

אַ ריכטער האָט געפרעגט אַ אידישען גנב, צום וויפילטען מאָל ער האָט גע'גנב'עט.

— צום צווייטען מאָל, — ענטפערט דער גנב. — דעם ערשטען מאָל דעם אפיקומן ביים טאַטען, און אַצינד חמץ פאַר מיינע קינדער.

ער איז באַפרייט געוואָרען.

94. א האנדגרייפליכע ערקלערונג.

א דאָרפּס יונגערמאַן, ערשט נאָך דער חתונה, האָט ניט געוואוסט ווי דעם סדר אָפּצוריכטען. שיקט ער זיין ווייבעל צום שכן, דאָרט זיך צוקוקען ווי ס'געהט די הנהגה. זי געהט ארויס און באמערקט ווי דער שכן שלאָגט די ווייב. זי קומט צוריק, מיינענדיג אז אזוי פיהרט מען א סדר, און זי האָט מורא צו זאָגען א וואָרט. דער מאַן פרעגט זי עטליכע מאָל, און זי שווייגט אלץ. ביז ער געהט ארויס פון געדולד און הויבט זי אָן צו שלאָגען.

— ענטפערט זי: אז דו ווייסט שוין יע דעם דין, טו צו וואָס פרעגסטו?...

95. גאָט'ס פּאָליציילייט.

דער בערדיטשעווער רבי רופט צו זיך אלע גרויסע סוחרים פּסח אָוועגד און פרעגט זיי בסוד, אויב זיי פיהרען אריין טריפה'נע סחורות פון יענער זייט גרעניץ. דערשראָקען האָבען זיי מודה געווען די זינד.

מיט א פרעהליך פּנים, די אויגען געווענדעט צום הימעל רופט ער אויס:

— רבונו של עולם! וואו נאָך איז פאראַן אזא פאָלק ווי ישראל?! אין שטאָדט זיינען פאראַן אזויפיל פּאָליציי, דאָך גנב'עט מען אריין סחורות אָהן אָפּצאָהל. אָבער אז דו האָסט געבאָטען: „ס'זאָל זיך קיין חמץ ניט געפינען אין דיינע גרעניצען", — אָהן פּאָליס און וועכטער, — נו, זעה אויב דו וועסט געפינען כאָטש א ברעקעל חמץ אין א אידיש הויז!...

96. א בריף צו גאָט וואָס ברענגט תשובה.

ערב פּסח און אין הויז איז נאָך ניטאָ קיין סימן פון פּסח'דיגע מאכלים. גיט דאָס ווייב אַן עצה דעם מאַן צו שרייבען א געוויין־בריף צום רבונו־של־עולם, ער זאָל באשערען אויף יום־טוב. האָט ער אזא בריף אָנגעשריבען און איהם אין דרויסען אויפ'ן ווינד אויפגעגעבען.

אויפ'ן וועג פאָהרט ראָטשילד און ער דערזעהט א פרישען בריף פליהען. לאָזט ער איהם אויפהויבען. ער לייענט אביער דעם ביטערען בריף און שיקט דורך זיין דינער 50 רובעל צום בריף־שרייבער. דער דינער וואַרט אויף א דאנק, אָבער אומזיסט.

— ס'קומט דאָך ווענינסטענס א דאנק דעם שליח פון גאָט? — זאָגט דער דינער.

— וואָס פאר א דאנק?! — זאָגט די פרוי. — ווער ווייסט וויפיל דער ראָטשילד האָט זיך אראָפּגענומען פאר'ן וועג...

* * *

צו אַן אַסימילירטען ראַביי אין דייטשלאַנד טאָר מען ניט פאַרקויפען דעם חמץ. אמת, ער איז טאַקע אַ „כופר", אָבער ניט קיין „קויפער".

* * *

„הא לחמא עניא" — מצה איז טאַקע אַן ארים שטיקעל ברויט. אָבער בלויז פאַר די אָרימע, וואָס באַקען די מצות, און פאַר די וואָס קויפען זיי, אָבער ניט פאַר די מצה־פאַבריקאַנטען.

* * *

דער גאון ר' ישראל סאַלאַנטער, פלעגט אַליין געהן מצות באַקען. אַמאָל איז ער קראַנק געווען, האָט ער געשיקט זיינע תלמידים.

— וואָס זאָלען מיר בעיקר אָפּהיטען? — האָבען זיי געפרעגט.

— איהר זאָלט זעהן זיך ניט צו בייזערען אויף די אָרימע קנעטערן.

* * *

פאַר וואָס איז ערלויבט צו גנב'ענען דעם אפיקומן? ס'שטעהט דאָך אין דער תורה: לא תגנוב.

דער תירוץ: אַ הונגעריגער טאָר טאַקע ניט גנב'ענען, אָבער אַ זאַטער מעג... (און דעם אפיקומן גנב'עט מען דאָך נאָכ'ן עסען).

* * *

אַ מחבר מיט אַ נייעם פירוש אויף דער הגדה איז געקומען צום רב נאָך אַ הסכמה.

— וועניג פירושים זיינען שוין דאָ אויף דער הגדה, ווער דאַרף דען אייערען?

— פון די אַלע פירושים, — ענטפערט דער מחבר, — האָב איך ניט פסח צו מאַכען...

* * *

אַ ישוב'ניק ביים סדר ווייזט זיין ווייב אַ רמז אין דער הגדה, אַזביידע איידעמס זייערע זיינען שדים (בע"די עדיים שדים).

97. אַ קשיא פון אַ שכור.

— מה נשתנה, פאַר וואָס, — פרעגט אַ טרינקער, — האָט גאָט איבער־געקערט דעם סדר: פרעה'ן געגעבען צעהן מכות און אונז נאָר פיר כוסות? פאַר וואָס ניט פאַרקערט?

— מה נשתנה, פאַר וואָס האָבען די חכמים פון די צעהן מכות גע־מאַכט 50 און 250 מכות, בעת די 4 כוסות זיינען געבליבען אָהן אַ הוספה?

איין תירוץ איז: פראָהיבישאָן.

אַ צווייטער תירוץ איז: מכות איז לייכטער צו פאַרשאַפען ווי וויין.

שבועות

98. דער ווערט פון די לוחות.

זרח דער עם־הארץ האט זיך די גאנצע נאכט שבועות משמח געווען אין שוהל. מ'האט איהם געפרעגט, וואס איז אזוינס ביי איהם די שמחה פון שבועות גרעסער ווי אלע ימים טובים.

— ווייל אין דעם טאג איז משה רבנו געבוירען געווארען, און א דאנק צו זיינע לוחות ווייס איך ווען דער יריד איז אין ברין; ווען ניט זיי, וואלט מיין מסחר געווען אוים מסחר.

* * *

א באקאנטער גביר, א חסיד, אן עם־הארץ, ווענען דער לוח האט ניט צוגעטראפען מיט'ן וועטער, און זיין פעלד־ארבייט האט דורכדעם איהם געבראכט א געלד־פארלוסט, האט זיך אויסגעדריקט:

„ניט אומזייסט האט משה רבינו צובראכען די לוחות; זיי ווייסען טאקע גארניט..."

99. א בעל־הבית א ידען

א שניידער א בור האט געזאגט אין שבועות'דיגען קידוש: „זמן חרותנו". האט אויף איהם דער בעל־הבית אויסגעשטעלט א פאר אויגען און געזאגט:

— מילא, אין פסח זאגט מען „חרותנו", ווייל מיר עסען „חרוסת", אבער שבועות?...

100. אלע גוטע זאכען זיינען דריי.

פאר וואס עסט מען אום שבועות דריי־קאנטיגע קרעפלאך?

ווייל דער טאג זאגט אן פון דרייעדיגע געשעהעניש ען: דריי תורות (תורה, נביאים, כתובים), אין דריטען חודש (סיון), צום דרייעדיגען פאלק (כהנים, לוים, ישראלים).

פאר וואס עסט מען קרעפלאך הושענא־רבא און פורים? — כדי די קרעפלאך אליין זאלען אויך ווערען געגעסען צו דריט.

* * *

אן אפיקורס, א חלב־פרעסער, האט געפרעגט: פאר וואס עסט מען שבועות מילכיגס? און אליין געענטפערט:

— ווייל אַלע בהמות זיינען אוועקגעגאַנגען צום באַרג סיני איז אין שטאָדט קיין פלייש ניט געווען...

* * *

שבועות איז דער איינציגער „גרינער", וואָס קען זיך נאָך איצט אריינ־כאַפּען אין אַמעריקאַ איבער דער קוואָטאַ.

* * *

„בועז" און „פּשעמישל" —ביידע זיינען נעבאַך אריינגעפאַלען אין די הענד פון „רות'ן".

אין דער עלטער־באָבעס אַ קלייד האָט זיך אויך אריינגעכאַפּט דער „רות"...

* * *

„אם אין קמח אין („מתן) תורה" — אָהן געשמאַקע בלינצעס, וואָס פאַר אַ ווערט, מ'שטוינס געזאָגט, האָט דער „מתן־תורה" ביי אידען?

* * *

די תורה איז די בעסטע סחורה . . . פאַר די „עוסקים בתורה". (דאָס מיינט, פאַר די, וואָס מאַכען מיט איהר אַ ביזנעס, אַן עסק).

תשעה־באב

101. ס'פאַרלירט זיך סיי ווי סיי.

צו אַ איד אַ גביר זיינען אריין צוויי אָרימע בעלי־בתים אום תשעה־באָב, ער זאָל זיי אויסשטעלען אַ וועקסעל, וועלכען זיי וועלען טאַקע ביי איהם אַליין איינלעזען.

— דער גביר האָט אַ ווײַלע געקלערט, צי זאָל ער אויסשרייבען דעם וועק־סעל אום תשעה־באָב, נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— מען מעג אויסשרייבען דעם וועקסעל אום תשעה־באָב, ווייל דאָס איז דאָך אַ „דבר האבוד", וואָרים אַזעלכע קבצנים ווי איהר וועלען דען דעם וועקסעל באַצאָהלען?

102. עסט ניט פאַר זיך.

אריינקומענדיג אין אַ רעסטאָראַן אום תשעה־באָב האָט אַן אורח פאַר־לאַנגט פון דער בעל־הבית'טע אַ דינער.

— האָט איהר פאַרגעסען, ר' איד, אַז היינט איז תשעה־באָב? — וואונדערט זיך די פרוי.

— צוליב פאַרדינען אַ מצוה מעג מען, — פאַרענטפערט זיך דער אורח. — ארויסגעהענדיג פון שוהל נעכטען אָוונעד האָב איך געהערט ווי אַ אידענע האָט געזאָגט צו אַ צווייטער: „הלואי, רבונו של עולם, זאָל איך אזוי פיל טויזענדער געבען נדן מיין טאָכטער, די יתומה, וויפיל אידען עס וועלען מאָרגען עסען". טראַכט איך מיר: ס'איז כדאי מוחל צו זיין די מצוה פון פאַסטען, צוליב דער אָרימע יתומה, נעבאך: זאָל זי האָבען נאָך אַ טויזענדער. הכנסת כלה איז אַ סך אַ גרעסערע מצוה ווי פאַסטען...

* * *

גראָד אום תשעה־באָב האָט מען געטראָפען אַ גרויסען קמצן עסענדיג אַ רחבה'דיגע סעודה. האָט מען איהם פאַר'מסר'ט פאַר'ן רב.

— דער מאַן איז אודאי געטריי זיין שיטה, — האָט דער רב איהם פאַר ענטפערט. — אזוי ווי היינט איז אַ טאָג פון טרויער, פון פייניגען זיך, פייניגט ער זיך דורכדעם וואָס עס קאָסט איהם אָפּ אזוי פיל געלד אַ גוטער דינער. ס'אַרע גרעסערען וועהטאָג קען דען אַ קמצן זיך פאַרשאַפען?...

* * *

רבי לוי־יצחק איז געגאַנגען אין די ניין טעג קלייבען אויף צדקה. פאַלט ער אריין צו אַ גביר און טרעפט איהם ביים טיש עסענדיג עוף.

— מיר איז אַ גרויסער חידוש אויף אייך, — רופט זיך אָן דער רבי, — אַז איהר עסט היינט עוף, וועט איהר דאָך בלייבען ערב יום־כפור אָהן אַ כפרה?...

103. פאַר אַ „גרייז" זאָלסטו אויפשטעהן.

אין ליבוי האָבען עטליכע גראָבע יונגען געזאָגט אום תשעה־באָב די קינות מיט גרייזען. יעדעס מאָל ווען דער שמש האָט געהערט אַ גרייז האָט ער זיך אויפגעשטעלט. פרעגט איהם דער פרעזידענט:

— פאַר וואָס שטעלט איהר זיך אַלעמאָל אויף?

ווייל עס שטעהט: „מפני שיבה תקום", פאַר אַ „גרייז" זאָלסטו זיך אויפשטעלען...

104. דער „שלחן ערוך" פאַר'ן שלחן ערוך (עסען).

אַ ישוב'ניק האָט אמאָל אום תשעה־באָב אראָפּגעוואָרפען אויף דר'ערד די „תפלין של יד".

צושרייען זיך אויף איהם אַלע אידען:

— וואָס האָסטו געטאָן?

— גאָרנישט, — ענטפערט ער. — איך האָב אַ „שלחן ערוך" אויף אידיש, שטעהט דאָרט געשריבען: „אַז מען לאָזט אראָפּ די תפלין של יד דאַרף מען נישט פאַסטען..."

רבנישע חכמות און גלייכווערטלאַך

105. אַ מלך, אַ זקן און — אַ נאַר.

ר׳ ישראל׳צי ריזשענ׳ר, ווען ער איז געזעסען אין געפענגנים, האָט אזוי געזאָגט: „איך האָב תמיד פאַרשטאַנען די נעמען פונ׳ם יצר־הרע: „מלך״ ווייל ער געוועלטיגט איבער׳ן מענשען); „זקן״ (פונ׳ם געבוירען ווערען איז ער שוין אַלט־געזעסען אין אונזער הארץ); אָבער ביז איצט האָב איך ניט פאַרשטאַנען מיט וואָס ער איז אַ „כסיל״, אַ נאַר. איצט אָבער זעה איך דאָס קלאָר. אָט נעמט מיין ביישפּיל. מילא, איך זיץ אין גע־פענגנים, בין איך דערצו פאַר׳משפט געוואָרען, אָבער צו וואָס זיצט ער, דער יצר־הרע, דער שוטה, דאָ צוזאַמען מיט מיר?...

106. צו וואָס גוטע ווערטלאַך פיהרען.

דער רבי, רבי נפתלי ראָפּשיצער, האָט ליב געהאַט תמיד צו חכמ׳ענען און וויצלען זיך. האָט איהם אמאָל דער „חוזה״ פון לובלין אַ ביסעל אויס־גע׳מוסר׳ט דערפאַר און באמערקט:

— ס׳שטעהט דאָך: „תמים תהיה עם ה׳״ — זאָלסט זיין תמימות׳־דיג מיט גאָט און ניט חכמה׳ן זיך און קאַטאָוועס טרייבען?

— דער מענש דאַרף זיין אין מדה פון חכמה׳לאַך, כדי דערמיט צו דערגרייכען צו תמימות מיט׳ן רבונו של עולם, — האָט איהם געענטפערט ר׳ נפתלי.

107. אַ גוטער אויסקוק אויף רבנות.

דער רבי, רבי העשעל, האָט קאָנקורירט מיט אַ צווייטען רב וועגען קראָ־קויער רבנות. האָט די קהלה קיין אַנדערען וועג ניט געפונען ווי זיך צו פאַרלאָזען אויפ׳ן חומש: ווער ס׳וועט ביים עפענען אַ חומש געפינען תיכף אַן אַנדייט פאַר זיך, דער זאָל בלייבען דער רב.

ביים עפענען דעם חומש האָט דער רבי רבי העשעל אויפ׳ן בליק גע־פונען: „הנני עומד שם לפניך״, פון וועלכע די ראשי תיבות מאַכען־אויס: „העשל״. „על הצור״ באַטרעפט אזוי פיל ווי „קראָק״.

רבי העשל איז געוואָרען רב.

108. אַ פאַרקערטע מעשה.

דער דובנער מגיד — אַ מתנגד — האָט זיך אמאָל געטראָפען אין אַן אכסניא מיט׳ן רבי־רבי־בער, און זיינע חסידים. אויס מורא פאַר חסיד׳ישע

קלעפּ, האָט ער זיך באַהאַלטען. דער רבי האָט איהם געלאָזט רופען צו זיך, איהם פאַרזיכערט, אז ס'וועט איהם קיין שלעכטס ניט געשעהן, ער זאָל נאָר זאָגען אַ גוט וואָרט, אפילו ווען דאָס זאָל זיין געגען רבי'ן.

— איין זאַך פאַרשטעה איך ניט, — האָט דער דובנער מגיד געזאָגט, — די גאַנצע וועלט פיהרט זיך, אז די ציגיינער זינגען און דער בער טאַנצט. ביי אייך איז אָבער פּונקט קאַפּויר: דער „בער" זינגט און די ציגיינער טאַנצען.

109. אַ טרפה האַרץ און אַ כשרה קיך.

צום גאון ר' חיים בריסקער קומט אַ איד מיט אַ שאלה: דער הויפּט פון די גנבים אין שטאָדט מאַכט אַ סעודת־מצוה, וויל ער וויסען צי מעג ער ביי איהם עסען.

דער רב האָט דעם פרעגער געהייסען וואַרטען, און האָט געשיקט רופען דעם גנב אין זיין חדר מיוחד און בעט איהם בסוד סודות ער זאָל איהם דער־צעהלען דעם אמת:

— ווי זייט איהר זיך נוהג, ווען עס קומט אייך אויס צו גנב'ענען אום שבת?

— מ'געהט און מ'גנב'עט, — ענטפערט דער גנב.

— און אז ס'קומט אויס אָנצוצינדען אַ ליכט?

— צינדט מען אָן.

— און אז מ'דאַרף אויפברעכען אַ שלאָס אום שבת?

— ברעכט מען.

— און אז ס'קומט אויס צו גנב'ענען ביי אַ גוי? — פרעגט דער רב ווייטער.

— צי דען ווייל ער איז אַ גוי דאַרף ער מרויח זיין? איז דען גוי'איש געלד קיין געלד ניט? — ענטפערט דער גנב מיט אַ שמייכעל.

— און אז איהר געפינט ביים גוי טרפה פליישׁ אָדער חזיר?

— נעמט מען און ס'ווערט פאַרקויפט צו אַ גוי.

— פאַר וואָס עסט איהר עס ניט? — פרעגט איהם דער רב.

— וואָס?! — עפענט אויף דער הויפּט פון די גנבים מויל און אויגען. — עסען טרפה? חזיר?

— זעה אַליין איין, — מוסר'ט איהם דער רב, — גנב'ענען יאָ, צינדען ליכט און ברעכען שלעסער אום שבת — דאָ יאָ. איז דען טרפות עסען הארבער פון דעם?

— ווי הייסט, — ענטפערט דער פאַרשעמטער גנב אַ פאַרוואונדער־טער, — גנב'ענען איז אונזער פרנסה, אָבער טרפות עסען? — זיינען מיר דאָך עפּעס אידען.

— געה אהיים, — זאָגט איהם רבי חיים.
דאַן האָט דער רב אריינגערופען דעם שאלה־פרעגער און איהם געזאָגט, אז ער מעג עסען ביים הויפט־גנב.

110. צו פארלייכטערען איז לייכטער אויף דער נשמה אויך.

דער גאון ר' ליפּא מירער איז געווען א שטארקער מקיל אין שאלות. האָט איהם „דער מינסקער גדול", א מחמיר, געפרעגט: ווי אזוי קען מען דאָס זיין אזוי לייכט? האָט איהם דער מירער דערויף געענטפערט:
—דערפאר וואָס איך בין מתיר, וועלען מיך אידען רופען צום בית־דין אז משיח וועט קומען,—פארוואָס איך האָב זיי אָנגעהאָדעוועט מיט טרפות. איהר אָבער, וואָס מאכט פון כשר טריף, וועט שטעהן מיט'ן אָקס פאר'ן בית־דין־של־מעלה, פארוואָס איהר האָט איהם טרפה געמאכט און אוועקגענומען פון איהם דעם תיקון הנפש..

* * *

ר' אברהם זשעטלער האָט מתיר געווען א בהמה וואָס דער רמ"א האָט גע'אסר'ט. ער האָט זיך פארענטפערט אזוי:
— אויב איך זאָל עס מאכען טריף, וועל איך האָבען א שווערען דין־תורה מיט די קצבים. דאָס איז פאר זיי א ערב פסח א גרויסער שאָדען. אָבער אז איך האָב עס מתיר געווען, וועל איך האָבען צו טאָן מיט'ן רמ"א, מיט דעם גאון און צדיק, און מיט איהם וועל איך שוין דורכקומען. *)

111. א ראיה פון שוטים?

דער גאון ר' אייז'ל האָט אמאָל געפרעגט דעם חסיד'ישען רבי'ן ר' אברהם אין סלאָנים, מיט וואָס ער איז אנדערש פון אנדערע אידען, וואָס ער מאכט זיך פאר א רבי?

— קוקט אייך צו, — ענטפערט דער רבי, — צעהן זעקלאך תבואה וועלכע שטעהען צוזאמען. דאָס צעהנטע איז גע'מעשר'ט, הייליג, און די ניין זיינען פראָסט, חולין, און איהר דערקענט אויך ניט וועלכעס איז הייליג און וועלכעס ניט.

— זיינען דאָך טאקע אונזערע חכמים גערעכט,—האָט ר' אייז'ל תיכף אויפ'ן שטעל געענטפערט, — ווען זיי זאָגען אז דאָס אָפּשיידען תרומה פון א טויבען, א „שוטה" און א קינד איז גאָרניט ווערט...

*) לויט'ן מדרש תהלים, אז: לעתיד וועט גאָט „מתיר אסורים" זיין און אַלע טרפה'נע בהמות וועט ער מתיר מאַכען", — אַזוי וועט אים דער רמ"א אויך ניט טשעפּען.

112. אַ קליינער יצר־הרע.

רבי נפתלי ראָפּשיצער, איז געווען אַ ווילד קינד. האָט איהם דער פּאָטער גע׳מוסר׳ט:

— שוין צייט צו פאַרלאָזען די קינדערשע מעשים און לערנען תורה.

— וואָס קען איך טאָן, — ענטפערט דער אינגעל, — אַז דער יצר־הרע רעדט מיך צו עבירות?

— פאַרקערט, — זאָגט איהם דער פאָטער, — טאָקע פונ׳ם יצר־הרע קענסטו זיך אַ מוסר אָראָפּנעמען. וועלכע הנאה האָט ער דען דיך איינ־צורעדען צו אַן עבירה? נאָר וואָס דען, ער טוט דעם ווילען פונ׳ם אויבער־שטען, צו וואָס ער איז באַשאַפען. אַזוי טו דו אויך דעם ווילען פונ׳ם אויבערשטען און לערען תורה!

— אָבער, — ענטפערט דערויף דאָס קינד, — דער יצר־הרע האָט ניט קיין יצר־הרע ער זאָל איהם כסדר איינריידען עובר צו זיין. איך אָבער האָב יאָ אַ יצר־הרע...

113. ויקם פּאָליטישען חדש.

דער גאון רבי שפּירא פון פּיעטרעקאָוו, וועמען מ׳רופט דער הייניגער „נודע ביהודה", האָט אָנגעגורט זיינע לענדען צו געהן ווערען אַ פּאָליטישען. האָט דער בוטשאַטשער גאון רבי ארג אויף איהם געזאָגט:

— אויב ער וועט באַטרעטען דעם דאָזיגען וועג, וועט ער אפילו קיין „נודע בגוים" אויך ניט זיין.

114. אַ קינד׳ס קעפּעל איז ניט קיין עק פון אַ הערינג.

דער רבי ר׳ הישל פלעגט אַלס קינד זעהר ליב האָבען הערינג. פאַר אַ גאַנצען הערינג פלעגט ער זאָגען דאָס גאַנצע דאַוונען. די מוטער האָט אָבער מורא געהאַט איהם צו געבען אַ גאַנצען הערינג, ס׳זאָל איהם ניט פאַרשאַטען, האָט זי איהם איינמאָל געגעבען דאָס קעפּעל מיט׳ן עק פון אַ הערינג. ביים דאַוונען האָט ער בלויז געזאָגט „מה טבו" און „עלינו" און האָט זיך שוין אָפּגעפּאַרטיגט. די מוטער האָט איהם פירגעהאַלטען. זאָגט ער צו איהר:

„אויב אַ קעפּיל מיט אַן עק איז אַ הערינג, איז מה טובו און עלינו דער גאַנצער דאַוונען.

115. וואו איז די קאַץ?

אַ מאַן מיט אַ פרוי זיינען געקומען צום רב זיך גט׳ן. דער מאַן האָט דערציילט וואָס פאַר אַ געברענטע צרות ער האָט פון זיין ווייב. איצטיגס

מאָל האָט ער אהיים געבראַכט צוויי פונט פלייש, האָט עס די קאַץ אויפ־געגעסען, אזוי זאָגט זי.

דער רב האָט באַפוילען צו ברענגען די קאַץ.

ווען מ'האָט די קאַץ געבראַכט האָט זי דער רב אָפּגעוואויגען און זי האָט מעהר ניט געוועגט ווי צוויי פונט. רופט זיך אָפּ דער רב צו דער פרוי:

„דאָ האָסטו די צוויי פונט פלייש, וואָס דו זאָגסט אז די קאַץ האָט אויפגעגעסען, — אָבער וואו איז אַצינד די קאַץ גופא?

116. א גנבות־קויפער.

א מחבר איז געקומען צו אן עושר ער זאָל ביי איהם קויפען זיין ספר.

— ווי קום איך דערצו? — פרעגט דער עושר.

— איך האָב געהערט, אז איהר קויפט גנבות, דאַרפט איהר דאָך זיין א בעלן אויף מיין ספר אויך; ס'איז אָסור מיינס...

117. רבנ'ישע ביזנעס לעתיד לבוא.

אן אָרטאָדאָקסישען רב'ס א ווערטעל:

„אז משיח וועט קומען וועט די גאַנצע וועלט זיין באַ'הבנ'ט אין חכמה, וועט יעדער זיך אַליין פסק'ענען שאלות, פון וואָס וועלען די רבנים מאַכען א לעבען? — זיי וועלען פּאַשען די חזירים וואָס מ'וועט זיי מתיר מאַכען צום עסען *), און דערפון זיך פּאַשען.

* * *

דער מלבי"ם האָט געזעהן א אידען עסען חזיר, זאָגט ער צו איהם:

— דו ביזט גרעסער פונ'ם רמב"ם, ער ווייסט ניט דעם טעם פונ'ם איסור צו עסען חזיר און דו ווייסט יאָ דעם טעם...

118. אן אמת'ער פונדיישאָן.

אין א שטעדטעל פון גרויס מחלוקת צווישען פּאַרטייען האָט דער רב גע'דרש'ענט:

„אויף דריי זאַכען שטעהט די וועלט, אויף דין, אמת און שלום", זאָגען די חכמים. די אַלע זאַכען פעהלען דאָ. אויף וואָס זשע באַשטעהט דאָס שטעדטעל? א ספּעשעל אמת — וואָס איינער באַרעדט דעם צווייטען — אויף דעם אמת שטעהט די שטאָדט...

---

*) זעה „הבונה" אין עין יעקב סוטה ס"א. „ר' חיים בן עטר" פ' שמיני, אין „אור יקרות" דאָרט.

119. הכה את שניו (א טראַסק אין די ציין).

אַן אַנטיסעמיט האָט אַמאָל געפרעגט דעם מלבי״ם:

— ס׳שטעהט: פאַר א תלמיד חכם דאַרף מען אויפשטעהן און פאַר א הונט זיך זעצען. וואָס טוט מען, אז מ׳באַגעגענט א רב און א הונט?

— לאָמיר ביידע ארויסגעהן אין גאַס, וועלען מיר זעהן ווי די מענשען זיינען זיך נוהג, — האָט דער גאון געענטפערט.

120. אַ רפואה פאַר דער מכה.

אַן אָרימע אידענע פלעגט תמיד געהן אין דער ליידיגער שוהל בעטען דעם רבונו־של־עולם פרנסה. אַמאָל האָט זיך דער רבי־רבי־העשיל, אַלס קליין אינגעל, זיך פאַר׳גנב׳עט אין דער הויף פון שוהל, און איהר געענטפערט ווי אַ שטימע פונ׳ם הימעל אַראָפּ:

— געה ווער אַ דאָקטאָרקע!

— רבונו־של־עולם! איך בין דאָך ניט באַהאַווענט אין רפואות? — ענטפערט די אידענע מיט גרויס ציטערניש.

— געה אין דעם אָרט און נעם אַ ציגעל, צוקלאַפּ איהם אויף דין, און מיש אריין וואַסער אין אַ פלעשעל, און הייל דערמיט אַלע קראַנקע, — האָט דאָס בת־קול פון אויבען איהר נאָך אַמאָל אַנגעזאָגט.

און אַזוי האָט זי געטאָן. אין דער גאַנצער סביבה איז ארויס אַ קול, איהר וואַסערל היילט. (ס׳קען טרעפען איין קראַנקער פון הונדערט ווערט צופעליג געהיילט).

אין אַ צייט איז דער קליינער העשיל קראַנק געוואָרען אויפ׳ן האַלז צום דערשטיקען. האָט מען געבראַכט די דאָקטאָרקע. אַזוי ווי דער אינגעל האָט זי דערזעהן, האָט ער אַזוי שטאַרק זיך צולאַכט, אַז די מכה האָט גע־פּלאַצט, און ס׳איז איהם בעסער געוואָרען.

121. דער קלער פון אַ רבי.

אַ חסיד איז אַמאָל געפאָהרען צום קאַרלינער רבי. אויפ׳ן וועג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים מתנגד׳ישען גאון ר׳ פנחס מיכאַל.

— וואוהין פאָהרסטו? — פרעגט איהם דער רב.

— איך געה קיין קאַרלין צום רבי׳ן, — ענטפערט דער חסיד.

— און ביז קאַרלין געפינסטו ניט קיין רבי?

— איך בין אַ יודע מחשבות, און ווייס אַז ס׳איז ניטאָ.

— אויב דו ביזט אַ יודע מחשבות, — פרעגט דער רב, — טאָ זאָג זשע מיר, וואָס איך דענק איצטער?

— איהר קלערט אָן („שויתי ה׳ לנגדי תמיד״) גאָט.

— ניין, — לאַכט דער רב, — דאָס האָב איך ניט געדאַכט.

— אָט טאָקע דאַדורך פאָהרען מיר קיין קאַרלין, — איז געווען דער ענטפער פון׳ם חסיד.

122. ס׳איז דאָ אַ גאָט.

אַ האַלבער משוגענ׳ער פילאָזאָף און אַ גאַנצער כופר איז אַמאָל אַרוים אין גאַס מיט אַ רעוואָלווער צום הימעל אויסצושיסען געגען גאָט. האָט מען איהם גוט׳ס געוואונשען, דערפאַר וואָס מ׳האָט זיך איצטער דערוואוסט, אַז ער איז אַ גאָט־גלויביגער, ווען ניט טאָ וועמען זשע איז ער געגאַנגען שיסען?...

* * *

דער פילאָזאָף „וואָלטער״ האָט סאַטיריש געזאָגט: אַלצדינג איז מעג־ליך, אפילו גאָט...

* * *

מ׳האָט אַמאָל געזעהן אַ כופר פרום דאַווענען.

— ווי קומסטו דערצו? — האָט מען איהם געפרעגט.

— איך ווייס טאַקי, אַז ס׳איז ניטאָ קיין גאָט, נאָר ווייס איך דען צי איך ווייס אויף שור?

* * *

ווען ס׳זאָל אפילו ניט זיין קיין גאָט, נויטיגען מיר זיך איהם צו שאַ־פען צוליב אונזער לעבען... — האָט אַן אַנדערער פילאָזאָף געזאָגט.

* * *

דער גרויסער פילאָזאָף „שלמה מימון״ האָט צוריקגעוויזען פאַר זיין טויט די עצה פון אַ גלח, אַז ער זאָל זיך שמד׳ען, מיט דעם אויסרייד: שמד׳ן זיך מיינט צו בייטען דעם אַלטען גלויבען פאַר אַ נייעם, טאָ ווי קען איך דאָס טאָן, אַז איך גלויב דאָך אין גאָר ניט...

* * *

„פילוסוף״ באַטרעפט אַזוי פיל ווי „בער״.

* * *

דער שריפטשטעלער אברהם מאַפו און נאָך צוויי געדינגע חברים האָבען זיך געוועט, ווער פון זיי וועט זאָגען דעם גרעסטען ליגען.

איינער האָט געזאָגט: משיח איז געקומען.

דער צווייטער: משיח קומט.

מאַפּו האָט זיך אָנגערופן: גאָט הערט.
האָבן זיי צוגעגעבן, אַז מאַפּו האָט געוואונען.
אין אמת׳ן, גאָט הערט זיי יאָ, נאָר זיי הערן ניט גאָט...

* * *

דער גאון ר׳ יוסי־בער סלוצקער האָט אַמאָל געזאָגט אויף אַ דאַמאָלסט־דיגען איד אַ משכיל ש. סימכוביץ: ער וואָלט זיך שוין לאַנג גע׳שמד׳ט, ווען ער זאָל ניט מורא האָבן פאַר גאָט.

* * *

„רק״ אין יראת אלהים במקום הזה״, דאָס מיינט: וואו נאָר ס׳איז ניטאָ קיין גאָט, דאָרט איז פּוסט, פאַרניכטונג. („רק״ איז אַ „קענסער״ אויף פּויליש).

* * *

דער גערער רבי ר׳ יצחק מאיר פלעגט זאָגן: ווייסט איהר וואו דער רבונו של עולם וואוינט? — וואו מ׳לאָזט איהם אַריין...

* * *

אונזער פאָלקס־באַליבטער „סאָקאָלאָוו״ האָט מען אַמאָל אין אַ קייזער־ליכען הויף געפרעגט, אויב ער טרינקט טעע. האָט ער גלייך געענטפערט:
— נאַטירליך, אַ איד איז דאָך אַ „טעע־איסט״... (דאָס האָט אַ דאָ־פּעל באַדייט: טעע־טרינקער, און גאָטעס־גלויביגער.

123. דער רבי זעהט זיך מיט אליהו הנביא.

אַ חסיד האָט זיך אַמאָל באַריהמט פאַר אַ מתנגד, אַז זיין רבי האָט אַלע טאָג „גלוי אליהו״, אליהו ווייזט זיך פאַר איהם.
— פון וואַנען ווייסטו דאָס? — פרעגט איהם דער מתנגד.
— דער רבי אַליין האָט עס מיר געזאָגט, — ענטפערט דער חסיד.
— איך גלויב ניט אין קיין רביים און וואָס זיי זאָגען.
— סטייטש, אַ מענש וואָס האָט גלוי אליהו גלויבסטו איהם ניט, — האָט זיך דער חסיד צוקאָכט.

124. תנו רבנן.

אַ רב האָט פאַרהערט אַ יונגענמאַן וואָס האָט געוואָלט קריגען סמיכה. זעהט דער רב, אַז דער בחור קען גאָר ניט. ה ייסט ער איהם נעמען אַ גמרא און לערנען. נעמט ער אַרויס אַ גמרא און לערענט הויך: „תנו רבנן״, די רבנן האָבען געלערענט.
— גענוג! — זאָגט דער רב, — די רבנן האָבען געלערענט און דער־נאָך געוואָרען רבנן, אָבער דו האָסט ניט געלערענט.

125. דער אפיקורס און דער „נודע ביהודה“.

אַן אפּיקורס איז געקומען צום „נודע ביהודה“ און צו איהם געזאָגט:
— רבי, איך האָב שוין עובר געווען אויף אַלע עבירות, אָבער איין עבירה נאָך ניט און דאָס איז צו באַנעהן זעלבסטמאָרד.
זאָגט צו איהם דער „נודע ביהודה“:
— ליידער וועסטו די עבירה קיינמאָל ניט קענען טאָן.
— פאַרוואָס? — פרעגט דער אפּיקורס.
— ווייל דאָס איז גאָר אַ מצוה: „ובערת הרע מקרבך“, זאָלסט אויסרוימען דאָס שלעכטע פון דיר.

126. וואו דער חלום שטעהט איין.

אַ חסיד איז געקומען צו ר׳ יוסי־בער׳ן און צו איהם געזאָגט:
— רבי, ס׳האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט, אַז איך בין געוואָרען אַ רבי.
— טויג עס ניט, — האָט ר׳ יוסי־בער צו איהם געזאָגט, — דאָס דאַרף זיך חלומ׳ען די חסידים און ניט דיר.

127. דרייערליי שמשים.

דרייערליי שמשים זיינען דאָ אויף דער וועלט, — האָט געזאָגט ר׳ וועלוועלע ביאַליסטאָקער רב, וואָס האָט שטאַרק געליטען פון זיין שמש. — עס איז דאָ אַ שמש פון חנוכה־ליכט, ברענט ער אויס; עס איז דאָ אַ שמש פון ציצית, ווערט ער פאַרקרימט; מיין שמש אָבער, ניט דאָס פייער נעמט אים, ניט ער ווערט פאַרדרעהט, מען קען גאָר פון איהם ניט פּטור ווערען.

128. יאָ אַ שוטה, נישט אַ שוטה.

אַ רב האָט אַמאָל שבת געהאַלטען אַ דרוש און ערקלערט דעם דין, אַז אַ שוטה וואָס ווייסט, אַז ער איז אַ שוטה איז ניט קיין שוטה.
רופט זיך אָפּ איינער:
— רבי! איך וויים, אַז איך בין אַ שוטה.
— ביזטו נישט קיין שוטה.
— אויב אַזוי, וועל איך רופען צום בית־דין אַלע וואָס רופען מיך שוטה, — רופט זיך אָן דער שוטה.
— אויב ווידער אַזוי, — ענטפערט איהם דער רב, — ביזטו טאַקע אַ שוטה...

129. אַ רבי ווי אַ מלאך.

אַ חסיד האָט זיך געריהמט:
—מיין רבי איז פונקט אַזוי ווי אַ מלאך.

— זעהר ריכטיג! — האָט געענטפערט אַ מתנגד. — פונקט ווי ווי אַ מלאך קען ניט לערנען, ווייל די תורה איז ניט געגעבען געוואָרען צו מלאכים, אַזוי קען דיין רבי אויך ניט.

און דאָס מיינט: „אם הרב דומה למלאך, תורה יבקשו מפיהו", אַז דער רבי מאַכט זיך פאַר אַ הימעל מענש, זאָל מען זעהן אויב ער קען לערנען.

130. ר—בנים.

פינף רעפאָרם ראַביים זיינען אַמאָל געזעסען אויף אַ חתונה, איז פאַר זיי דורכגעגאַנגען אַ שעהנער אייראָפּעאישער רב מיט אַ שעהנער באָרד און פאות. איין אַ וויציגען טאָן זאָגט איינער אויפ'ן רב:

— זיין פּנים איז ווי דאָס פּנים פון משה'ן.

— יע, אָבער איהר פינף, איהר זייט „געגען" די פינף חומשים פון משה'ן, — האָט דער רב זיי געענטפערט.

* * *

צו ראַביי עמיל הירש פון שיקאַגאָ איז געקומען אַ יונגערמאַן בעטען ער זאָל איהם העלפען שטודירען אויף ראַביי.

— וואָרום ווילט איהר עפּעס שטודירען ראַבינער און ניט לאָיער? — האָט איהם רבי הירש געפרעגט.

— צו שטודירען לאָא מוז מען דאָך האָבען עפּעס אַ קאָפּ, — איז געווען דער ענטפער...

131. ווער ביזטו?

אַן איינעיקעל („איין ניקעל" ווערט) איז אַמאָל געקומען צום רבי־רבי־מאיר'ל. ביים יעדען מאָל פרעגען ווער ער איז, ענטפערט דאָס איינעיקעל, ער איז אַ נכד פון דעם און דעם רבי'ן, אַן אור־איינעיקעל פון יענעם און יענעם רבי'ן.

ר' מאיר'ל גיט איהם אַ משל: אַ פריץ האָט געהאַט אַן אַלטען גע־טרייען הונט, צו גאַר ניט מעהר ניצליך, האָט ער איהם געשיקט אין דער מדבר. און כדי די חיות זאָלען איהם ניט דערקענען און אויפפרעסען, האָט ער איהם באַקליידט מיט וואָלפ'ס און בער'ס פעלען. די חיות האָבען דערציילט דעם לייב, עפּעס אַ נייע באַשעפעניש איז דאָ. האָט ער געשיקט דעם פוקס אויסצופאָרשען. דער פוקס פרעגט איהם: „ווער ביזטו?" — „מיין עלטער־זיידע איז געווען אַ לייב", — ענטפערט דער הונט. — „אָבער ווער ביזטו?" — „מיין זיידע איז געווען אַ בער". — „אָבער ווער ביזטו אַליין?" — „איך אַליין אַ... כלב". דאָס האָב איך געוואָלט וויסען, דער יחוס איז ביי מיר גאָר ניט...

סתם גוטע רבנ׳ישע און רבי׳אישע ווערטלאַך.

ר׳ מענדעלע קאָצקער פלעגט זאָגען: וואָס איז דער חילוק פון א חסיד צו א מתנגד? — א חסיד האָט מורא פאַר׳ן אויבערשטען, און א מתנגד — פאַר׳ן שלחן ערוך.

* * *

אַן אַנדער גאון האָט אמאָל געזאָגט: סיי מתנגדים, סיי חסידים האָבען א טעות. מתנגדים מיינען, אַז זיי האָבען א ספר דאַרפען זיי שוין ניט קיין רבי׳ן; חסידים מיינען, אַז זיי האָבען א רבי׳ן, דאַרפען זיי שוין ניט קיין ספר.

א צווייטער נוסח: מתנגדים מיינען זיי דאַרפען ניט קיין רבי׳ן, חסידים מיינען זיי האָבען א רבי׳ן...

* * *

ר׳ ישראל סאַלאַנטער פלעגט זאָגען: וואָס איז דער חילוק פון מוסר צו חסידות? — מוסר קען פסל׳ען ביטערע טרערען, און חסידות קען כשר מאַכען דעם ביטערען טראָפּען (אין אמעריקא?).

* * *

ר׳ יוסי־בער האָט אמאָל געזאָגט: די רביים האָבען אזוי איבער־געפיהרט דעם נאַראַד, אַז מ׳דאַרף זיי שוין האָבען...

* * *

ר׳ שמשון רפאל הירש פלעגט זאָגען: זייט די רבנים האָבען אָנגע־הויבען צו ווערען דאָקטוירים, האָט דאָס אידענטום אָנגעהויבען קרענקען...

* * *

ר׳ מאיר׳ל פּראָמישלאַנער פלעגט זאָגען: רבונו של עולם! אַז דו וועסט אויסקוועטשען די אידישע תפלות, וועסטו טאַקע דאָרט געפינען געלד. אָבער אַז דו וועסט אויסקוועטשען די געלד וועסטו געפינען: געלד פאַר גמילות חסדים, פאַר ישיבות, פאַר בתי יתומים, און נאָך...

132. זיין אייגענער שליח זיין.

א איד ברענגט צו ר׳ נפתלי ראָפּשיצער א פּעטען פּדיון, היות זיין פריינט האָט שווער געזינדיגט, און וויל א תשובה פונ׳ם רבי׳ן.

— פאַרוואָס קומט ער ניט אַליין? — פרעגט דער רבי.

— ער שעהמט זיך אַליין צו קומען — איז געווען די תשובה.

— ער האָט דאָך געקענט קומען און זאָגען ווי איהר: זיין פריינט האָט איהם געשיקט?

— רבי, אזוי האָט ער טאַקע געטאָן...

133. דער קליינער שפייעט וואס דער גרויסער קייעט.

דער קעלמער מגיד האט אין זיין דרשה אין סלאנים זעהר אויסגע־מוסר׳ט דעם עולם, וועגען ניט לערנען, וועגען דאוונען, דערצעהלען לשון־הרע, טראגען רכילות, ניט געבען קיין צדקה...

ר׳ אייזעל חריף, דאס צוהערענדיג, האט זיך גע׳רוגז׳ט:

— סטייטש, אויף אידען אזוינס צו רעדען, — און האט דעם מגיד א משל געגעבען:

— א מלאך פונ׳ם הימעל איז אמאל אראפ אויף אונזער ערד, האט באוואונדערט די גרויסע שטאדט מיט איהרע שעהנע גאסען, הייזער און פארקס. אינמיטען קומט צו איהם צו א פאליסמאן און פרעגט איהם: „א פאספארט מייעש?"

— אידען, — פרעגט דער מלאך, — וואס וויל דער ערל?

— ער פרעגט אויף א פאס, — ענטפערען די אידען. — וואס אזא פאס היט אפ די מענשען פון גזלנים און רוצחים, ווייל נאר עהרליכע מענ־שען באקומען דאס, און גזלנים ניט.

— נו, אזא חשוב׳ע זאך ווי מענשען אפצוהיטען איז איבערגעגעבען אין די הענט פון אזא פראסטען ערל? — פרעגט דער מלאך.

— ניין, ס׳איז דא א העכערער פון איהם, א נאטשאלניק.

— און דער נאטשאלניק אליין?

— א העכערער: א סטאראסטא.

— און איבער דעם סטאראסטא?

— דער מיניסטער.

— און איבער דעם מיניסטער?

— דער קיסר אליין בכבודו ובעצמו.

— און ווער איז זוכה צו זיין א מלך? — פרעגט ווייטער דער מלאך.

— א זכיה צו זיין א מלך, מוז מען זיין א גבור און א בעל־מלחמה, און האבען אויסגע׳הרג׳עט הונדערטער טויזענטער מענשען, — איז געוועז די תשובה פון די אידען.

— שוטים! — זאגט דער מלאך מיט׳ן קאפ שאקלענדיג, — איהר ווילט אפהיטען דעם מענשענ׳ס לעבען פון רוצחים, און דורך וועמענס הענט? דורך א מענש וואס איז אליין איינגעטונקט אין מענשענס בלוט!

— אזוי מיט אייך, מגיד, — פארענדיגט ר׳ אייזעל, — איהר קומט מיט אייער מוסר זאגען אפהיטען פון לשון־הרע, רכילות, און איהר אליין רעדט לשון־הרע אויף א גאנצע קהלה אידען...

* * *

אזוי מיט אייך, „מלכות־בריטניה"! איהר שטרעבט צו ענטוואַפנונג פון דער וועלט, און די ערשטע ענטוואַפנונג האָט איהר געמאַכט ביי די אידען אין ארץ־ישראל, בשעת זיי האָבען זיך געוואָלט פאַרטיידיגען געגען די אראַבישע בעסטיאַלישע איבערפאַלען. שלום צו דיר, ענגלאַנד, און שלום צו אייער אַש „הרוגי־מלכות בריטניה" פון תרפ"ט...

134. ר'ח'ש'ניקעס (רבנים, חזנים, שוחטים) וואָס נעמען נעמען זיי.

דער תנא ר' שמעון העמסוני, אַ שפּעציאַליסט אין געבען צו יעדען פאַרבינדונגס־וואָרט „את" אין דער תורה אַ באַזונדערע כונה, צוקומענדיג צום ווערטעל „את" אינ'ם פסוק „את" ה' אלהיך תירא", „דו זאָלסט מורא האָבען פאַר גאָט", האָט ער זיך „צוריקגעצויגען" פון דרשנ'ען דאַריבער. — פאַר וועמען דען נאָך זאָל מען מורא האָבען? ביז ר' עקיבא איז גע־קומען און ער האָט זיך ערלויבט צו ערקלערען, אז דער פסוק וויל דערמיט מיינען, אז מ'דאַרף אויך פאַר אַ תלמיד חכם מורא האָבען.

אַ וויטץ וואָס איז אַ שטיקעל פּסיכאָלאָגישער אמת: ר' שמעון איז געווען אַ אייראָפּעאישער רב, אַ „עיני העדה", היינט אַמעריקאַנער רב, דאָס „פּוסען־בענקעלע פונ'ם פּרעזידענט", האָט ניט געוואַגט צו מוסר'ן, אז אפילו דער פּרעזידענט דאַרף אויך האָבען רעספּעקט פאַר'ן רב ווי פאַר גאָט, האָט ער זיך ליבער צוריקגעצויגען. נאָר ר' עקיבא, אַ רייכער רב, אַ אייראָפּעאישער „מקדש השם'ניק", קען זיך ערלויבען אַזאַ דרשה.

אַן אַנדערער נוסח: ר' שמעון איז געווען פון דעם סאָרט רבנים כלי קודש וואָס מ'דאַרף זיי מוסר'ן מיט דער דרשה: „את ה' אלהיך תירא, לרבות תלמידי חכמים": אז אַ כלי קודש דאַרף אויך מורא האָבען פאַר גאָט, דאַרף אויך זיין אַ מכנים אורח, געבען צדקה, זיין אַ שעהנער זאָגער און אַ שעהנער מקיימ'ער זיין. און זיך אַליין אויס'מוסר'ן האָט ר' שמעון ליבער די צונג באַהאַלטען.

ר' עקיבא, דער גרויסער אויפטוער פאַר אָרימע און ישיבה־לייט, ער האָט דעם מוט געהאַט די רבנים דעם מוסר צו זאָגען.

נאָר געה זוך צניעות ביים ברעג־ים, יושר ביים עושר, תורה־רעספּעקט ביי פּרעזידענטען, און ביים קאַזאַק אַ שכל...

* * *

אַ רעוורענד איז דערטרונקען געוואָרען. די רעוורענדקע האָט מיט ביטער געוויין געשריגען צו זיינע באַגלייטערס:

— גוואַלד, אידען, ווי האָט איהר געלאָזט אייער גייסטיגען שפּייזער דערטרונקען ווערען?

— מיר האָבען געשריגען, גיב די האנט, ער האָט אָבער די האנט ניט געגעבען, — ענטפערען זיי.

— נארישע אידען, — האָט די פארביטערטע געענטפערט, — איהר האָט באדאַרפט שרייען: נאָט אייך די האנט. ווייסט איהר דען ניט, אז א „כלי־קודש־איד“ איז א נעמער, אָבער ניט קיין געבער?...

135. ווי נאָך א רב נאָך.

ר׳ אייזעל סלאָנימער פלעגט ניט מאריך זיין מיט׳ן דאַווענען, און פלעגט אויסגעהן שמונה עשרה פריהער פון יעדען. האָט מען איהם געפרעגט: רבי, פאַרוואָס פיהרט איהר אייך ניט ווי אלע רבנים?

— איהר זאָלט וויסען, — פאַרענטפערט זיך דער גאון, — איך בין ניט ווי אלע רבנים. אלע רבנים געהען אויס נאָך זייערע בעלי־בתים, ביי מיר אָבער געהען די בעלי־בתים אויס נאָך מיר...

136. פאַר וואָס זאָגט מען זיך אָפּ פון רבנות?

די ניו יאָרקער קהלה האָט אמאָל פאַרגעלעגט ר׳ צבי, דעם זוהן פון ר׳ יצחק אלחנן, צו ווערען רב הכולל פון ניו יאָרק, און ער האָט ניט געוואָלט, מיט דעם טעם: „איך קען זיין א רב פאַר אידען, אָבער מאַכען אידען פאַר א רב קען איך ניט...“

* * *

דער מייטשעטער „עלוי“, וואָס איז אויפגענומען געוואָרען פאַר א ראש הישיבה אין דער רייכער ר׳ יצחק אלחנן׳ס ישיבה, דערוויסט מען זיך היינט נאָך זיין פּטירה, אז ער האָט געוואָלט אָננעמען א שמשות אין א שוהל און ארויסטרעטען פון דער ישיבה.

* * *

ר׳ ליב׳לע, קאָוונער רב, האָט קיינמאָל ניט געוואָלט א רבנות אָננעהאלטען. ערשט אויף דער עלטער איז ער דערצו וויליג געוואָרען. אז מ׳האָט איהם געפרעגט איבער זיין ענדערונג, האָט ער א משל געגעבען: נעוועזען אמאָל א פּויער א שכור אין דאָרף. דעם פּריץ׳ס קינדער האָבען זיך געוואָלט א ביסעל משמח זיין, ווען ער איז געלעגען אין סטריט שכור, האָבען זיי איהם אויסגעטאָן זיינע קליידער, און אָנגעטאָן גלח׳ישע קליידער. אויסגעניכטערט פונ׳ם שכרות, זעהט ער זיך אָן, געקליידט אלס גלח. בין איך מסתמא א גלח, — רעדט ער צו זיך. שטעקט די האנט אין פּאַקעט, נעמט ארויס א גלח׳יש ביכעל. נאָך א ראיה, אז איך בין א גלח. קוקט אריין, פאַרשטעהט קיין וואָרט. בין איך אפנים דאָך ניט

קיין גלח. ער געהט צום גלח, ער קען אויך ניט לעזען. אויב אַזוי קען איך שוין אויך זיין אַ גלח.

— אַזוי מיט מיר, — פאַרענדיגט ר' ליב'לע, — פריהער האָב איך געמיינט, אַ רב זיין מוז דער בויך זיין אָנגעפילט מיט ש"ס און פוסקים. אַצינד זעה איך, אַז אַ סך רבנים קענען ניט, בין איך אויך ווערט צו זיין אַ רב...

* * *

רבי יעקב פון קאָזלאָוו איז געוואָרען אויפגענומען אַלס רב אין בער־זשאַן, און האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. די רבי'צין האָט איהם שטאַרק געבעטען יע אָנהאַלטען דאָס רבנות.

— פאַלס דו ברענגסט מיר אַן אתרוג אַ הדר, וועל איך זיך נאָך מיישב זיין, — זאָגט צו איהר דער רב.

זי איז תיכף אַוועק קיין בערזשאַן, געבראַכט אַן אתרוג אַ צאַצקע.

געטראָפען האָט זיך, דורך איטליכענס נוצען און טאַפּען דעם אתרוג אין שוהל, האָט דער אתרוג פאַרלוירען זיין שעהנקייט.

— זעהסטו, — זאָגט דער רבי צום ווייב, — יעדער הדר פאַרלירט זיין שעהנקייט ווען ער פאַלט אריין אין די הענט פון קהל...

* * *

אַ חשוב'ע קהלה אין דייטשלאַנד האָט אַרויסגערופען ר' יצחק בער לעווענזאָן (דער רוסישער מענדעלסאָן) איבערצונעמען אַ רבנות. האָט ער די בקשה אָפּגעזאָגט, ווייל ס'שטעהט: „הרבנות מקברת את בעליה" (דאָס מיינט: רבנות באַגראָבט די זעלבסטשטענדיגקייט).

* * *

וועגען אַ באַקאַנטער רבי'צין, וואָס האָט מיט איהר אויפפיהרונג דעם רב געשאַדט, האָט מען געזאָגט: „שהרבנית מקברת את בעליה", די רבי'צין באַגראָבט דעם רב...

* * *

ר' עקיבא איגר, וואָס האָט זיך געוואָלט אויף דער עלטער צוריק־ציהען פון רבנות, האָט געהערט, אַז ס'איז פאַראַנען אַ באַד אין אַ שטעדטעל לעבען פּאָזען, האָט ער געשריבען צו זיין טאָכטער, זי זאָל דאָס בעדעל אָפּדינגען פאַר איהם, באשר ער וויל כאָטש אויף די עלטערע יאָהרען אַ כשר שטיקעל ברויט פאַרדינען...

* * *

ר' יעקב עמדן פלעגט מאַכען אַ ברכה: „ברוך אתה... שלא עשני „אב"ד" (עבד), אַ רב...

137. אַ געבער איז ניט קיין נעמער.

נאָך דער חתונה פון רבי חיים סאַנזער איז צו איהם געקומען אַ חשוך־בנים, געבעטען אין אַ קוויטעל אַז זיין פרוי זאָל האָבען אַ קינד. געלד זאָל דער רבי זיך אויסבעטען וויפיל ער וויל. דערביי איז אויך געזעסען די יונגע רבי׳צען.

ר׳ חיים האָט זיך אָנגעבאָטען הונדערט גולדען. ווען דער מאַן האָט דאָס געלד תיכף געבראַכט, האָט עס ר׳ חיים ניט געוואָלט נעמען.

— סטייטש, רבי, איהר האָט דאָך אַליין פאַרלאַנגט דאָס געלד, און אַצינד שוין חרטה האָבען? — פרעגט דער חסיד.

— שלמה המלך האָט אמאָל געהערט, — ענטפערט איהם דער רבי, — ווי איין פייגעלי זאָגט צום צווייטען: „זעהסט דעם גרויסען קעניגליכען פאַ־לאַץ? אַז כ׳וויל קער איך איבער מיט איין פיסעל דעם גאַנצען פאַלאַץ". שלמה, וועלכער האָט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון חיות און עופות, רופט־צו דאָס פייגעלי, און פרעגט איהר: „ווי פאַלט דיר איין צו זאָגען אַזאַ זאַך?" „אדוני קעניג", ענטפערט דאָס פייגעלי „דאָס האָב איך מיר געוואָלט אויס־פיינען פאַר אַנדערע פייגעלאַך". מיט מיר איז אויך געווען דאָס זעלבע ווי מיט יענעם פייגעלי. דאָס האָב איך זיך געוואָלט אויספיינען פאַר מיין זוגתי, אַז איך קען אין אַ רגע פאַרדינען הונדערט גולדען. דאָס געלד אָבער וויל איך ניט...

138. צוליב די ערשטע שאלה.

ר׳ יענק׳עלי ליסה׳ר רב האָט מודיע געווען זיין קהלה, אַז ער געהט אוועק אויף סטריער רבנות. אויף דער שאלה פון די בעלי בתים, פאַרוואָס ער פאַרלאָזט זיי, ס׳איז דאָך איהם ביי זיי גאַנץ גוט? — האָט ער געענטפערט: „ווייל דאָס איז די ערשטע שאלה וואָס איהר פרעגט מיר".

139. אַ תלמיד אַ חכם.

אַ מלמד איז געקומען מיט׳ן תלמיד אום שבת איהם צו פאַרהערען דעם שעור פאַר זיין פאָטער. זאָגט דער תלמיד: „הכל שוחטין" — איטליכען מעג מען קוילענען. „שייגעץ, — צושרייט זיך דער רבי, — מיך אויך?" „חוץ מחרש שוטה וקטן" — אַ שוטה דאַרף מען ניט קוילענען, — האָט דער תלמיד געענטפערט.

140. פאַר די הינט.

אַ רב האָט גע׳מוסר׳ט אַ קצב, אַ מאַכל טרפות, און אויך אַ מסור, אַז די כלבים וועלען איהם נאָך אמאָל מאַנען צום דין, ווייל ס׳שטעהט,

אז פאַר די כלבים זאָל מען וואַרפען טרפה פלייש, און ער נעמט ביי זיי צו זייערס.

— רבי, אפשר בין איך אויך א הונט, און דאָס טרפה פלייש באַלאַנגט דעריבער צו מיר אַנשטאָט צו די אַנדערע כלבים? — זאָגט דער קצב.

— ס'שטעהט אָבער, אז די הינט אין מצרים האָבען ניט געבילט, דער־פאַר האָט זיי גאָט באַלוינט מיט'ן טרפה פלייש. דו אָבער בילסט דאָך יאָ, — האָט איהם דער רבי געענטפערט. עסטו טאַקע זייער פלייש.

* * *

אז הינט וויינען איז א סימן אז דער מלך המות איז אין שטאָדט; אז הינט לאַכען איז א סימן אז אליהו הנביא איז אין שטאָדט, — זאָגט דער תלמוד. אין מצרים זיינען אָבער געקומען ביידע: אליהו, אויסצולייזען די אידען, און דער מלאך המות פאַר די מצרים, — טו וואָס האָבען די הינט געזאָלט טאָן? האָבען זיי טאַקע געשוויגען — „לא יחרץ כלב לשונו".

141. אַ פאַסענדער ענטפער.

אַ מגיד איז אריין אין הויף פון אַ גביר. די הינט זיינען איהם באַפאַ־לען, האָט ער זיי געשלאָגען מיט'ן שטעקען. זאָגט דער גביר, ארויסקוקענדיג פון'ם פענסטער:

— די הינט האָבען נאָך ניט עובר געווען אויף'ן פסוק: „לאחיך לא תשיך" (דיין ברודער זאָלסטו ניט בייסען. איהר אָבער יאָ. רשע, וואָס שלאָגסטו דיין ברודער? („רשע, למה תכה את רעך").

— דיינע ברידער געהען אין דער מלחמה, — ענטפערט איהם דער מגיד, — און דו זיצסט דיר ביים פענסטער? („האחיכם יבואו למלחמה ואתם תשבו פה"... אַ טייטש פון דער תורה, אהער צוגעשפּיצט...

142. אַ אידען צו שלאָגען פאַראייניגען זיך אפילו די שטיינער.

אויף דעם סיגעטער רבי, ר' יקותיאל יהודה, האָט אַ שונא געוואָרפען אַ גרויסען שטיין בעת ער איז געזעסען ביי זיינעם אַ חסיד, פון וואָס ער איז שיער ניט נהרג געוואָרען.

דער חסיד האָט איהם באַרוהיגט:

„ס'שטעהט: יעקב האָט גענומען פון די שטיינער (לשון רבים), און נאָכדעם שטעהט, אז ער האָט גענומען דעם שטיין (איינעם). די שטיינער האָבען זיך אַנגעהויבען צו קריגען צווישען זיך, יעדער האָט געוואָלט אז דער צדיק זאָל אויף איהם לעגען זיין קאָפּ. צום סוף האָבען זיי זיך אַלע פאַר־אייניגט אין איין שטיין" (גמרא). ביי אייך איז מסתמא אויך אַזוי. די כונה פון אייערע שונאים איז געווען אייך צו באַוואַרפען מיט אַ סך קליינע

שטיינדלאך. האָבען אָבער די שטיינדלאך זיך אָנגעהויבען צו קריגען צוויי־שען זיך, אַז יעדערער פון זיי וויל ליגען אויפ׳ן קאָפּ פונ׳ם צדיק, האָבען זיי זיך אַלע פאַראייניגט אין איין גרויסען שטיין.

143. אַ פוסטער באַריהמער.

דער שמש פונ׳ם „חתם סופר״ פלעגט זיך תמיד באַריהמען, אַז ער איז דעם גאון׳ס שמש און ער האָט אַ רייכען פעטער. זאָגט איהם דער רבי:

— ווען דו זאָלסט האָבען געלד ווי דיין פעטער, און קענען לערנען ווי איך, וואָלסטו געהאַט מיט וואָס צו באַריהמען זיך. אָבער אַז געלד האָסטו ווי איך און לערנען קענסטו ווי דיין פעטער, מיט וואָס־זשע באַריהמסטו זיך?

144. אַ חברה מזיקים.

דער דובנער מגיד איז אַמאָל געגאַנגען אַליין אין קאָנסטאַנטין ביינאַכט. האָבען אפיקורסים איהם געפרעגט:

— ווי געהט עס אַ תלמוד חכם אַליין ביינאַכט ניט מורא האָבענדיג פאַר שדים?

— קאָנסטאַנטינער מזיקים האַלטען מיך ניט פאַר קיין תלמוד חכם, — האָט ער זיי געענטפערט.

145. וואַסער אָנשטאָט תורה.

ביי זעהר אַ פּראָסטען מענשען האָט מען געזעהן אַ בריף פונ׳ם גאון ר׳ אבא׳לע, וועלכער האָט געשריבען צו איהם ווי צו אַ תלמיד: „הוא יצק מים על ידי״. אויף זייער חידוש׳ן זיך, האָט ער זיי באַרוהיגט.

— דאָס מיינט דער רבי, — האָט זיך דער פּראָסטאַק פאַרענטפערט, — אַז איך בין כמה שנים ביי איהם געווען אַ וואַסער־טרעגער.

146. פרעמדער לויב נאָכ׳ן טויט.

ר׳ ברוך דיין האָט גענומען כאַבאַר פון איין זייט. דער צווייטער צד האָט געשריגען אַז דער משפט איז ניט געווען קיין גערעכטער. זאָגט דער דין:

— מיין משפט איז צדק „וברוך דין האמת״.

— יהללוך זר, — רופט זיך אָפּ דער באַ׳עולה׳טער, — זאָלען שוין אַנ־דערע אויף אייך זאָגען: „ברוך דין אמת״.

147. ער קראַצט רש״י׳ן.

רש״י קומט אַמאָל אַריין אין אַ שוהל, וואו צוויי בחורים פאַרשטעהען נִיט דעם פּשט פון אַ שטיקעל רש״י. איינער פון זיי האָט געזאָגט, אַז דאַרט מוז זיין אַ גרייז און האָט אָנגעפאַנגען אויסצוקראַצען. רופט זיך אָן רש״י:

— אַז איהר קענט מיך ניט, טאָ וואָס קראַצט איהר מיך?...

148. ווער האָט וועמען אויסגעלערענט?

רבי מענדעל קאָצקער האָט אַמאָל געפרעגט אַ יונגען חסיד וואו ס׳האָלט מיט זיין לערנען.

— איך האָב גאַנץ ש״ס אויסגעלערענט, — זאָגט דער חסיד.

— יאָ, אָבער וואָס האָט ש״ס דיך אויסגעלערענט?

149. אַ שניידערשע תורה.

דער „מינסקער גדול״ איז געווען אַ שניידער׳ס אַ זוהן. בעת ער איז געווען בחברותא מיט מיוחס׳דיגע רבנים און יעדערער האָט נאָכגעזאָגט תורה פון זייערע פאָטערס, האָט ער זיך אָפּגערופען:

— און מיין טאַטע פלעגט זאָגען, אַז אָן איבערגעניצעוועט שטיקעל אַרבייט האָט קיין שום ווערט ניט... — און איז אַריין אין אַ שאַרפען פלפול.

150. אַ טויטען מאַהנער באַצאָהלט מען.

אין וואַרשאַווער קראַנקען־הויז איז געשטאָרבען אַ איד, וואָס האָט ביי זיך געהאַט אַ סומע געלד, און די יורשים האָבען ביי איהם גאָרניט געפונען. זיי האָבען חושד געווען דעם משרת, וואָס האָט איהם שטענדיג באַדינט. דער משרת האָט געלייקענט שטיין און ביין. האָבען זיי איהם גערופען צום רב, ר׳ בעריש מייזעלס. דער משרת בלייבט ביי זייניגע:

— רבי, איך האָב גאָרניט גענומען.

— אויב אַזוי, — פּסק׳ענט ר׳ בעריש, — דאַרפסטו געבען אַ תקיעת־כף דעם טויטען, אַז דו האָסט דאָס געלד ניט גענומען.

— יאָ, איך גיב די האַנד, — רופט זיך אָפּ דער משרת אַ צושראָקענער.

אין זיין חדר מיוחד רופט ר׳ בעריש זיינע היימישע און זאָגט זיי בסוד:

— אָנשטאָט דעם טויטען זאָלט איהר אַוועקלעגען אין קראַנקען־הויז אַ לעבעשעדיגען מענשען אָנגעטאָן אין תכריכים און בשעת דער משרת וועט איהם די האַנד געבען זאָל דער געשטאָרבענער זי האַלטען און ניט נאָכלאָזען.

אזוי איז געשעהן. דער מת האט דעם משרת'ס האנד ניט נאכגעלאזען, און דער משרת האט אין גרוים שרעק אויסגעשריגען:

— ראטעוועט מיך! איך גיב דאס געלד צוריק!

151. תורה וגדולה במקום אחד.

א רב מיט א רייכען איד זיינען אמאל געפאהרען צוזאמען. פלוצלונג האט זיך די פוהר איבערגעקערט און זיי זיינען געבליבען ליגען אין איין זומפ. האט דער רב געזאגט צום גביר:

— איצט איז מקויים געווארען „תורה וגדולה במקום אחד", ווייל מיר ליגען איינער אויפ'ן אנדערען.

152. די צייט איז קורץ.

א מחבר האט פארלאנגט פונ'ם גאון „קוק" א הסכמה אויף זיין „קצור יורה דעה", האט ער איהם קורץ געענטפערט:

„כעת יאמר לקוצרים ה' עמכם" (דאס הייסט: אויך גאט איז מיט די וואס זיינען מקצר).

153. א רב און א רבי.

ר' שמואל מאהלעווער האט זיך אין א קור־פלאץ אין דייטשלאנד גע־טראפען מיט א חסיד'ישען רבי'ן, וועלכער האט איהם פארגעלעגט זיי זאלען זיך איבערטאן אין אנדערע מלבושים און געהן אין טעאטער, ווייל דא וועט זיי קיינער נישט דערקענען.

— אז א רבי טוט אויס די קאפאטע מיט'ן שטריימעל איז ער אויס רבי, — האט איהם ר' שמואל מאהלעווער געענטפערט, — אבער אז א רב טוט אויס די קאפאטע מיט'ן שטריימעל איז ער נאך אלץ א רב.

154. פיל"ד.

אמאל איז מען געקומען צום רבי ר' בעריש אשכנזי פון לובלין און מען האט איהם געבעטען, אז ער זאל געבען א „קמע" פאר א קראנקען. ער האט זיך געהייסען ברענגען א שטיקעל פארמעט און האט דארטען אויפגעשריבען „פיל"ב", און געהייסען עס געבען דעם קראנקען. נאך זייער אוועקגעהן האבען די מקורבים געפרעגט דעם רבי'ן דעם באדייט פון דעם ווארט.

„פיל"ד" — האט דער רבי געענטפערט מאכט: „פתי יאמין לכל דבר".

155. צי ווייסט אַ מענש וואו ער געהט?

דער גאון ר׳ יחזקאל פּרעגער איז אמאָל פאַרטאָג געגאַנגען אין שוהל אריין. שטעלט איהם אָפּ אויפ׳ן וועג אַ פּאָליסמאַן און פרעגט איהם, וואו ער געהט.

— כ׳ווייס נישט! — האָט ער געענטפערט.

דער פּאָליסמאַן האָט איהם אָנגענומען פאַר אַ גנב און איהם אָפּגע־פיהרט אין געפענגניש.

אין דער פריה דערזעהט דער פּאָליציימייסטער דעם רב צווישען די נאַכט־גנבים און ווערט ערשטוינט.

— ווי קומט איהר דאָ אהער?

— דער פּאָליסמאַן האָט מיך אַרעסטירט דערפאַר ווייל איך האָב איהם נישט געענטפערט אויף דער פראַגע וואוהין איך געה. ווען ער פרעגט מיך וואוהין איך ווייל געהן, וואָלט איך איהם געזאָגט. אָבער אז ער האָט מיך געפרעגט וואוהין איך געה, האָב איך איהם ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. אָט האָט איהר דעם באַווייז: געגאַנגען בין איך גאָר אין שוהל אריין און געקומען בין איך גאָר אין געפענגניש.

156. מיט גלייכער מאָס באַצאָהלט.

דער דייטשער קייזער פרידריך דער צווייטער איז געווען באַפריינדעט מיט דעם פילאָזאָף משה מענדעלזאָן. אַלס שפּאַס האָט דער קייזער אויפ־געשריבען אויף מענדעלזאָנ׳ס טיר:

„דו ביזט אַ נאַר אַ שוטה”.

מענדעלזאָן האָט איהם באַצאָהלט מיט גלייכעם און צוריקגעשריבען אויפ׳ן קייזער׳ס טיר:

„קייזער פרידריך — דער צווייטער”...

157. דער זינדיגער טאָפּ.

אַ פרוי האָט געפרעגט אַ ראַבאַי אַ שאלה וועגען אַ פליייש־טאָפּ אונטער וועלכען עס איז אונטערגעלאָפען קאָכעדיגע מילך.

— דער מילך־טאָפּ איז טרפה, — פּסק׳ענט דער ראַבאַי.

— די מילך איז דאָך אונטערגעלאָפען אונטער׳ן פליייש־טאָפּ און ניט פאַרקערט, — וואונדערט זיך די פרוי.

— דער מילך־טאָפּ איז טריף, ווייל פון איהם האָט זיך דאָס אַלץ אָנ־געהויבען...

158. רביי׳שע מופתים.

א פּאָטער האָט אמאָל געבראַכט זיין שטומע טאָכטער צום חסיד׳ישען רבי ער זאָל זי רעדענדיג מיכען מיט א מופת, און מיטן כח פונ׳ם פּדיון.

דער רבי גיט איהר א גלאָז וואַסער צו טרינקען און באַפעהלט איהר מיט א גזרה זי זאָל מאַכען א ברכה „שהכל״. ער האָט אויף איהר עטליכע מאָל אָנגעשריגען, און זי פאָלגט איהם אַלץ ניט.

— ווייל דו פאָלגסט מיך ניט, בין איך גוזר אז דו זאָלסט אייביג בלייבען שטום! — האָט זיך דער רבי צושריגען אין כעס. און אזוי איז טאַקע געשעהן.

* * *

דער רוזשינער איז אמאָל געפאָהרען אין וועג מיט א קארעטע געשפּאַנט אין פיר פערד. אויפ׳ן וועג באַגעגענט ער דעם רבי, ר׳ מאיר׳ל, פאָהרענדיג מיט א האלב־געפּגר׳טען פערדעל.

— דיינע דרכים געפעלען מיר גאָרניט, — זאָגט צו איהם דער רוזשינער. — אז מ׳פאָהרט מיט פיר פערד קען מען נאָך ווי עס איז ארויסקריכען פון א טיפער בלאָטע ווען מען פארקריכט אהין, אָבער ניט מיט אזא קליאַטשע.

— אז מ׳פאָהרט מיט אזא קליאַטשע, — ענטפערט איהם ר׳ מאיר׳ל, — פאָהרט מען לכתחילה ניט אריין אין קיין בלאָטע...

* * *

א רבי מיט גבאים זיינען אמאָל פארפאָהרען אין א קאַלטער ווינטער־נאַכט צו א קרעטשמאר אין א דאָרף, און דער קרעטשמאר האָט דעם רבי ניט אריינגעלאָזט.

— איך בין גוזר, — האָט דער רבי אויסגעשריגען, — אז די קרעטשמע זאָל אין א יאָהר ארום פארברענט ווערען.

דער דאָרפס־איד האָט זיך דערשראָקען און האָט דעם רבי אריינגעלאָזען.

— איצט, — רופט זיך אָן דער רבי, — בין איך גוזר, אז די הויז זאָל ניט פארברענט ווערען.

חסידים דערצעהלען דעם מופת, אז זיי האָבען אליין געזעהן ווי די הויז איז טאַקע ניט פארברענט געוואָרען.

159. פון וואַנען רביי׳אישער לוקסוס נעמט זיך.

ר׳ ישראל׳טשי רוזשינער פלעגט זיך פיהרען זעהר רייך. אז מ׳האָט איהם געפרעגט, פארוואָס ער פיהרט זיך אזוי, האָט ער געענטפערט:

— עס קומען צו מיר דרייערליי חסידים: אמת׳ע חסידים, בעלי בתים און אזעלכע וואָס מען רופט זיי קלים. אַלע גיבען פּדיונות, נאָר זייערע פּדיונות ווערען צוטיילט אויף דריי חלקים. די פּדיונות פון די חסידים געהען

פאַר'ן נויטיגסטען; די פּדיונות פון בעלי בתים פאַר צרכי מצוה, און די פּדיונות פון די קלים אויף לוקסוס. אַזוי ווי עס זיינען דאָ אַ סך קלים, איז דאָ אַ סך לוקסוס...

160. בת ק' כבת כ'.

אַ מתנגד האָט אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט צום רבי'נס טיש. דער רבי האָט דערקענט דעם מתנגד און איהם געפרעגט:

— וואָס איז דיין נאָמען?

— קלמן, — האָט יענער געענטפערט.

— וועה מיר, — האָט דער רבי אויסגעשריגען, — ק'ל'מ'ן מאַכט: כזבנו, לצנו, מרדנו, נאצנו.

— רבי, — האָט זיך דער מתנגד אָפּגערופען, — אָבער קלמן איז דאָך מיט אַ „קוף", ניט מיט אַ „כף".

— בת ק' כבת כ' — האָט דער רבי געענטפערט.

161. טלית, וויין נישט.

דער קעלמער מגיד איז אַמאָל געקומען קיין דובלין אַ'ן געזעהן ווי די אידען דאַוונען אָהן טליתים, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט און גענומען זאָגען:

— אַמאָל בין איך אַריין צו איינעם אין הויז און געטראָפען אַז דאָס הויז איז לעדיג נאָר מען וויינט. ווער וויינט? כ'קוק זיך אַרום און זעה, אַז דאָס וויינט דער טלית? „וואָס וויינסטו, טלית?" פרעג איך איהם. „מיין בעל הבית איז אַוועקגעפאָהרען קיין דובלין, — זאָגט מיר דער טלית, — האָט ער מיטגענומען דאָס געלד און די צירונג נאָר מיך נישט".

— וויין ניט, — האָט דער מגיד איהם פאַרטרייסט — דערפאַר, איבער הונדערט יאָהר, וועט ער אַלצדינג איבערלאָזען, און נאָר דיך מיט־נעמען.

162. צוויי ראשי ישיבות, ווער איז קליגער?

דער „נציב" פון וואָלאָזשין און ר' יוסי־בער האָבען זיך געטראָפען אויף אַ סעודה של מצוה.

ר' יוסי־בער האָט אביסעל געוואָלט אָפּ'לצ'ן פון דעם נציב, האָט ער געזאָגט: „איך וועל אייך ווייזען אַ קונץ־שטיק. זאָל מען אַוועקלעגען 5 נים אין יעדען עק פון טיש און מיט איין וואָרט וועלען אַלע נים ליגען אין אַ שיסעל, וואָס מען וועט אַוועקשטעלען אין מיטען טיש".

דער נצי"ב האָט נישט געוואָלט גלויבען, אַז ער וועט דאָס קענען טאָן, און זיי האָבען זיך געוועט אין דריי רובל.

האָט מען באַלד אַזוי געטאָן, געלעגט נים אין די עקען פון טיש. דאַן האָט ר׳ יוסי־בער געזאָגט צו זיין משמש:

— לעג אריין אַלע נים אין דער שיסעל פון מיטען טיש.

און צום נצי״ב האָט ער געזאָגט:

— די דריי רובל געהערען איצט צו מיר.

דער נצי״ב האָט פּראָטעסטירט ווייל עס איז אַ „גנבת דעת״. איז גע־בליבען, אַז זיי זאָלען האָבען אַ דין תורה. די רבנים האָבען אויסגעהערט די טענות און גע׳פּסק׳ענט:

— אמת, עס איז דאָ אַ גנבת דעת, אָבער אַזוי ווי דאָס אליין איז אַ קונץ־שטיק געהערען די דריי רובעל צו ר׳ יוסי־בער׳ן.

דאָ האָט זיך ר׳ יוסי־בער אָנגערופען:

— עס איז נישט אַזוי. באמת איז דאָ פאַראַן אַ גנבת דעת. און דאָס וואָס איהר זאָגט אַז עס איז אַ קונץ־שטיק, איז עס נישט ריכטיג, ווייל אָפּ־צונאַרען דעם נצי״ב איז גאָרנישט קיין קונץ, עס איז זעהר לייכט. דעריבער קומט איהם צוריק די דריי רובל.

163. אַ פיהרער פון שטאָדט.

דער שריפטשטעלער ר. אַ. ברודס האָט אַמאָל, שפּאַצירענדיג מיט חברים, אָנגעטראָפען דעם וואָגען וואָס מען פיהרט ארויס דאָס מיסט, צועה, פון דער שטאָדט, האָט ער ביי זיי געפרעגט ווי מען רופט אַזאַ בעל־עגלה אויף לשון קודש. יעדער איינער האָט געזאָגט אַן אַנדער וואָרט און נישט געטראָפען. ברודס האָט זיך אָנגערופען:

— גאָר פּשוט: „מנהיג דק״ק לבוב.

164. אַ קאָרגער מאַכט אוים ערגער.

אַ רייכער מאַן האָט פאַרלאָרען אַ בייטעל מיט 1000 דאָלאַר און האָט אויסגערופען, אַז ווער עס וועט געפינען דאָס געלד און וועט עס איהם צוריק־ברענגען קריגט 200 דאָלאַר. אַן אָרימער איד האָט געפונען דאָס געלד און האָט׳ס איהם צוריקגעבראכט. דער רייכער האָט ארויסגענומען 5 דאָלאַר און איהם געוואָלט געבען. „מיר קומט 200 דאָלאַר״, האָט דער אָרימער איד געזאָגט. „עס פעהלט מיר שוין 200, עס איז מעהר נישטאָ ווי 800 דאָלאַר״.

געהט מען צום רב. דער רב הערט אוים די טענות.

— אויב אַזוי, — האָט דער רב גע׳פּסק׳ענט, — געהער דאָס גאַנצע געלד צום אָרימאַן. — דער נגיד האָט פאַרלאָרען 1000 דאָלאַר. דאָ איז אָבער נאָר פאַראַן 800, איז עס נישט זיין געלד...

165. רבי „עזריאל" און דער „חוזה".

ר' עזריאל, „דער אייזערנער קאָפּ", איז געווען א געגנער פון חסידות. ער האָט געזעהן ווי פּילע פּאָהרען צום „חוזה", בעת ער האָט געוואוסט, אז דער „חוזה" קאָן נישט לערנען. איז ער צוגעשטאַנען צום „חוזה" ער זאָל ווערען אוים רבי. — וואָס זאָל איך טאָן? — פרעגט דער חוזה.

— זאָג זיי, — האָט ער געזאָגט צום „חוזה", — אז דו קענסט נישט לערנען, וועלען זיי נישט מעהר קומען צו דיר.

— גוט! — האָט געזאָגט דער „חוזה", — איך וועל אייך פאָלגען.

שבת האָט ער ווירקליך ביים טיש ערקלערט עפענטליך, אז ער קען נישט לערנען און עס וואונדערט איהם, נאָך וואָס מען קומט צו איהם.

דער עולם האָט עס גענומען פאר אן ענייות, איז מען נאָך מעהר געפאָהרען צו איהם.

— נו, זעהט איהר, — האָט דער „חוזה" געזאָגט, — אז עס העלפט נישט. זיי קומען ווייטער.

— זאָג זיי איצט, אז דו קענסט יאָ, וועלען זיי נישט קומען מעהר, — האָט ר' עזריאל איהם געראַטען.

— אזא ליגען זאָגען קען איך ניט, — האָט דער חוזה געענטפערט.

166. די מצבה זאָגט עדות.

ר' יעקב, דער פּאָרפאַסער פון „אבן ספּיר", און פּרץ סמאָלענסקין האָבען זיך אמאָל געקריגט. האָט ר' יעקב געזאָגט צו סמאָלענסקין:

— ווען איך וועל שטאַרבען, וועט מען אויפשרייבען אויף דער מצבה: פ"נ „אבן ספּיר". אָבער אויף דיין מצבה וועט מען אויפשרייבען: פ"נ „קבורת חמור" (איינס פון סמאָלענסקינ'ס ווערק).

* * *

דעם ראָמאַנען־שרייבער „שמ"ר" האָט אמאָל א רב געפרעגט וואָס זיין באשעפטיגונג איז.

— איך שרייב ראָמאַנען אין זשאַרגאָן, — האָט איהם שמ"ר געענטפערט. — אָט האָב איך פאַרענדיגט א ראָמאַן מיט'ן נאָמען „משומד להכעיס".

— איצט וועט איהר שוין האָבען א גוטען אויפשריפט אויף אייער מצבה איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר: פ"נ „משומד להכעיס". (ווי באַוואוסט, שרייבט מען אויף די מצבות פון מחברים די נעמען פון זייערע ווערק, ווי פ"נ „מגן אברהם").

167. וועגען געלד וואָס איז נאָך ניט געפונען געוואָרען.

ארויסקוקענדיג פונ'ם פענסטער האָט ר' חיים סאַנסער אריינגערופען צו זיך א פאַרבייגעהענדען חסיד און איהם געפרעגט:

— וואָס וואָלסטו געטאָן ווען דו געפינסט אַ בייטעל מיט געלד?
— איך וואָלט עס אָפּגעגעבן צום אייגנטימער, — ענטפערט ער.
— ביזט אַ גרויסער שוטה! — האָט דער רבי איהם געזאגט, און אריינגערופען אַ צווייטען.
— וואָס וואָלסטו געטאָן ווען דו געפינסט אַ בייטעל געלד? — פרעגט ער דעם צווייטען.
— וואָס בין איך אַ נאַר? כ'וואָלט גענומען דעם בייטעל מיט געלד און זיך אָפּגעטראָגען.
— ביזט אַ רשע! — זאָגט איהם דער רבי, און רופט אַ דריטען און פרעגט איהם די זעלבע פראגע.
— ווען כ'וועל געפינען וועלען מיר שמועסען, — ענטפערט ער.
— דו ביזט אַ חכם, — האָט דער רבי איהם געזאָגט.
ווי זאָגט עפּעס היינריך היינע: די חכמים קריגען זיך איבער אַן איי, וואָס איז נאָך ניט געבוירען געוואָרען („ביצה שלא נולדה ביום טוב").

168. אַ היתר פונ'ם פּסוק.

דער גאון ר' אברהם תאומים איז געווען אַ מוהל. אמאָל איז איהם אויסגעקומען מל צו זיין אַ קינד וואָס דער סנדק איז געווען אַן עם־הארץ. מאַכט דער סנדק צו איהם:
— איצט מוז זיך דער רבי בוקען פאַר מיר.
האָט איהם דער רבי געענטפערט:
— עס שטעהט דאָך אזוי: וישתחוה „אברהם" לעיני „עם־האָרץ".

169. ס'ווילט זיך ניט ברענגען קיין שלעכטע בשורה.

ר' יוסי־בער האָט געהאַט אַ שמש וואָס די גבאים האָבען איהם געוואָלט אָפּזאָגען. האָבען זיי איהם דאָס געהייסען טאָן. האָט ר' יוסי־בער נישט געוואָלט און זיי ערקלערט אָט אזוי:
ווען גאָט האָט געוואָלט זאָגען אברהם'ן צו שחט'ען זיין זוהן, האָט ער עס איהם געזאָגט אליין, ווייל קיין מלאך האָט נישט געוואָלט טאָן אזא שליחות, אָבער ווען ער האָט איהם געהייסען ניט שחט'ען יצחק'ן האָט ער עס געטאָן דורך אַ מלאך, ווייל אַ גוטע שליחות וויל איטליכער טאָן.

170. נביאות פון אַ רבי'ן.

דער רבי־רבי־הירש־מלך האָט געלייענט די פרשה: „על כן לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה". דערביי איז געווען דער משכיל יוסף טארלאָ, האָט ער געלאַכט און געזאגט:

— נאָך אַ גליק וואָס דער מלאך האָט נישט אָנגעריהרט אָן דער ברוסט. טאָמער יאָ, וואָלטען מיר קיין ברוסט ניט געטאָרט עסען.
ווען דער רבי האָט דאָס געהערט האָט ער געזאָגט:
— כ׳בין זיכער, אַז ער וועט זיך נאָך שמד׳ן.
טארלא׳ן האָט דאָס פאַרדראָסען. ער האָט דאָס דערצעהלט ר׳ נפתלי ראָפּשיצער. דער רבי האָט געזאָגט לאַכענדיג:
— אַ רבי׳ן דאַרף מען פאָלגען.
שפּעטער האָט טאַקע טארלא זיך גע׳שמד׳ט.

171. אַ פערד בלייבט אַ פערד.

אַ יונגערמאַן איז געקומען צום ריזשינער בעטען סמיכה, און דעם רבי׳ן דערצעהלט אַז ער געהט נאָר אין ווייסע קליידער, טרינקט נאָר וואַסער, און אין די שיך טראָגט ער נעגעל צוליב סגיף, ער קוליעט זיך אויס אין שנעע (גלגול שלג), און דער שמש שלאָגט איהם יעדען טאָג מלקות. אזוי ווי ער רעדט אזוי, זעהט ר׳ ישראל ריזשינער ווי אַ ווייס פערד וואַרפט זיך אין שנעע, זאָגט ער צו איהם:
— זעהסטו דאָס פערד? עס געהט אין ווייסען, טרינקט נאָר וואַסער, האָט נעגעל אין די שיך, קוליעט זיך אין שנעע און דער בעל־עגלה שלאָגט עס מעהר ווי 39, און פונדעסטוועגען איז עס אַ בהמה און ס׳וועט בלייבען אַ בהמה.

172. ר׳ חיים בריסקער׳ס וויטער בליק.

אַ מיידעל האָט אַמאָל געטראָפען ר׳ חיים בריסקער אין דער גאַס אַרויסגעהענדיג פון זיין בית־דין־שטוב מיט אַ כשר־געמאַכטען עוף. ר׳ חיים באַקוקט דאָס עוף: ס׳איז ריין, און געהט אַריין אין בית־דין־שטוב און דער מורה הוראה האָט איהם אויך געזאָגט פונ׳ם פסק כשר. זאָגט ר׳ חיים צום מיידעל אין דרויסען:
— געה אַהיים און ברענג דאָס אַנדערע עוף.
איז זי אַהיים געגאַנגען און געבראַכט דאָס צווייטע עוף און מ׳האָט געפונען אַ טרפה.
די דיינים האָבען זיך פאַרוואונדערט. ר׳ חיים האָט זיי געזאָגט, אַז די מעשה איז זעהר פשוט. „כ׳האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז מען פרעגט נישט קיין שאלה אויף אַ כשר עוף, און אַז זי האָט מן הסתם געשאָכטען צוויי עופות און זיי האָבען זיך ביי איהר פאַרביטען.”

173. אַ רבי׳ס וויטער קוק.

איינער פון די גרויסע רביים איז ביים שלש סעודות אַנטדרימעלט גע־וואָרען. אויפכאַפּענדיג זיך דערצעהלט ער: ער האָט געהאַט „עליית נשמה”

און האָט געזעהן ווי דער סאדעגורער רבי, ר׳ אברהם יעקב׳ניו, איז בזו הרגע נפטר געוואָרען.

צו מאָרגענס איז איינער פון די חסידים געפאָהרען קיין טשערנאָוויץ און האָט זיך דאָרט באגעגענט מיט אַ חסיד וואָס איז נאָר־וואָס געהאט געקומען פון סאדעגורע, און יענער האָט איהם געזאָגט אַז דער סאדעגורער רבי איז ברוך השם געזונד.

— געלויבט איז השם יתברך, אַז דער רבי לעבט, — האָט זיך דער חסיד אָפּגערופען, — אָבער מיין רבי׳ס ווייטער בליק איז אַ גרויסע פליאה...

174. ניט שעהן צו זיין אַ מחמיר.

צום גאון „ברוך טעם" קומט אמאָל אַ יונגער רב נאָך סמיכות. דער גאון פלפול׳ט זיך מיט איהם אין שאלות, און דער יונגערמאַן מאכט אַלע שאלות טריף. דער גאון באווייזט איהם אָבער פון׳ם „יורה דעה" אַז אַלע זיינען כשר.

— „אויפ׳ן מחמיר דאַרף קומען אַ ברכה", — ענטפערט איהם דער רב׳ל. דערצעהלט איהם ברוך טעם פאָלגענדע מעשה:

אַ ישוב׳ניק, וועלכער האָט ניט געהאַט ביי וועמען צו פרעגען אַ שאלה אויף אַן עוף, האָט געגעבען אַן עצה זיין ווייב, זי זאָל וואַרפען דאָס עוף פאַר אַ הונט. וועט עס דער הונט אויפעסען, איז אַ סימן אַז עס איז טריף, ווייל ער האָט אמאָל געהערט אַז טריפה פלייש דאַרף מען וואַרפען פאַר׳ן הונט. וועט עס דער הונט ניט אויפעסען, איז עס כשר. דעם ישוב׳ניק איז אָבער געוואָרען קשה, וואָס יעדעס מאָל וואָס מען וואַרפט דאָס פלייש פאַר׳ן הונט איז עס טריף, וואָרים דער הונט עסט עס יעדען מאָל אויף. האָט ער באַשלאָסען איינצושפּאַנען די פערד און פאָהרען ווייט, ווייט צו אַ רב און איהם פרעגען, פאַר וואָס דער הונט מאכט אַלעמאָל טריף. ווען דער רב האָט אויסגעהערט די געשיכטע, האָט ער איהם געענטפערט: „דער הונט איז אַ מחמיר"...

175. די חכמה פון עפענען שלעסער.

אַ בת־יחידה פונ׳ם שוהל־פרעזידענט איז זעהר קראַנק געוואָרען, מסוכן. אינמיטען נאכט האָט דער פאָטער באפוילען דעם רב תיכף צונויפצורופען אַ מנין אידען צו זאָגען תהלים. דער רב האָט ניט געקענט קריגען אויף דער רגע קיין אידישע אידען, האָט דער רבי אריינגעבעטען אַ מנין גנבים, וואָס זיינען געראָדע פאַרבייגעגאַנגען. ווען די גנבים האָבען אָפּגעזאָגט תהלים איז דעם מיידעל געראָדע בעסער געוואָרען.

— ווי פאַלט אייך איין, רבי, צו ברענגען אַ מנין גנבים תהלים צו זאָגען ? — האָט דער פרעזידענט געפרעגט דעם רב.

— ווען אַלע טויערען (פון רחמים) זיינען פארמאַכט, איז וועד נאָך איז אַזאַ בריה צו עפענען אַ טויער ווי אַ גנב ?

* * *

די שטענדיגע ברכה פונ'ם גנב איז: „ברוך אתה . . . על נטילת ידים".
אין אָווענט: „אשר בדברו מעריב ערבים ובחכמה פותח שערים".

176. דער תנא קמא.

פאַר וואָס פרעגט שטענדיג די גמרא: פאַר וואָס דער „תנא קמא" (דער ערשטער תנא) זאָגט אַזוי, און נישט אויף דעם „תנא בתרא" (אויפ'ן צווייטען תנא) ?

— ווייל נאָכ'ן ערשטען ווייסט שוין אַ איד אַז ער מוז זאָגען פאַרקערט. אָבער דער ערשטער האָט געווים ניט געוואוסט וואָס דער צווייטער וועט זאָגען, פון וואַנען האָט ער געקענט וויסען צו זאָגען פאַרקערט ?

177. אַ הונגער-סטרייק.

אין מעזבעש האָט אַמאָל אויסגעבראָכען אַ מגפה אויף קינדער. הונ־דערטע זיינען אַוועקגעפאַלען. האָט דער רבי, ר' ברוך, אויף זיך גענומען ניט צו עסען אַזוי לאַנג ווי די מגפה האַלט אָן. אויפ'ן דריטען טאָג האָט דאָס בני־בית געזעהן ווי דער רבי זיצט אין זיין חדר אָן אויסגעמאַטערטער. האָבען זיי געבעטען הערשעלע אַסטראָפּאָליער ער זאָל עפּעס געבען אַן עצה. הערשעל האָט דעם רבי'ן אריינגעבראכט עסען און איהם פאַרזיכערט, אַז די מגפה האָט שוין אויפגעהערט. עסענדיג דערזעהט דער רבי דורכ'ן פענסטער אַ לויה פון אַ קינד.

— הערשעל, וואָס איז דאָס ? — פרעגט איהם דער רבי.

— דאָס טראָגט מען שוין צוריק... — ענטפערט הערשעל.

פאָלקס־וויצען

178. אַ פרעזידענט אַ תלמיד חכם (?)

אין אַ שטעדטיל האָט מען געדאַרפט אויפנעמען אַ רב, איז ניט געווען קיין מבין דעם רב אויספּרובען אויב ער קען לערנען. האָט זיך דער פרעזידענט אנגערופען: איך וועל איהם פרעגען אַ שאלה, וועלען מיר זעהן אויב מען מעג איהם אויפנעמען אלס רב.

צונויפקומענדיג אַן עולם אין שוהל, פרעגט איהם דער פרעזידענט: רבי! ווען איז אדם הראשון געבוירען געוואָרען? דער רב האָט פאַר־שטאַנען זיין למדנות און געענטפערט איהם: „אום פורים איז אדם געבוירען". די מענשען האָבען ניט פארשטאַנען ווי אזוי קען דאָס זיין: פורים איז דאָך מיט אַ סך הונדערטער יאָהרען שפּעטער?

— איך וועל אייך ענטפערען פון וואַנען איך וויים דאָס — זאָגט דער רבי — דער פרעזידענט האָט אודאי געלערענט דעם טייטש־חומש, וואָס טייטשט דעם פסוק: „כי בצלם אלהים עשה את האדם" — גאָט האָט אין זיין פורעם אדמ'ען באַשאַפען. און אזוי ווי אַ פליג האָט זיך געווים מכין געוועזן אין „פ" פון „פורעם", האָט דאָס שוין געמאכט „פורים". אייער פרעזידענט האָט געזעהן אַן אַנדער טייטש־חומש. דאָרט איז אַנדערש געשטאַנען, האָט ער אוודאי געמיינט אז נאָר ער אליין ווייסט ווען אדם איז געבוירען געוואָרען...

דעם פרעזידענט איז געפעלען געוואָרען דער למדנ'ישער ענטפער און מען האָט דעם רב אויפגענומען...

179. אַ משוגע'נער גלויבט אין אַ רבי.

אַ משוגע'נער האָט זיך אַמאָל אריינגעריסען אין הויז פונ'ם „נודע ביהודה" מיט אַ האַק אין האַנט, דעם גאון געדראָהט, דער רבי זאָל פונ'ם צווייטען פלאָר אַראָפּשפּרינגען אין סטריט. ער איז דאָך אַ בעל מופת. ווען ניט, צעהאַקט ער איהם דעם קאָפּ.

דער גאון, דערשראָקענערהייט, זאָגט אים: „אמת, איך בין אַ בעל מופת, אָבער אַראָפּצושפּרינגען און ניצל ווערען דאָס קען אויך אַ פּראָסטען מענש געשעהן... איך שטעל מיך אונטען אין גאַס, און מאַך אַ שפּרונג פון אונטען ארויף". דאָס איז געפעלען געוואָרען דעם משוגע'נעם. דער גאון איז אַרונטער, גערופען פּאָליציי, זיי האָבען דעם משוגע'נעם געבונדען און אוועקגעפיהרט...

180. פרייד און לייד פון אַ אידען.

לייבל, דער באַקאַנטער מסור, פלעגט גרוים הנאה האָבען אז ער האָט געקענט מסור'ן אַ אידען. „פון אַ אידענ'ס צער איז מיין הנאה אין לשער" — איז געווען זיין וואָרט. געטראָפען אַמאָל, אז מ'האָט איהם אויך פאַר'מסר'ט צו דער שררה און ער האָט באַקומען שמיץ. בשעת שלאָגען איהם, האָט ער גאָר געלאַכט, און נאָך די שלעג האָט ער אנגעהויבען צו וויינען. אז מ'האָט איהם גפרעגט איבער זיין אויסטערלישען באַנעהן, האָט ער געענטפערט: בשעת שלאָגען האָט ער הנאה געהאט וואָס

מ'שלאָגט אַ אידען; נאָכ'ן שלאָגען האָט ער געוויינט, וואָס אַ איד האָט הנאה...

181. אַ ליגנערישער אמת.

אַן אפיקורס פאר'ן טויט האָט געהייסען זיך אָנטאָן טלית און תפילין, ער וויל תשובה טאָן.

די אַרומיגע מענשען האָבען זיך געוואונדערט אויף דעם תשובה־אַקט. האָט ער זיך פאַרענטפערט: די גמרא זאָגט, „רשעים, אפילו ביי דער טיר פונ'ם גהנום טוען אויך קיין תשובה ניט", וויל איך ווייזען אַז אפילו דאָס אליין איז אויך אַ ליגען..

182. צוויי מלאכות נאָר פאַרקעהרטע.

אַ זייגער־מאַכער פון יוראָפּ איז דאָ געוואָרען אַ שוחט אויך. איז ביי איהם אויסגעקומען ביידע מלאכות פאַרקערט: די געשאָכטענע הון איז ווייטער אַרומגעגאַנגען ווי פריהער, און דער פאַראַכטענער זייגער איז אויך ווייטער ניט געגאַנגען...

183. די 4 מבוישטע און באַ'עולה'טע.

דער „לדוד מזמור", דער „עלינו", דער „שמש" און דער „ממזר" האָבען זיך באַקלאָגט פאר'ן בית־דין־של־מעלה: לדוד מזמור, אַ שעהנע תפלה, זאָגט מען כאַפּענדיג צום סוף; ביי עלינו שפּייט מען אויס, און איהם, דעם שמש, איטליכער באַדינט זיך מיט איהם; דער ממזר — וואָס בין איך שולדיג וואָס די מאמע האָט געזינדיגט?

געענטפערט האָט זיי אַ בת־קול פונ'ם הימעל: דער „לדוד" און „עלינו", וועלען ראש־השנה און יום־כפור דערהויבען ווערען, (דער חזן זאָגט „לדוד" און „עלינו" אויפ'ן אויבער־קול). דער „שמש" אויבען־אָן איהם אויפצוהויבען ביי כורעים, און דו, „ממזר", פאָהר קיין אַמעריקא וועסטו ווערען אַ פּרעזידענט פון אַ גרויסער שוהל...

* * *

די 4 בכבוד'ע אויף אַ בכבוד'ן פּלאַץ:

„סומך נופלים" — דער לאָיער. „רופא חולים" — דער דאָקטאָר. „מתיר אסורים" — דער רעפאָרם־רבי. „ומקיים אמונתו" „לישיני עפר" (דר'ערד ליגערס) — דער גוטער איד.

184. לכבוד הרב.

אַ גבאי אין שוהל האָט עטליכע מאָל געצייגט דעם זייגער צום רב, ער זאָל סטאָפּען זיין דרשה. האָט דער רב, פאַרדריסליך, איהם צוגערופען: דער זייגער געפעלט מיר, אָבער דער „ווייזער" — ניט...

185. דער טויט מאַכט שלום.

צוויי פרויען פאַהרען אין טרעין און מ׳קריגט זיך: די וויל אז דער קאָנדוקטאָר זאָל עפענען דאָס פענסטער, זי ווערט אזוי דערשטיקט פונ׳ם אסטמא־ליידען; די צווייטע וויל דאָס פענסטער פארמאכען, זי שטאַרבט פון א קאַלט. וואָס טוט דער קאָנדוקטאָר? עפענט די פענסטער, כדי די איינע זאָל אויסגעהן, דערנאָך מאכט ער צו די פענסטער — די אנדערע זאָל שטאַרבען, און שאַ...

186. אַ ריכטיגע פּאַרטיילונג.

צוויי עסען צוזאמען. נעמט זיך איינער די גרעסערע העלפט, דעם חבר גיט ער דעם קלענערען חלק.

— איך אויף דיין אָרט וואָלט איך מיר גענומען דאָס קלענערע חלק און דיר, דעם גרעסערען טייל — זאָגט איהם דער חבר.

— אזוי האָב איך דאָך געטאָן — ענטפערט דער פּארטיילער.

187. אַ שאלה אויף אַ הספד.

א מספיד האָט צווישען אנדערע שבחים געלויבט דעם נפטר: ער האָט קיינמאָל ניט געטאָן אַ זאך אין דער היים וואָס ער וואָלט ניט געטאָן אין דער עפענטליכקייט.

מיסטער! — רופט זיך אָן אַ זייטיגע שטימע — מעג מען אייך פרעגען צי דער פארשטאָרבענער האָט אמאָל גענומען אַ וואַנע?

188. חסידות׳טים.

אַן אָרימע פרוי קומט צום רבי׳ן מיט א גרויסען פדיון. דער רבי וואונדערט זיך און פרעגט: ווי קומט צו אייך אזא סומע?

איהר זעהט׳ך, פאר׳ן רוח איז דאָ, רבי׳ניו — ענטפערט זי.

* * *

אַ ישוב׳ניצע קומט צום רבי׳ן נאָך א ישועה. וואו איז דער מאן? — פרעגט דער רבי.

— ער איז געפאָרען צו אן אנדערן רבי.

— צו וואָס נאָך צו איינעם?

— פארשטעהט איהר, רבי, צוויי פערד שלעפּען בעסער ארויס פון א בלאָטע.

189. אַ „יד" וואָס ברענגט אין „יד" אַריין.

אַ גנב, וואָס האָט גע'גנב'עט דעם זילבערנעם „יד" פונ'ם ספר תורה, האָט מען געפרעגט: ווי קומסטו גראד דאָס צו גנב'ענען?

די „יד" איז מיר זעהר געפעלען געוואָרען — ענטפערט דער גנב — דארף איך עובר זיין אויף: „זאָלסט ניט גלוסטען" און גאר ניט האָבען, בעסער שוין די עבירה פון „זאָלסט ניט גנב'ענען און פארדינען דערביי.

190. אַ ליגען וואָס ברענגט תיכף איין.

מ'האָט צוגעזאגט א באוואוסטען ליגנער 100 טאַלער, ער זאָל זאָגען אין מאָמענט א שקר. „איהר האָט דאָך מיר צוגעזאגט 200", אָדער: „איך האָב נאָך קיינמאָל קיין ליגען ניט געזאגט" — איז געווען זיין שלאָג-פערטיגע תשובה, און ער האָט געוואונען.

191. חסידישע קאָנקורענץ.

צוויי חסידים קאָנקורירען מיט אנ'אנדער וועמעס רבי איז גרעסער אין צדקות און אין מופתים-באווייזען. דער איינער דערצעהלט:

— מיין רבי פיהרט זיך מיט, אויף דער נסיעה, א חזן מיט א שוחט.

— מיין רבי פיהרט זיך מיט זיין אייגענע מקוה.—א גרעסערער מופת.

— מיין רבי — פיהרט דער ערשטער ווייטער אוים — געווען אונ-טערוועגס, האָט'ס גערעגענט, פשוט א מבול, האָט ער, זאָל לעבען, מתפלל געווען, איז געשעהן א נס: איןביידע זייטען רעגען און אין מיטען לויטערער הימעל.

— פון מיין רבי'ן א גרעסערער מופת: ערב שבת, נאכטליך, געוואָרען אונטערוועגס, האָט ער — זאָל מאריך ימים זיין — א פארשפרייט געטאָן די פאָלע און א נס איז געשעהן: שבת פון ביידע זייטען און אין דער מיט וואָכענדיג.

— מיין רבי — זאָגט ווידער דער ערשטער — האָט זעהר מורא פאר גאָט.

— מיין רבי — פארענדיגט דער צווייטער — איז אזוי גרוים, אז ער האָט ניט מורא אפילו פאר גאָט אויך ניט..

192. אַ פסוק אוים 5 שפראַכען.

„די פען טויג אויף טישאָנטס ניינציג כפרות" — זאָגט מען אויף אידיש.

די „פען איז — „לאַטיין; „טישאָנטס — פויליש; „ניינציג" — דייטש; „כפרות" — העברעאיש, און „טויג" איז אן אַלט דייטשיש וואָרט וואָס איז איצט שוין אַ ריין אידיש.

193. „ס׳קאַציל איז געקומען״ —

אזוי זאָגט מען ווען א חשוב׳ע פרוי קומט אין הויז.

וואָס איז דער באַטייט?

אין דער מאָרגען-ברכה זאָגט א מאנזביל: „שלא עשני אשה״, און א פרוי: „שעשני כרצונו״, — ער האָט מיך געמאַכט נאָך זיין ווילען, — אזוי איז זי, נעבאך, „גאָט׳ס ווילען״.

194. „נישט געשטויגען, נישט געפלויגען״ —

זאָגט מען אויף א זאַך וואָס איז ניט אמת. דאָס נעמט זיך פון דער לעגענדע: „משה איז קיינמאָל ניט „געשטויגען״ אין הימעל (גמרא), און דער „אותו האיש״ — להבדיל — איז קיינמאָל נישט „געפלויגען״ אין הימעל.

195. א פּאַטשיילע איז זוכה צו זיבצעהנערליי באַדינעכצער.

1) א הענטקערטשיף; 2) א האַלז-בענדעל (ארויסגעהענדיג פון דער הייסער שוהל אויף דער קאַלטער לופט); 4) א שירם (ווען עס רעגנט אום שבת); 5) א פעכער (אָפּצוקיהלען זיך אין היץ); 6) א שוואָם (אין מרחץ); 7) א זייערל (ראָזשינקע וויין צו זייען אויף קידוש); 8) א סטראָפּ (אויב די שלייקעס זיינען אפגעריסען); 9) א טישטוך (צו דעקען דעם טיש צו עסען); 10) צוצודעקען די חלה; 11) א האנטוך (אָפּצואווישען די הענט); 12) א פארבינדער (צוויי מענשען צו קבלת קנין); 13) אן אויפבינדער (דורך א פאטשיילע מעג מען טאנצען מיט דער כלה); 14) קניפּלאך-ציהער (ווער ס׳זאָל געווינען); 15) א קאנטשיק (צו שלאָגען א זינדיג קינד); 16) א קישעלע (אונטער׳ן קאָפּ אויף דער טרעין); 17) א האַלז-בענדעל (אום שבת, וואו מען מען טאָר ניט טראָגען).

196. סימני-נאַריש.

מ׳האָט אמאָל ארויסגעצויגען א טויטען קערפּער פונ׳ם טייך. איז געקומען א פרוי און זאָגט עדות, אז דאָס איז איהר מאַן.

— האָסטו וועלכען סימן דארויף? — פרעגט זי דער רב.

— איך האָב א סימן אויף איהם — ענטפערט די פרוי — מיין מאַן איז געווען קיצלדיג, און אויך אביסעל צוגעהיקעט...

דעם רב׳ס גבאי-בהמה האָט זיך שטאַרק צולאַכט.

— וואָס לאַכסטו אזוי? — פרעגט איהם איינער.

— פאַרוואָס זאָל איך ניט לאַכען פון א אידענע א בהמה? — ענטפערט ער — אויך מיר א סימן? וויפיל קיצעלדיגע און היקעוואַטע געפינען זיך ניט אין דער וועלט?...

* * *

פון ניו יאָרק קיין ברוקלין איז 10 מייל, און פון ברוקלין קיין ניו יאָרק אויך 10 מייל. פון פורים ביז פסח איז 4 וואָכען, פאַר וואָס זשע איז פון פסח ביז פורים 11 וואָכען? — פרעגט זיך א תם תמ׳עוואַטע.

* * *

א דאָרף־שוטה קומט אמאָל אין שטאָדט אריין און זעהט אויטאָס פאָהרען, פרעגט ער: וואו זיינען די פערד? די פערד זיינען אינוויי־ניג, — האָט מען איהם ערקלערט.

* * *

א ממזר אַן עם־הארץ האָט זיך געמאַכט פאַר א גוטען אידען און איינעם א שוטה פאַר א גבאי. זיי האָבען צווישען זיך אָפּגעשמועסט, אַז קיינער פון זיי זאָל ניט דערצעהלען וואָס ער איז באמת. ארומפּאָה־רענדיג געלד קלייבען, געהט דער גבאי פאַר׳ן עולם פאָראויס אין הויז מיט׳ן רבינ׳ס שטעקען אין דער בריוט און קען ניט אריין. צולאַכט זיך דער עולם. פרעגט דער גבאי אין כעס: אהא! ווער האָט אייך דען דערצעהלט אַז איך בין א שוטה, אודאי דער ממזר.

אזוי זיינען ביידע נתגלה געוואָרען.

197. א געשטראָפּטער.

פאַרוואָס רופט מען די גאַליציאַנער „געשטראָפּטע״?

ווייל ווי די היסטאָריע באַווייזט האָט קאָלאָמבוס געשטאַמט פון א שטעדטעל „גליציע״ (אין שפּאַניען), און איז געווען פון די אנוסים, דאָס הייסט, א געשטראָפּטער.

198. געכאַפּט א ליטוואַק.

א ליטוואַק איז אַמאָל אריינגעפאַלען צווישען „געשטראָפּטע״ (גאַליציאַנער), האָבען זיי איהם מכבד געווען: אהא! א ליטוואַק איז דאָ! האָט ער זיי געענטפערט: איך האָב געהערט בקבלה אַז שלמה המלך, וואָס האָט פאַרשטאַנען דאָס לשון פון בהמות און חיות, איז אריינגעקומען אין שטאַל פון זיינע אייזלען, און זיך צוגעהערט ווי זיי קריגען זיך. רופט זיך אָפּ איין אייזעל צום צווייטען, מיט צאָרן און שפּאָט: דו ביזט א מענש און קיין אייזעל!״

אזוי איהר רופט מיך ליטוואַק, דאָס מיינט, איך בין א מענש, און קיין גאַליציאַנער.

199. הערט א „הערינג״!

א גאַליציאַנער איד וואָס האָט געטראָגען א הערינג אונטער זיין קאַפּאָטע, האָט מען איהם געפרעגט: וואָס טראָגט א איד אונטער דער פּאָלע?

— אַ ליטוואַק — ענטפערט דער גאַליציאַנער — דאָס מיינט: האָט אויגען און זעהט ניט (קיין רבי׳ן); אויערען און הערט ניט (קיין רבי׳שע מופתים); אַ האַרץ און פיהלט ניט (דעם צער וואָס בעלז און מונקאַטש בייסען זיך).

— איך מיין — ענטפערט איהם אָפּ דער ליטוואַק — דאָס איז גאָר אַ גאַליציאַנער: האָט אַ דיקען קאַרג (ניט פון קאָרגשאַפט צו זיך); אַ גראָבען בויך (ניט מיט ש״ס און פוסקים אָנגעפילט); און אַ קעפּעלע — שוין גאָר אַ קליינינקעס...

200. גיכער אַ גוי פּגר׳ן ווי אַ איד שטאַרבען.

אַן אַלטער איד האָט פאַר׳ן טויט געהייסען רופען אַ גלח, ווייל ער וויל זיך שמד׳ן. דער גלח איז געקומען און זיך געוואונדערט. רופט זיך אָפּ דער אַלטער:

— איך וויל ניט, אַז נאָך אַ איד זאָל שטאַרבען, זאָל בעסער פּגר׳ן אַ גוי...

* * *

וואָס טוט מען, ניט צו שטאַרבען? מ׳שמד׳ט זיך אָפּ, אַזוי שטאַרבט מען ניט, נאָר מ׳פּגר׳ט...

201. אַ קיסר אויך אַמאָל יושר׳דיג.

דער באַוואוסטער משכיל „יוסף פּעריל" האָט געקראָגען פון קייזער יוסף דעם צווייטען דאָס רעכט, אַז זיינער אַ זוהן זאָל שטודירען אַלס פאַר־מאַציסט. ווען די הויף־לייט האָבען זיך שפּעטער דערפון דערוואוסט, האָבען זיי גע׳פּועל׳ט ביים קייזער, אַז ער זאָל צונעהמען ביי איהם דאָס רעכט צוריק. פּעריל האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר׳ן קייזער און צו איהם געזאָגט:

— אייער מאַיעסטעט, אויב מען האָט צוגענומען ביי מיין זוהן דאָס רעכט ווייטער צו שטודירען, דאַרף מען איהם דאָך אומקעהרען די יאָהרען וואָס ער האָט בחינם שטודירט דאָס פאַך.

דער קייזער האָט שמייכעלדיג איהם געזאָגט

— זי האָבען רעכט. און האָט איהם צוריקגעגעבען די רעכט.

202. צווישען הינט, וואָס?

איינער האָט זיך באַריהמט אין אַ געזעלשאַפט, אַז ער פיהרט זיך לויט דוד המלך׳ס אַן עצה: „מיט חסידים איז ער אַ חסיד"; מיט משכילים — אַ משכיל, און אַזוי מיט אַלע סאָרטען מענשען.

— און צווישען הינט? — האָט איינער געפרעגט.

— געפין איך זיך ערשט דאָס ערשטע מאָל — האָט דער באַריהמער געענטפערט.

203. שלים־מזל, וואו קריכסטו?

אין אַ פירמע האָט געאַרבייט אַ מאַן, וואָס איז געווען דער פירמע זעהר געטריי און אַזוי האָט ער דאָרט אָפּגעדינט 25 יאָהר. דער בעל־הבית האָט איהם דעריבער געוואָלט מאַכען אַ פּרעזענט, אָבער ווייסענדיג, אַז ער וועט ניט נעהמען, האָט ער צוגעגרייט אַ בייטעל מיט געלט אויף די טרעפּ אין דעם טאָג פון זיין יובילעאום, כדי ער זאָל דאָס געלט געפינען.

פּונקט דעם טאָג, איז דער זעלבער געקומען אין די ביזנעס הינטען־ארום און האָט זיך אויסגעריהמט פאַר'ן בעל הבית:

— 25 יאָהר געקומען דורך דער פראָנט, האָב איך היינט געוואָלט קומען דורכ'ן הינטער־אַריינגאַנג.

* * *

אַן אַנדער נוסח דערצעהלט דאָס פונ'ם „אבן עזרא", אויף דער עלטער אַלס בלינדער. גראַדע דעם טאָג איז ער אַליין געגאַנגען אָהן אַ פיהרער, און האָט די מציאה ניט געזעהן.

204. אַ גאַליציאַנער און אַ ליטוואַק ווי זיי ווערטלען זיך.

גאַליציאַנער: אוי, איהר ליטוואַקעס זייט נעבאַך ניט קיין געבענשטע. ס'שטעהט דאָך: „ארורה האדמה", מאַכט דער תרגום: „ליטא ארעא".

ליטוואַק: איהר, גאַליציאַנער, זייט נאָך אין טיפער פינסטערניש. ס'שטעהט דאָך: „אין פולין לאור הנר" — אין פּוילען פעהלט ליכט, און „גלי"־„ציה" הייסט שוין נעבאַך גאָר אַ הויפען מיסט...

205. אַ גאַליצישע תורה.

אַ גאַליציאַנער האָט זיך מתוכח געווען מיט אַ ליטוואַק אויף תורה לשון:

(„ויתרוצצו הבנים בקרבה") און די קינדער האָבען זיך געשטויסען אין בויך. איז רבקה דורכגעגאַנגען אויפ'ן שוועל פונ'ם בית המדרש, האָט זי געפיהלט אַ שטויס אַרויסצוגעהן, איז זי פאַרבייגעגאַנגען אַן עבודה־זרה, ווידער אַ שטויס אַרויס „רש"י), האָט זי געמיינט, דאָס איז אַ ליטוואַק וואָס עסט מצה מיט חזיר צוזאַמען. אי אַ לערנער, אי אַ צלם־קאָפּ. און אויב דער צער פון אַ ליטוואַק איז יאָ אַזוי גרויס — האָט זי געזאָגט — צו וואָס זשע דאַרף איך גאָר אַזאַ קינד? האָט מען איהר אָבער געזאָגט: „שני גוים בבטנך") צוויי גוים אין דיין בויך. איז זי אַהיים געלאָפען פרעה־לאַך: בעסער צוויי גוים ווי איין ליטוואַק...

206. לויט דער מנהג המדינה.

אַ גרינער וואָס אין דער אַלטער היים האָט ער זיך געכ'ח'ט אין אַ טייערע סויבעל־שטריימעל, און ביי קאָלאָמבוס'ן געהט ער אין אַ ביליגער

קעפּ, אָבער שיך די פיינסטע, האָט ער ערקלעהרט דעם חילוק: אין יוראָפּ איז געווען די קאָפּ דער עיקר, למדנות, השכלה, חסידות, אַלגעמיינע בילדונג, האָט דער קאָפּ פארדינט א טייערע באקליידונג; דאָ האָט דער קאָפּ א קנאפּע ווערדע, דערהויפּט איז די פוס...

207. וואָס ווייסט אַ הונט?

— קום אַוועק, יענקעל, דאָ שטעהט א בייזער הונט, וואָס הויקעט און קען בייסען, — רופט דער פאָטער דעם קינד.

— דו האָסט דאָך מיר געזאגט, טאַטע, דער הונט וואָס הויקעט, דער בייסט ניט?

— איך וויס, אָבער איך וויים ניט אויב דער הונט ווייסט'ס אויך? — ענטפערט דער פאָטער...

208. דריי אָרימע בעלי-חלומות.

זיינען געשלאָפען אויף א סטאַנציע. אויפשטעהענדיג פריה, דערצעהלט איינער, אז ס'האָט זיך איהם גע'חלום'ט א חלום: ער איז אַן עושר געוואָרען.

— דער צווייטער — אז ער האָט געפונען אַן אוצר.

— דער דריטער — מיין חלום איז געווען: איהר ביידע זייט געשטאָרבען און איך האָב איך גע'ירשה'נט...

209. אוים מיט'ן וויין, אוים מיט'ן שוחט.

א רב צוזעהענדיג ווי א שוחט קוילעט א קאַלב און אליין טוט שכור, האָט ער איהם גע'אסר'ט אויף תמיד ניט צו קוילען. בעלי בתים מקורבים פונ'ם שוחט, האָבען געבעטען דעם רב ער זאָל איהם צוריק מתיר זיין צו קוילען. האָט דער רב געענטפערט: עס שטעהט אין דער הגדה („ואתא מלאך המות ושחט לשוחט דשחיט לתורא") — דער מלאך המות איז געקומען און געקוילעט דעם שוחט דערפאַר וואס ער האָט געקוילעט דעם אָקס. איז דאָך די פראגע: וועלכען חטא האָט דער שוחט באַגאַנגען, דאָס איז דאָך זיין ארבעט? איז דער תירוץ, דער שוחט האָט געקוילעט דעם אָקס נאָך די „ארבע כוסות"...

210. „מלאך המות" אָדער „מחיה מתים".

אויפ'ן אויטאָמאָביל פונ'ם באַריהמטען פּראָפעסאָר „מארקוס הערץ" זיינען געווען אויפגעשריבען די צוויי איניציאַלען פון זיין נאמען „מ. ה." אמאָל זעהט ער ווי צוויי אידען שטעהען נעבען זיין אויטאָמאָביל און איינער זאָגט דעם אַנדערען: וויסטו וואס עס מיינט „מ. ה."?

— דאָס מאכט „מלאך המות".

— ניין! — רופט זיך אָפּ הערץ — דאָס מאכט „מחיה המתים".

211. אַ שלאָף צו אַ שלאָף ניט גלייך.

ראָטשילד האָט אַמאָל געהייסען זיין סעקרעטאַר קומען אין אָפּיס 8 אזייגער אין דער פריה, ווייל ער וועט אויך שוין אזוי פריה קומען.

— עס איז אַן אונטערשיד — האָט דער באַאַמטער געענטפערט — איהר, אז איהר הויבט זיך אויף מיט אַ שעה פריהער, ווערט איהר מיט אַ שעה פריהער געוואָהר, אז איהר זענט ראָטשילד. אבער איך, אז איך זאָל אויפשטעהן פריהער, וועל איך נאָך מיט אַ שעה פריהער וויסען אז איך בין אַן ארימאַן. צייט שפּעטער...

* * *

נאַפּאָלעאָן פּלעגט נאָר 4 שעה אין דער נאַכט שלאָפען, ווייל — פּלעגט ער ערקלערען — איך וויל זיין קייזער, און אז איך שלאָף בין איך דאָך ניט קיין קייזער...

212. אַן איינגע׳חזיר׳טע זאַך.

מ׳האָט געזעהן אַ אידען אין אַ רעסטאָראַן עסען חזיר, האָט מען איהם געפרעגט:

— סטייטש, ר׳ איד, איהר עסט גאָר חזיר?

— הערט איהר — האָט ער געענטפערט — ווען איך בין געווען אַ אינגעל האָט דער רבי אלץ געשריגען: „חזיר גוט", „חזיר גוט", האָב איך געוואָלט אויסגעפינען צי ס׳איז אמת. איצט זעה איך איין, אז חזיר איז טאַקע גוט... (?)

213. אַ זיסע חכמה.

משה מענדעלסאָהן האָט ליב געהאט זיסע זאכען. האָט מען איהם אַמאָל געפרעגט:

— די וועלט זאָגט דאָך „נאַראָנים האָבען ליב זיסקייטען?"

— דאָס — ענטפערט מענדעלזאָהן — האָבען קלוגע אויסגעטראַכט, כדי נאַראָנים זאָלען זיך אָפּשיידען דערפון.

214. פאַרדינסט פון שכורים.

צוויי שכורים זיינען געגאַנגען אין וועג און האָבען זיך געגעבען די הענט, מעהר ניט אריינצוגעהן אין שענק. גענוג געטרונקען! זיי געהען פאַראיבער עטליכע שענקען. „קום גיך אוועק" — זאָגט איינער צום אנדערען. ווייטער ווידער אַ שנעקעל. זאָגט דער צווייטער: „אויב מיר זיינען אזוי שטאַרק צו איבעררריידען דעם יצר הרע פון טרינקען, זיינען מיר פאַר דעם אליין ווערט אַ גלעזעל. קום אריין אביסעל באַגיסען אונזער נצחון...

215. דאווגען העלפט.

א סוחר, אַ משכּיל, איז געפאָהרען אין א ווייטען וועג. זיין פרומע פרוי וואָס האָט איהם חושד געווען אין ניט לייגען קיין תפילין, האָט איהם איינגעפּאַקט די הענקערטשיפס און קיכלאך אין תפילין-זאַק. קומענדיג אין אָרט זוכט ער די הענקערטשיפס — ניטאָ. ער שרייבט צו דער פרוי: שיק מיר די צוריקגעלאָזענע זאכען. זי ענטפערט איהם צוריק: „בעט גאָט וועסטו האָבען וואָס ס'פעהלט דיר. ער האָט נאָר וואָס זיך געוואלט נעמען צום דאווענען, כדי צו קענען איהר שרייבען אז דאָס דאווענען האָט אויך ניט געהאָלפען, דאָ באווייזען זיך די זאכען פונ'ם תפילין זאק ארויס...

216. פאָלגט אַ משוגענעם.

אַ משוגענער האָט אמאָל זיך אריינגעכאַפּט אין וואָגען וואו ר' לוי יצחק איז געפאָהרען, און צו איהם געזאגט:

„רבי, א העלפט וועלט — משוגעים — לויפט אייך נאָך, און אַ האַלבע וועלט — מיושבים — לויפט מיר נאָך, לאָמיר זיך איינטיילען די וועלט, לאָזט מיך אריין אין דער קארעטע.

האָט איהם ר' לוי יצחק אריינגעלאָזט...

217. אַ טאָלער פאַר טאָלער.

דאָקטאָר (צום שוסטער): עפּעס דריקט מיך דער שוך. טוט אַ קוק, וואָס דאַרט פעהלט.

שוסטער (באַטראַכט דעם שוך): דעם שוך פעהלט גאָר נישט, אַ טאָלער, פּליעז!

דאָקטאָר: פאַרוואָס קומט אייך אַ טאָלער, דעם שוך פעהלט דאָך גאָר נישט?

שוסטער: דאָס איז נישט אייער דאגה. הלמאי איך בין געוועןן נעכ־טען ביי אייך, האָט איהר מיר אויך געזאגט: אייך פעהלט גאָר נישט, אַ טאָלער, פּליעז?

218. אַ כשר'ער רעסטאָראַן.

אין אַ גרויסען כשר'ן רעסטאָראַן וואָס האָט געהאַט אַ משגיח, האָט מען מיט אַ מאָל אפּגעשאַפט דעם משגיח.

אז מען האָט געפרעגט דעם בעל הבית פאַרוואָס ער טוט עס, האָט ער געענטפערט:

— עס לוינט זיך מיר בעסער צו האָבען אַ כשר'ן רעסטאָראַן אָהן אַ משגיח ווי אַ טרפה'נעם מיט אַ משגיח...

219. אַ שמש אַן אויפטוער.

דער אַלטער שמש האָט געבעטען אַ הוספה.

— פאַרוואָס קומט אייך אַ הוספה, וואָס טוט איהר דאָס אונס אויף? — פרעגען איהם די בעלי בתים.

— וואָס איך טו אויף? איך נעהם אראָפּ אַלע ערב פסח דעם „טל ומטר" פון דער מזרח־וואַנט, ווען נישט איך, וואָלט איהר געזאָגט "טל ומטר" ביז נאָך שבועות.

220. אַ חזן, אַ „כאַן־טאָר".

פאַרוואָס זאָגט די וועלט אַז חזנים זיינען נאַראָנים?

1) ווייל דער חזן זעהט שטענדיג פאַר זיך דעם „שויתי ה'" און ס'שטעהט: („אין חכמה ואין עצה נגד ה'") פאַר גאָט איז ניטאָ קיין חכם;

2) ווייל אין דייטשלאַנד רופט מען אַ חזן „כאַן־טאָר", דאָס מיינט: דאָ דאַוועַנט אַ נאַר (אַ חזן אַ קלוגער פאַרטייטשט דאָס: קיין טאָר!);

3) „עמוד" באַטרעפט ווי „כסיל";

4) ח'ז'ן מאַכט: חזנים זיינען נאַראָנים...

* * *

אַ רב האָט אַמאָל געזאָגט צו אַ חזן: די וועלט זאָגט, אַ חזן איז אַ שוטה, און דו ביזט שוין גאַר אַ קלוגער?

חזן: („אין מביאין ראיה מן השוטים") פון נאַראָנים איז ניט קיין ראיה...

* * *

— רבי — האָבען די גבאים פון שוהל געפרעגט — צי מעג אַ חזן אָהן אַ פּוס, אַ בעל־מום, דאַווענען ימים נוראים פאַר'ן עמוד? —

— ער מעג — ענטפערט דער רבי — די מיינסטע חזנים זיינען דאָך קאַליקעס.

* * *

אַ חזן איז געקומען אין שטעדטעל מיט זיינע העלפערס דאַווגען, און זיין שטימע איז אינצווישען קאַליע געוואָרען. דער עולם האָט פאַרלאַנגט צוריק די געלט פון די טיקעטס, און ער טענה'ט: („אונס רחמנא פטריה") אַן אומגליק באַפרייט מיך פון צוריק באַצאָהלען. דער רב האָט איהם דאָך געהייסען באַצאָהלען, ווייל דעם פאַל לערנען מיר פון אַ איבערפאַל אויף אַ מיידעל. דאָרט האָט זי געשריגען און קיין העלפערס ניט געהאַט. אַבער דו האָסט דאָך העלפערס נאָר האָסט ניט געשריגען — באַצאָהל.

* * *

א רב פרעגט א חזן שטעכלדיג: פארוואָס זאָגט די וועלט אז חזנים זיינען נאַראָנים? — ענטפערט איהם דער חזן וויציג און שאַרף:

— אמת, א חזן איז א נאַר, דען צו וואָס געהסטו — חזן — דוקא צו חזנות, ווען דו קענסט ניט קיין תורה און ניט קיין נגינה, נעם דיך ליבערשט צו רבנות...

* * *

ניסי חזן האָט אמאָל געדאַווענט ביים טאַלנער רבי'ן מיט א קאַפּעליע. זיין שטימע האָט מען ווייניג וואָס געהערט. פרעגט איהם דער רבי:

— וויפיל צאָהלסטו דיינע משוררים א יאָהר?

— 1000 רובל, — ענטפערט ניסי.

— גיב נאָך 500 רובל ועסטו קענען האַלטען א חזן אויך, — עצה'ט איהם דער רבי...

אַן אנדערם מאָל זאָגט ער איהם: ווייסטו ניסי דיין דאַווענען האָט גאר קיין שאַץ (ש"צ) ניט...

* * *

א חזן, וואָס די באַ'הבן'טע פון שוהל האָבען איהם אָפּגעזאָגט, האָט אָנגעפאַנגען א מסחר מיט פערד. האָט מען איהם געפרעגט, ווי ער קומט צו דעם מסחר אָהן מבינות? האָט ער זיי געענטפערט: אויב פערד זיינען מבינים אויף א חזן, פארוואָס זאָל א חזן ניט זיין קיין מבין אויף פערד? ...

221. דער עלעפאַנט איז שולדיג.

— קאָסטימער: איהר האָט מיר פארקויפט דאָס שטעקעלע פון אַן עלעפאַנט-צאָהן און עס איז גאָר נאָכגעמאַכטע.

סוחר: דאָס איז נישט מיין שולד. דער עלעפאַנט האָט געהאַט, מן הסתם, פאַלשע ציינער.

222. נאָך ווען קדיש זאָגען?

אַן אָרימער שניידער האָט געהאַט יאָהרצייט, האָט ער זיך געשטעלט פאַר'ן עמוד דאַווענען. איז אונטערגעלאָפען א גביר, אויך א בעל-יאָהרצייט, און האָט דעם שניידער אוועקגעטריבען פונ'ם עמוד, ווייל ער האָט קיין צייט ניט

דער שניידער: איך האָב צייט, וועל איך אונטערוואַרטען, און האָבען יאָהרצייט נאָך אייך...

* * *

דער שמש האָט אמאָל אויסגערופען: יאָהרצייט! דער פרעזידענט

האָט אויך געהאט יאָהרצייט און געוואָלט אליין זאָגען קדיש, האָט דער שמש נאָכאמאָל אויסגערופען: דער פּרעזידענט אליין זאָגט קדיש, און נאָך איהם מעגען שוין אלע זאָגען קדיש!...

223. אַ מיידעל וואָס איז ריין פון נעהמען.

— איך וויים ניט, — האָט אַ בעל־הבית'טע געזאגט צו א דינסט־מיידעל, — אויב איך קען דיר אָנטרויען מיין הויז מיט די טייערע זאכען.

— איהר קענט אלץ מיר געטרויען, — פארזיכערט איהר די מיידעל,— איך נעם ניט. שוין 15 יאָהר ארבייט איך אין אַ באָד און האָב נאָך קיין איין באָד ניט גענומען.

226. מ'טרינקט אויפ'ן וואונק.

פאָהרענדיג אויפ'ן טרעין, פּראָהיבישאָן צייט, איז א רייזענדען א קויל־פונק אריין אין אויג. ביי א סטיישאָן, וואו די טרעין האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט דער רייזענדער, פינטלענדיג מיט'ן אויג, ביים בופעט פארלאנגט א גלאָז מילך. האָט מען איהם געגעבען שנאַפּס. צו זיין שטוינען פרעגט ער ווי קומט די קעלנערין איהם צו געבען שנאַפּס און ניט מילך?

— איך וויים, — זאָגט די קעלנערין, — אָבער איהר האָט מיר א וואונק געטאָן מיט'ן אויג האָב איך געמיינט אז איהר ווילט אַ שנאַפּס...

* * *

ר. א. ברוידעס האָט פיל געהאלטען פון שנאַפּס. פרעגט איהם אמאָל שמעלקע האָראָוויטץ, א רייכער בראנפען־ברענער אין לעמבערג:

— וואָס וועט איהר מאכען אויף יענער וועלט אָהן דער ביטערער משקה?

— וואָס הייסט, — ענטפערט איהם ברוידעס, — איז א סברה אז אויף יענער וועלט וועט איהר דאָרטען נ י ש ט ב ר ע נ ע ן?...

225. אָט אַזוי געהט'ס אַ רשע.

א סך חסידים פאָהרען צוזאמען געפּאַקט אויף אַ צעבראָכען וועגעלע צום רבי'ן. זיי בייזייט איז געפאָהרען דער גביר און פרייער „טוגענדהאָלץ", אין א גרויסער קארעטע. זאָגט איין חסיד צום צווייטען: אז צו די בעלי עבירה'ס אזוי בהרחוה, צו די פרומע אוודאי („אם לעוברי רצונו כך לעושי רצונו על אחת כמה וכמה")? דאָס צוהערענדיג, גיט ער צו זיין טייטש אָהן אַ פראַגע צייכען: צו די בעלי עבירות טוט גאָט אַזוי ווי איך פאָהר, צו די פרומע „על אחת", אויף איין וועגעלע „כמה וכמה", אזוי פיל און אזוי פיל חסידים צוזאמען געפּאַקט.

226. שוין אַלץ דאָ געווען.

אין מעסינאַ, גראָבענדיג טיף, האָט מען געפונען טעלעגראַף־דראָטען, צום באַווייז, אַז טעלעגראַף איז ניט ניי.

קומט א בטלן, און געפינט אויס א גרעסערען וואונדער: אין זיין שטעדטעל האָט מען געגראָבען א פונדאַמענט פאַר א שוהל, און מען האָט גאָרנישט געפונען, איז אָ באַווייז, אַז ס'איז שוין דאָ געווען דער דראָט־לאָזער טעלעגראַף.

227. דער יחוס איז טאַקע אייגענער.

אַ רבי און א גבאי זיינען געקומען קיין אַמעריקאַ, האָט זיך דער רבי גענומען גרויסען מיט זיין יחוס, אַז ער איז דעם „דובר שקרים'ס" אַן אייניקעל.

רופט זיך אָפּ דער שמש: מיין רבי איז אַן עניו, ער באַהאַלט אויס פון אייך, ער איז דער דובר שקרים אליין.

228. די גנב־פאַרכטיגע אידענע.

א מאַן האָט זיך ארויסגעצויגען פון ניו יאָרק אין א רוהיגער קאַונטרי, צוליב דעם, וואס זיין פרוי שרעקט זיך פון יעדען גערויש, אַז דאָס זיינען גנבים, כאָטש ער האָט איהר ערקלערט, אַז גנבים מאַכען ניט אָן קיין ליאַרם, נאָר אַלעס געהט ביי זיי צו, שאַ, שטיל.

און איצט האָט זי ווידער מורא ווען ס'איז שטיל, אפשר זיינען גנבים דאָ...

229. האַנטגרייפליכער באַווייז.

דריי אורחים זיינען געווען ביי אַן עושר אויף שבת. אוועקגעהענדיג האָט מען באַמערקט, אַז ס'פעהלט די זילבערנע טאַבאַק־פושקעלע. מ'האָט זיי ערווישט און אוועקגעפיהרט צום רב. ס'איז ניט געווען קיין באַווייז, ווער דער גנב איז. דער רב האָט זיי געוואַרענט, אַז ער האָט אין א רום א קליין טישעל מיט ספּיריטואַליסטישען צויבער, וואָס ווער ס'ריהרט עס אָן, זאָגט'ס אויס ווער דער גנב איז. דאָס טישל איז געווען געשמירט מיט אויל. מיט פאַרבונדענע אויגען האָט מען זיי אריינגעפיהרט אין דער רומקע. צוריקפיהרענדיג זיי איז ביי צוויי די הענט פעט געווען, ביי דעם דריטען — טרוקען. איז דער גנב דערקענט געוואָרען...

230. אין דער נייער וועלט ניי געבוירען.

א בעל עגלה פון יוראַפּ איז געקומען צו זיין ברודער — אויך א געוועזענער בעל־„מעשה־מרכבה" אין דער אַלטער היים — קיין אַמעריקע, און זעהט ווי דער ברודער גילט דאָ אַלס רעווערענד, מסדר קידושין, און מען

רופט איהם אויך צו א פדיון־הבן. דאָ האָט דער גרינער ברודער ניט געקענט זיך איינהאַלטען, און פרעגט איהם:

— זאָג מיר, ברודערקע, מילא, א מסדר קידושין, אפשר האָסטו דאָ אביסעל צוגעלערענט די שווארצע פינטעלאך, אָבער כהנים זיינען מיר דאָך קיינמאָל ניט געווען?

— אזוי ווי דאָס קינד איז א בכור, אזוי בין איך א כהן... — ענט־פערט איהם דער רעוורענד. — דער עיקר איז דער „ולקח הכהן"... הלמאי האָט מיך א לאַנדסמאַן געטראָפען אויפ'ן בית הקברות מאכען „מלא'ס", און מיך געפרעגט: וואָס טוט עפּעס א כהן אויף דער סעמעטערי? „מה לכהן בבית הקברות"? האָב איך איהם אויך געזאָגט: נאָט אייך א פּעני פאר די אמעריקאנער כהנים, און פאר די אמעריקאנער מתים...

* * *

א רב האָט אמאָל געהייסען שלאָגען מלקות א ישראל וואָס האָט זיך תמיד אויסגעגעבען פאר א כהן. מ'איז פארטיג געווארען מיט'ן שלאָגען, האָט דער רב געהייסען נאָכאמאָל איהם שלאָגען.

— פאַרוואָס, רבי, נאָכאמאָל? — פרעגט דער געשלאָגענער.

— ווייל דו האָסט גענומען צוויי עליות „במקום לוי", — איז געווען דעם רב'ס תשובה.

231. אויך אַ פּשט.

א מלמד האָט געלערענט מיט די קינדער:

— „ועינו" — און זיין אויג, „כעין" — אזוי ווי „הבדולח" — א שייגעציל.

רופט זיך אָפּ איינער א צוהערער:

— וואָס עפּעס „הבדולח" א שייגעציל?

ענטפערט דער מלמד:

— רש"י טייטשט „הבדולח": קריסטל בלעז, היינט גער דערצעהל קליינע קינדער וואָס א קריסטל איז, א שייגעציל ווייסען זיי.

232. פאַראַנען פאַרשידענע זיצעכצער.

— פאַרוואָס ביזטו אזוי פאר'מרה־שחורה'ט, — פרעגט בערל זיין חבר שמערל.

— זאָל איך טאַנצען, — ענטפערט שמערל, — אז מיין ווייב זיצט פאר'ן שפּיגעל?

— מיין ווייב זיצט אויך שטענדיג פאר'ן שפּיגעל, פונדעסטוועגען בין איך גאַנץ אָגיל ואשמח'דיג.

— פון זיצען צו זיצען איז א חילוק, — ענטפערט בערל. — דיינע

זיצט אין דער היים און מיינע זיצט פאר א שפּיגעל וואס זי האט צוגע־בּאָרגט אין א סטאָר, ווען קיינער האט ניט געזעהן...

233. ס'פּיהלט זיך אָהן סימנים.

א פישהענדלער האט ארויסגעהאנגען א שילד: „מיר פארקויפען דאָ פרישע פיש".

קומט אריין אַ אידענע און זאָגט:

— צו וואָס דארפט איהר דאָס וואָרט „פרישע", ווער זאָגט דען, אַז איהר פארקויפט נישט פרישע פיש?

— גערעכט! — זאָגט דער פיש־הענדלער — אויסגעמעקט.

קומט א צווייטע:

— צו וואס דארפט איהר „דאָ", וואו דען פארקויפט איהר, דאָרט?

— גערעכט, אויסגעמעקט.

קומט אַ איד:

— צו וואָס דארפט איהר: מיר „פארקויפען", וואָס דען, איהר גיט בחינם?

— געווים זייט איהר גערעכט. איך מעק עס באלד אוים.

איז געבּליבען נאָך איין וואָרט אויף דער שילד: „פיש".

— קומט צוגעהן א אידענע:

— צו וואָס דארפט איהר, מיסטער, האָבען דאָ אַ סאַין „פיש", אַז אייערע פיש שמעקען אויף אַ מייל ווייט?...

234. דער אמת'ער בעל שמחה.

אין א טרעין, אין פּוילען, פאָהרען פיעל מענשען. די רייזענדע האָבען דערפיהלט זעהר א שלעכטען ריח. האָט איינער צו אַלעמען געטיילט סיגאַ־רען צו פארטושען דעם געשטאַנק, נאָר צו איין מאַן האָט ער ניט געגעבען. מאָנט ער איהם און זאָגט: פון מיר קומט דאָך ארוים די גאנצע שמחה?...

235. דער אמת געווינט.

אַ גרויסער לאָיער (דאָ אין ניו יאָרק): זאָגט מיר דעם אמת, אָנ־געקלאָגטער, האט איהר גע'גנב'עט דעם חזיר?

— יאָ - ענטפערט דער גנב. — איך האָב אַ פאמיליע און ס'איז ניטאָ וואס צו עסען.

— ברענגט מיר די העלפט פונ'ם חזיר, אויב איהר האָט נאָך.

ער האָט געבּראַכט. אין געריכט האָט דער לאָיער איהם פארטיידיגט:

— דער אָנגעקלאָגטער האָט אזוי ווייניג געהאט פון דעם שוויין ווי איך...

דער גנב איז צוליב דער דרשה פריי געווארען.

236. ס'וויל זיך בלייבען אַ פערד.

צוויי אינגלאך האָבען זיך געשפּילט אין בעל עגלה'ס מיט פערד־און־וואָגען. איין חבר איז מיט די לעיצעם אין מויל פון איין זייט שטריקעל, און די אנדערע זייט שטריקעל געשטאַנען ביי א בוים כלומרשט צוגעבונדען אין א גרויסען שלאַגס רעגען, ווארטענדיג אויפ'ן חבר.

— אינגעל, — זאָגט איהם אַ פאַרביי־פאָהרער, — נעהם ארויס דאָס שטריקעל פונ'ם מויל און געה אהיים פונ'ם רעגען.

— אויב אזוי טאָן, און מיך באפרייען, וועל איך דאָך קיין פערד ניט זיין... — ענטפערט דער אינגעל.

237. אַ רעכטפערטיגונג על פי לאָגיק

מ'האָט אמאָל מכבד געווען אַ טרינקער מיט אַ גלאָז טיי. האָט ער זיך אָפּגעזאָגט דערפון, ווייל: אַז ער האָט פיינט וואסער אין די שטיוועל איז דאָך וואסער אין בויך נאָך ערגער.

* * *

— ווילסטו אַ שנעפּסעל מאַכען? — האָט מען געפרעגט אַ שכור.

— איך וויל ניט, — ענטפערט דער טרינקער, — אויס פינף אורזאכען. ערשטענס, האָב איך נאָך ניט געדאַווענט; צווייטענס, האָב איך שוין לאַנג אַ נדר געטאָן ניט צו טרינקען; דריטענס, האָב איך שוין געטרונקען; פערטענס, בין איך פון די טרוקענע (פּראָהיבישאָניסט); פינפטענס, אַנו, גיס נאָר אָן אַ כוס!...

* * *

אַ פרוי מאָנט פון דער צווייטער אַ טאָפּ, וואָס זי האָט איהר גע־באָרגט.

— ערשטענס, — טענה'ט די צווייטע, — האָב איך ביי דיר קיינמאָל קיין טאָפּ ניט געבאָרגט; צווייטענס, איז דער טאָפּ געווען אַ צובראָכענער בשעת'ן לייהען; דריטענס, האָב איך דיר איהם צוריקגעגעבען אַ גאַנצען...

* * *

איינער האָט ביי זיין שכן געבאָרגט אַ גרויסען טאָפּ. צוריקגעגעבען האָט ער איהם דעם טאָפּ מיט אַ קליינעם טעפּעלע אַלס צוגאָב, מיט דער ערקלערונג אַז דער טאָפּ האָט געבוירען אַ קליין טעפּעלע.

אין אַ צייט ארום באָרגט דער זעלבער ביי איהם אַ פּעלץ. ווען עס איז געקומען צום אָפּגעבען, טענה'ט ער, אַז דער פּעלץ איז געשטאָרבען.

— היתכן, — פרעגט דער פאַרלייהער, — ווי שטאַרבט עפּעס אַ פעלץ?
— אַז אַ טאַפּ קען האָבען אַ קליין טעפּעלע, קען אַ פעלץ שטאַרבען, — איז געווען דער ענטפער.

* * *

אַ טרינקער האָט געזעהן אויף דער סיין פון אַ סאַלאָן: „דאָ ווערט פאַרקויפט גוטער שנאַפּס ביליג". האָט ער מיט אַ שטוינען דעם באַס גע־פרעגט דריי שאלות:

ערשטענס: צו וואָס דאַרף שטעהן „דאָ"? וואו דען? צווייטענס: צו וואָס דאַרף שטעהן „גוטער שנאַפּס"? איז דען פאַראַן שלעכטער? דריטענס: צו וואָס דאַרף שטעהן „ביליג"? ווי קען דען אַזאַ חשוב'ע זאַך זיין ביליג?

238. ר' יוסי'ס אַ מעמבער

אויף דער באַהן האָט מען געזעהן דעם שריפטשטעלער ברוידעס'ען עסענדיג טשיקען מיט פּוטער־ברויט. האָט אַ איד איהם געפרעגט:

— פון וואַנען איז אַ איד, וואָס איהר עסט טרפות?

— איך בין פון ר' יוסי'ס שטעטעל, — ענטפערט איהם ברוידעס.*)

239. אַמאָל קומט צוניץ אַן אַלטער טאַטע אויך.

אַ אידישער סאָלדאַט האָט אין דער מלחמה־צייט זיך געפונען אויפ'ן שלאַכטפעלד. אַז ער האָט דערזעהן דעם טויט פאַר די אויגען, איז איהם איינגעפאַלען צו בעטען זיין אידישען אָפיציער ער זאָל איהם אָפּלאָזען אהיים ווייל זיין אַלטער פאָטער האַלט ביים שטאַרבען. דער אָפיציער האָט גלייך פאַרשטאַנען דעם ליגען, ער האָט איהם באַפרייט מיט דער באַמערקונג:

— אויף דיר קען מען ווירקליך זאָגען, אַז דו עהרסט דיין טאַטען כדי דו זאָלסט לעבען בלייבען. („כבד את אביך למען יאריכון ימיך").

240. אַ פּרעזידענט פונ'ם הייליגען גייסט

געווען אַמאָל אַ רייכער שוהל־פּרעזידענט מיט אַ טונקעלער פאַרגאַנ־גענהייט און מיט גרוים חוצפה. (מדחציף . . . מ. . . ר).

---

*) די גמרא דערצעהלט: „באתריה דר' יוסי היו אוכלין בשר עוף בחלב". דער זעלבער ר' יוסי זאָגט (תענית): אַ יחיד טאָר זיך ניט מאַטערען מיט'ן פאַסטען, ווייל (זאָגט פאַר איהם רב — אויך אַן אינטערעסירטער פאַר'ן גוטען לעבען) גאָט זאָגט צום מענשען: די נשמה וואָס איך גיב דיר מאַך זי לעבעדיג, לוסטיג).

— וואָס גרויסט איהר זיך אַזוי מיט אייער עשירות? — האָט איהם אַמאָל אַ מעמבער פון שוהל געפרעגט.

— גאָט אַליין באַריהמט זיך דאָך אויך דערמיט, — ענטפערט איהם דער פּרעזידענט מיט שטאָלץ. — „לי הכסף ולי הזהב אמר ה'".

— נו, און גאָט'ס טאַטע ווייסט מען דען יאָ ווער עס איז געווען? — האָט מען איהם געענטפערט, און די פרעכקייט האָט אַביסעל נאָכגעלאָזט...

צדקה־וויצען

241. וועמען אַרט עס?

„דער רבונו של עולם האָט זעהר שטאַרק פּאַראיבעל געהאַט אויף דוד המלך'ן, וואָס האָט אָנגעזאַמעלט גאָלד און זילבער צו בויען אַ בית־המקדש (ווי, למשל, די היינטיגע לוקסוס־שוהלען), און ניט ליבער מיט דעם געלד געשטיצט אָרימע לייט" (ילקוט, תהלים).

נאָר ווער, אויסער גאָט און די אָרימע תלמידי־חכמים, דאַגה'ט זיך וועגען אַזעלכע זאַכען, וואָס די גאַנצע טראַגעדיע ביי די חכמים איז, וואָס ס'פעהלט זיי די ספּיטשער־קראַפט. ווי זאָגט דאָרט דער אויבערשטער: „לך רעד (רד) כי שחת עמך", מ'דאַרף היינט נאָר ספּיטשען. לערנען לערענט מען דאָך ניט. און דער בעל־זמירות פאַרזיכערט: „שכרו הרבה מאוד על פי פעלו", אויב דאָס מויל קען אַרבייטען, מאַכסטו גוט אויס.

* * *

פון וואַנען האָט יעקב אָבינו געוואוסט, אַז דאָרט איז אַ שוהל („אין זה כי אם בית אלהים")?

ווען ער האָט געזעהן ווי די שטיינער הויבען זיך אָן קריגען צווישען זיך („התחילו האבנים מריבות זו את זו"), האָט ער גלייך פאַרשטאַנען אַז דאָ איז אַ שוהל וואו די מעמבערס (מיט די שטיינערנע הערצער) קריגען זיך.

* * *

אַ שוהל, וואו אַלע חיות פון דער משנה זיינען אויסגעמאָלט אויף די ווענט נאָר די הויפּט־„חיות" פונ'ם אידען: „לעשות רצון אביך שבשמים" פעהלט, איז געמאָלט אַז פון דאָרט געהט ניט אַרויס אַ פּעני פאַר תלמידי חכמים. און אויב זייער גאַנצע שוהל־חיות באַשטעהט אין קריגערייען וועגען כבודים, אַזוי איז'ם ניט קיין „בית הכנסת" נאָר אַ „בית הכבוד" (כבוד זוכען) און אַ „בית הכסא" (פּרעזידענט־טשערס) באַקומען, אויבען אָן און נעבען דער תורה אַליין.

* * *

אן אַמעריקאַנער איד איז פאַרבייגעגאַנגען אין יוראָפּ אַ הויז, וואָס איז שיער נישט אויף איהם איינגעפאַלען. האָט ער באַלד דערקענט אַז דאָס מוז זיין אַ שוהל. ווייל ס'שטעהט: „מה נורא המקום הזה" (ווי געפעהרליך איז דער דאָזיגער פּלאַץ), „אין זה כי אם בית אלהים" (ניט אַנדערש, אַז דאָ איז אַ שוהל), ווייל ווען דאָס וואָלט געווען אַ פּריוואַט־הויז וואָלט מען עס שוין לאַנג געווען פאַרריכט.

* * *

דער שטיין האָט געזאָגט: „אויף מיר זאָל דער צדיק אַנידערלעגען זיין קאָפּ", און דער אַנדערער האָט געזאָגט: „נאָר אויף מיר". סטייטש, און עסען? אויף עסען טרעפט זיך נאָך אין אַ שטעדטעל אַ כשר פּליים און אַ כשר הארץ צו געבען עסען אַן אורח הגון, אָבער שלאָפען — מוז ער שוין אָנקומען צו די שטיינער...

242. „רחמים" ביים־„דין".

צום טיש פון ר' נפתלי ראָפּשיצער איז אַמאָל געקומען אַ גרויסער עולם און ס'איז געווען ווייניג חלה. האָט דער רבי זיך אָפּגערופען צום גבאי: דו שנייד „דין", און דער עולם זאָל עסען מיט „רחמים"...

* * *

אַ דורכרייזענדער מגיד האָט דערשמעקט, אַז די שוהל וועט איהם ניט באַפרידיגען פאַר זיין דרשה (ווער דאַרף היינט דרשות?), האָט ער זיי געבעטען: שניידט ניט „דין" (ווייל לויט'ן דין באַדאַרף מען אפשר גיכער דאָס געלט אין וואָל־סטריט ברענגען), שניידט מיר צו, מיט רחמים...

243. אן אומגעריכטער גאַסט.

אַ מגיד, פאַרענדיגענדיג זיין דרשה אין שוהל, איז אַרוים אין גאַס מיט'ן שמש געלד קלייבען. ער קומט אַריין אין הויז פון אַן עושר אַ קמצן. ער האָט זיך ניט געקענט אַרויסדרעהען און געבענדיג איהם אַ דרשה־געשענק האָט ער עטליכע מאָל געזאָגט: „איי אַן אומגעריכטער גאַסט".

אַרויסגעהענדיג פון'ם עושר'ס הויז פרעגט דער מגיד דעם שמש:

— וואָס האָט ער געמיינט מיט די ווערטער: אַן אומגעריכטער גאַסט?

— וואָס פאַרשטעהט איהר דאָ ניט, — האָט איהם דער שמש געענטפערט. — ווען ער זאָל זיך געווען ריכטען אויף אייך, וואָלט ער פריהער צוגעשלאָסען די טיר.

244. צדקה־געלט צעהלט זיך צום חשבון־הנפש.

א ישוב׳ניק האָט אמאָל געבראַכט אין שטעדטעל אַ פעסעל האָניג צום פארקויפען. כדי צו וויסען וויפיל ליטער דער קויפער באַקומט, האָבען זיי ביי יעדען ליטער אריינגעוואָרפען אַ סענט אין אַ טעלער. דער קויפער איז ארויסגעגאַנגען אויף אַ ווײַלע און ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער באַמערקט אַז עס פעהלען פענים אין טעלער. גוט, — האָט ער זיך גע־טראַכט, — און ער איז ווידער אַרויס, און ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער געזעהן אַז עס פעהלען נאָך פענים. אַזוי אַרום האָט דער ישוב׳ניק זיך אַליין באַ׳גנב׳עט... (אַ משל ווען איינער וויל שפּאָרען די געלד זיינע וואָס ער דאַרף געבען פאַר צדקה בלייבט׳ס ביי איהם אויך ניט).

245. די ברויט־פראַגע איז למעלה מן הזמן.

א דייטשער פרומער רב האָט אָפּגעזאָגט שטיצע צו אַ ישיבה־בחור, וויל ער איז געקומען נאָך דער „שפּרעך־שטונדע”. צו־מאָרגענס איז דער בחור שוין געקומען אין צייט און האָט געזאָגט צום רב:

— זעהט נאָר, הער ראַבינער, צו וואָס האָט מען איינגעפיהרט די ברכה אין בענטשען: „דו שפּייזט אונז שטענדיג און צו יעדער שעה”? עסט דען דער מענש יעדע שעה, וואָס גאָט זאָל איהם שפּייזען שטענדיג? נאָר ווען דער רבונו של עולם זאָל אויך האָבען שפּרעך־שטונדען קען דאָך אַ איד אין דער פאַרזוימטער צייט הונגערען, דעריבער שפּייזט גאָט תמיד. אַז מ׳קען איהם אין יעדער שעה בעטען פאַר פּרנסה פאַרשפּאָרט מען צו הונגערען...

* * *

לויט׳ן מדרש, האָט אברהם אָבינו געגעבען יעדען אורח עסען בחנם, אָבער אויב ער האָט נאָכ׳ן עסען ניט געבענטשט האָט ער פון איהם פאַר־לאַנגט טייער באַצאָהלט פאַר די מאכלים.

איז אַ שאלה: האָט דער גרויסער מדות־איד געזאָלט גלייך מיט׳ן אורח פאַרהאַנדלען וועגען בענטשען? ניין! „וסעדו לבכם” איז ביי איהם געשטאַנען העכער ווי אַלץ — קודם עסען!

* * *

אַ פראַנקפורטער פרומער יאהודי, פונ׳ם „אגודה”־סאָרט, האָט אַן אָרי־מען ארץ ישראל־דענטיסט אָפּגעזאָגט די פאַרשפּראָכענע שטיצע וויל ער האָט ניט געוואָלט פאַרלייקענען זיינע אידיש־מאָדערנע אַנזיכטען. אָבער דער „גאָט׳ס קאָזאַק” גופא האָט געמעגט עובר זיין אויף אַן עבירה: „זאָלסט האַלטען וואָס דיין מויל האָט צוגעזאָגט”.

* * *

דער פסוק זאָגט: „איוב איז געווען אַ פרומער, אַ רעכטשאַפענדער, אַ גאָטספאָרכטיגער מענש, און דערצו אַן אָפּווייכער פון שלעכטען אויך". משמעות, עס קען זיין אַ פרומער וועלכער זאָל דאָך ביים שלעכטען בלייבען.

246. דער זאַטער מיט'ן הונגעריגען.

דער קעלמער מגיד האָט געזאָגט אַ משל געגען צוויי'ערליי מענשען: איין טייל, וואָס טוען אַלץ אין דער וועלט כדי גוט צו פאַרברענגען די צייט, און אַנדערע וואָס טוען גאָרנישט, ווייל זיי האָבען קיין צייט ניט גוטעס צו טאָן.

„אַמאָל האָב איך געטראָפען אַ פעטען מענש וואָס האָט געראויכערט. פרעג איך: פאַר וואָס רויכערסטו? ענטפערט ער מיר: כדי צו פאַר־דייהען די פעטע מאכלים.

„צו־מאָרגענס האָב איך געטראָפען אַ מאָגערען מענש וואָס האָט גע־רויכערט, און איהם געפרעגט: פאַר וואָס רויכערסטו? — כדי נישט צו פיהלען אזוי שטאַרק דעם הונגער.

„טראַכט איך מיר: ווען דער דיקער זאָל אַוועקגעבען אַ ביסעל פעטס דעם אָרימען, וואָלטעןביידע נישט געברויכט צו רויכערען און געווען ביידע צופרידען...

* * *

צום בעל־„הפלאה" איז געקומען אַ פרוי וויינענדיג: איהר מאַן פאַר־ספענדט דאָס גאַנצע פאַרמעגען פאַר צדקה. און אין דערזעלבער צייט קומט צו איהם אַ מאַן מיט אַ געוויין, אַז ער און זיין גאַנצע פאַמיליע געהען אוים פאַר הונגער, און זיין רייכער ברודער העלפט איהם ניט מיט אַ סענט.

דער גאון האָט געשיקט רופען ביידע אידען. ער פרעגט דעם גרויסען פאַרספענדער:

— פאַר וואָס גיסטו אַוועק דיין גאַנצען פאַרמעגען?

— רבי, — ענטפערט ער, — איך בין דאָך ניט מעהר ווי אַ מענש, איך קען דאָך שטאַרבען יעדע מינוט, מוז איך געבען צדקה.

— און פאַר וואָס העלפסטו ניט ארוים דיין ברודער? — פרעגט דער רבי דעם קאַרגען אידען.

— רבי, — ענטפערט דער קאַרגער, — אַ מענש קען גאָרניט וויסען, אפשר וועל איך לאַנג לעבען, מוז איך זיך פאַרזאָרגען אויף די עלטערע יאָהרען.

ענטפערט זיי דער הפלאה:

— גאָט זאָל אייך ביידען אויסהיטען פון דעם, פאַר וואָס איהר שרעקט זיך...

247. ס'איז געווען געוויס ביטערער טעם.

אַן אָרימאַן איז געקומען צו אַ כלומר'שטען עושר און געבעטען אַ נדבה. זאָגט צו איהם דער עושר:

— איך וועל דיר נישט געבען קיין נדבה, צוליב צוויי טעמים: ראשית, ווייל איך קען נישט...

— און צווייטענס? — פרעגט דער באדערפטיגער.

— צו וואָס דאַרפסטו נאָך אַ טעם? איז דער ערשטער ניט גענוג?

248. „ונשיא כי יחטא" (אַ זינדיגער פּרעזידענט).

אַ דורכרייזענדער מגיד איז נאָכ'ן אָפּדרש'ענען אליין ארויס אין שטעדטעל קלייבען געלט (ווייל די שוהל-אידען זיינען אמאָל יוצא מיט'ן הערען די דרשה). פרעגט איהם דער פּרעזידענט, אַ גביר און ניט קיין געבער, ווי ער מאַכט אויס.

— ווען ביי אייך אין שטאָדט וואָלטען געווען פיר־פינף אזעלכע בעלי־בתים ווי איהר, וואָלט געווען גאָר נישטקשה'דיג, — זאָגט דער מגיד.

— ווי הייסט? — פרעגט איהם דער פּרעזידענט אַ ביסעל אַ צור־מישטער, וויסענדיג גאַנץ גוט ביי זיך אַז ער האָט איהם גאָרנישט געגעבען.

— כ'מיין, ווען עס געפינען זיך דאָ אין שטעדטעל בלויז פיר־פינף אזעלכע בעלי־בתים ווי איהר, וואָלט נאָך ניט געווען אזוי שלעכט. די צרה איז, וואָס אַ ל ע בעלי־בתים פון שטאָדט זיינען אזעלכע ווי איהר: אידען מיט צוגעמאַכטע הערצער, צוגעמאַכטע הענט און פּאַקעטס...

— איך האָב גענוג אָרימע קרובים, יתומים און אלמנות... — פאַר־ענטפערט זיך דער רייכער קמצן.

— און זיי גיט איהר דען יאָ? — פרעגט איהם דער מגיד.

249. אַ „דנק" פונ'ם ווילנער גאון.

דער ווילנער גאון האָט אָנגעשריבען צו ר' זלמן מרגליות אַ „דנק" אויף אידיש פאַר זיין שיקען איהם אַ נדבה פאַר אַ חשוב'ן מענש. די זייטיגע מענשען האָט דאָס אידיש שרייבען געוואונדערט, האָט זיי דער גאון געזאָגט: „דנק" באַטרעפט ווי „עולם הבא".

250. ווער איז חשוב'ער?

אַ גר איז אמאָל ארומגעגאַנגען קלייבען נדבות, און האָט באַקומען. צום סוף האָט מען זיך דערוואוסט, אַז ער קומט גאָר פון אידען, האָט מען אויפגעהערט געבען. פרעגט ער זיי: בעת איהר האָט געדענקט אַז מיין פאָטער איז געווען אַ גוי, איז אייך געווען רעכט, און אויב ער איז געווען אַ איד טויג שוין ניט?

251. קונסט באַצאָהלט זיך.

צו ר׳ נפתלי ראָפּשיצער האָט אַ אידענע געבראַכט אַ פּדיון און גע־בעטען אַ ישועה. נאָך איהר ארויסגעהן זאָגט דער רבי צו זיין ברודער מיט אַ גרויס געלעכטער:

— דו ווייסט פאַר וואָס מיר קומט אַ פּדיון? ווייל איך קען מיך איינהאַלטען, ניט לאַכען זיי אין די אויגען אריין...

252. אַ שפּיי אין פּנים.

דער גאון ר׳ משה אהרן, קוטנא׳ער רב, האָט געהאַט יסורים פון די שלעכטע נגידים אין זיין שתדלנות שטענדיג פאַר די אָרימע לייט, פלעגט ער זאָגען:

— אַז כ׳קום צו אַן אָרימאַן און וויל אויסשפּייען, קאָן איך אויס־שפּייען אויפ׳ן פלאָאָר, אָבער ווען איך קום צו אַ נגיד וואָס האָט שעהנע טעפּיכער האָב איך נישט קיין אַנדערע עצה, ווי צו שפּייען איהם אין פּנים אריין.

253. אַ קוש קאָסט ניט.

דער מלבי״ם האָט צוגעזעהן אין שוהל ווי אידען קושען די „האַנד״ וואָס האָט באַריהרט דאָס ספר־תורה, און מיט׳ן מויל פלעדזשען זיי אַ סך און גיבען גאָרניט, האָט ער זיי צורעכט געוויסען: „געלט זאָלט איהר געבען מיט דער האַנד, און קושען מיט׳ן מויל״...

* * *

אַ גאון האָט אַמאָל איינגעוויקעלט די האַנד אין טלית, אָנריהרענדיג די עץ־חיים׳ס. אַ ישוב׳ניק האָט איהם נאָכגעטאָן. זאָגט צו איהם דער רב: מיר, רבנים, טוען אַזוי, ווייל אפשר האָבען מיר מיט דער האַנד גע־נומען שוחד, אָבער דו, וואָס גיבסט מיט דער האַנד צדקה, קענסט מיט דער האַנד אַליין באַריהרען דאָס ספר תורה.

254. מ׳קאָן לעבען אָהן אַ האַרץ.

אַ סטודענט פון מעדיצין האָט אַמאָל פאַרלאַנגט פון דר. הערץ אין בערלין שטיצע. דער דאָקטאָר האָט איהם אָפּגעזאָגט.

מיט אַ צייט שפּעטער, ווען דער סטודענט איז שוין געוואָרען אַ דאָק־טאָר, האָט איהם אַמאָל געטראָפען דער דאָקטאָר הערץ און איהם געפרעגט וואָס ער מאַכט, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט געמאַכט אַ נייע ענט־דעקונג.

— וואָס איז עס? — האָט געפרעגט דר. הערץ.

— אַז מען קאָן לעבען אָהן אַ „הערץ״, — האָט ער געענטפערט.

255. אַלע אידען וועלען באַוויינען דיין שׂרפה.

איינער איז אָפּגעברענט געוואָרען, האָט ער ביטער געוויינט. איז אָנ־געקומען זיין פריינד, פרעגט ער איהם: וואָס וויינסטו?

— זעהסטו נישט מיין חורבן? — האָט דער נשׂרף געענטפערט.

נישט וויינען. דאָס גאַנצע אידישע פאָלק וועט ליידען פון דיין שׂרפה. פאַר די נגידים האָסטו איצט אַ גוטען אויסרייד: „כל בית ישראל יבכו את השׂרפה".

256. אַ טויטער סימן.

אַן עושר, זעהר אַ קאַרגער, איז געשטאָרבען. אַזוי לאַנג ווי דאָס מת איז געלעגען אין דער היים האָט דער זוהן נישט געוויינט. אָבער ווען מען האָט גענומען קלאַפּען אין די פּושקעס: „צדקה תציל ממות" האָט דער זוהן גענומען וויינען.

אַז מען האָט געפרעגט דעם זוהן פאַר וואָס ער וויינט גראָד איצט, האָט ער געענטפערט:

— אַז מען רופט צו צדקה און מיין פאָטער לויפט ניט אַוועק, איז אַ סימן, אַז ער איז טאַקע טויט אויף אַן אמת...

257. געלד איז מטהר אַ ממזר־בלבול.

דער מגיד פון רייצי האָט אַמאָל געבעטען אַ נדבה פון אַ גביר וואָס האָט געהייסען יצחק און יענער האָט איהם נישט געוואָלט געבען.

דער מגיד האָט איהם דאַן געזאָגט: אויב דו גיסט מיר נישט קיין נדבה וועט מען זאָגען, אַז דו ביזט אַ ממזר. פרעגט איהם דער נגיד: פאַר וואָס? ענטפערט איהם דער מגיד:

— די ליצני הדור האָבען געזאָגט, אַז שׂרה איז שוואַנגער געוואָרען פון אבימלך'ן, האָט אברהם ארויסגעגעבען מטבעות מיט זיין צורה און יצחק'ס צורה צוזאַמען, כדי מען זאָל זעהן, אַז זיי זעהען ביידע גלייך אויס. דאָס איז אַלץ ריכטיג, אַז יצחק לאָזט ארויס די מטבעות, ווען אָבער יצחק האַלט איין די מטבעות ביי זיך, איז ער דאָך טאַקע אַ ממזר.

דער גביר האָט געלאַכט פון דעם וויץ און איהם געגעבען אַ פיינע מטבע.

258. אַ פאַלשער טייטש אָבער אַן אמת וואָרט.

דער רבי־בחור פון קאָלאָמעא פלעגט טייטשען דעם פסוק „זה דור דורשיו" אַזוי: זה דור — דער היינטיגער דור, „דור־שוא" — איז אַ פאַלשער דור, „מבקשי פניך" — אפילו די וואָס דאַוונען און בעטען צו דיר, „יעקב" — לאָקערן, שווינדלען, „סלה" — אַלע פאַר'ן טאַלער...

258. בעסער געהאַנגען ווי געגאַנגען.

אַן אָרימאַן איז געגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף, איז ער געקומען איינ־מאָל צו אַ אידיש הויז אָבער דער בעל־הבית האָט איהם נישט געוואָלט לאָזען אריינגעהן.

פון דרויסען האָט ער דרעזעהן, אַז אויף דער וואנד העננט אַ בילד פון יצחק׳ס עקידה און אברהם שטעהט נעבען איהם.

רופט ער זיך אָפּ צום בעל הבית:

— וואָלט נישט בעסער געווען ווען דו וואָלסט געהאַנגען אויף דער וואַנד, און אברהם דער מכניס אורח וואָלט דאָך מיר אַנטקעגען געלאָפען?

259. דריי מצות מיט איין קלאַפּ.

אַן עושר, אַ קאַרגער, האָט אמאָל גערופען אַן אורח צום עסען. דער אורח האָט זיך פאַרדאָרבען דעם מאָגען פון זיינע שלעכטע מאכלים, איז קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען ביים עושר אין הויז. ביי דער לויה האָט דער מספיד געזאָגט:

„אונזער עושר האָט מקיים געווען אַלע דריי גרעסטע מצות מיט איין מאָל: „הכנסת־אורחים", „בקור חולים" און „הלוית המת".

* * *

אַן אָרימער געלד־קלייבער האָט היבש געלד צוזאַמענגעקליבען און פון איינעם אַ שטאַרקען קלאַפּ באַקומען. האָט ער דערצעהלט: אַזוי שעהן געלד געמאַכט מיט איין קלאַפּ.

260. „דמעות" (טרערען) פאַר וואָס נים „די־מעות" (געלט)?

אויף אַ לויה פון אַן עושר האָט אַן אָרימאַן שטאַרק געוויינט. אַז מען האָט איהם געפרעגט פאַר וואָס ער וויינט, ער איז דאָך נישט געווען קיין קרוב פונ׳ם מת, האָט ער געענטפערט:

— אָט טאַקע אויף דעם וויין איך דאָך!

261. אַ מת אַ בעל־גאוה.

אַ איד דערצעהלט דעם רב ווי אַ איד איז דאָ געשטאָרבען פאַר הונגער.

— ווי אַזוי איז עס מעגליך? — רופט זיך אָפּ דער רב. — וואָלט ער צו מיר געקומען, וואָלט איך איהם געשטיצט.

— דער מאַן האָט זיך געשעמט, — האָט דער איד געענטפערט.

— אויב אַזוי, איז ער געשטאָרבען צוליב גאוה און ניט פון הונגער.

262. גרויסע בעלי מדות.

אויף א גאַליציאַנישען סוחר זאָגט מען אז ער איז געגליכען צום בעלזער רבי, צום בעל שם, צו אברהם אָבינו, און צו גאָט אליין.

דער בעלזער פלעגט פאסטען, ער עסט אויך נישט. דער בעל שם האָט געלעבט מיט נסים, ער אויך. אברהם אָבינו האָט קיין וועקסלען ניט געצאָהלט, ער אויך ניט. גאָט איז קיין מענש נישט, ער אויך נישט.

* * *

צו א רייכען קאַרגען איד האָט דער רייצער מגיד געזאָגט: מ'דאַרף אייך רופען „קדוש" גלייך מיט רבינו הקדוש, ווייל ער האָט קיינמאָל ניט די הענד נאָכגעלאָזט נידעריגער פון'ם גאַרטעל, אַזוי איהר אויך — איהר האָט נאָך קיינמאָל ניט אַרונטערגעלאָזט די הענד אין קעשענע צו געבען צדקה.

אַן אַנדערער רייכער קמצן זאָגט צום אַרימאַן: איך קען אייך גאָרניט געבען חוץ ברכות.

— אייערע ברכות, — ענטפערט דער אָרימאַן, — האָבען אפילו ביי אייך גאָר קיין ווערט ניט. ווען יאָ, וואָלט איהר מיר זיי ניט געגעבען.

263. דער „חסיד" און די „חסידה".

איינמאָל האָט זיך דער גערער רבי דערוואוסט, אַז זיינע חסידים שטיצען נאָר אָרימע־לייט פון צווישען זיך, אָבער ניט קיין פרעמדע. האָט דער רבי זיי געשטראָפט און געזאָגט:

עס שטעהט אין דער תורה: „ואת החסידה למינה". זאָגט רש"י: פאר וואָס הייסט די חסידה? ווייל זי טוט חסד מיט איהרע „פריינדינס" און שפייזט זיי. איז דאָך א קשיא, אויב אַזוי, פאר וואָס איז זי אַן עוף טמא? גיט ער דעם תירוץ, ווייל זי טוט עס נאָר מיט איהרע לאַנדסלייט און נישט אויך מיט אַנדערע.

264. א צדקה־פאַרטיילונג לויט'ן פסוק

די טאָכטער פון „חכם צבי" איז געוועזען זעהר א גוטהאַרציגע פרוי. אמאָל זיינען געקומען צו איהר צוויי אָרימלייט און זי האָט נישט געהאַט קיין געלד האָט זי גענומען א זילבערן לעפעל און איהם צובראָכען און יעדען געגעבען א טייל.

אַז מען האָט איהר שפּעטער געפרעגט פאַר וואָס זי האָט עס געטאָן, האָט זי געענטפערט:

— עס שטעהט דאָך אַזוי: „כפה" פרשה לעני — „וידיה" שלחה לאביון", צו איין אָרימאַן דעם לעפעל, צום צווייטען דאָס הענטל...

265. אלט-נייע תקנה.

דער „שאגת־אריה" האט זיך אויסגענומען מיט דער קהלה מאינץ איהם ניט צו רופען צו א זיצונג, נאר ווענען נייע תקנות. אמאל רופט מען איהם צו א מיטינג איינצופיהרען א תקנה יעדען אורח אפצופערטיגען, ווייטער איהם שיקען, קיין הכנסת אורחים.

— דאס איז דאך ניט קיין נייע תקנה, — זאגט דער גאון, — די דאזיגע תקנה שטאמט דאך פון (ד' ארצות) סדום ועמורה, אדמה וצבוים...

* * *

פאר וואס רופט מען „הכנסת אורחים"? ווייל דער משתדל דערפון האט הכנסה פון די אורחים...

266. מוזען באצאהלען

א גרויסער גביר און אפיקורס איז געשטארבען, האט די חברה קדישא זיך געהייסען געבען פאר א קרקע 500 גולדען, אין דער צייט ווען דער געוועהנליכער פרייז איז נאר 50 גולדען. האבען די קינדער איבערגע־טראגען די זאך אין קאורט.

פרעגט דער ריכטער דעם גאון ר' עקיבא אייגער: פאר וואס הייסט איהר זיי געבען אזוי פיל?

— דערפאר, — ענטפערט ר' עקיבא, — וואס מיר אלע גלויבען אין תחית המתים, וועלען מיר האבען אמאל צוריק דאס שטיקעל פעלד. זיי גלויבען אבער נישט, פארנעמען זיי הייסט עס דאס שטיקעל לאנד אויף אייביג — זאלען זיי דערפאר אזוי באצאהלען, און זיי האבען טאקע באצאהלט...

267. די הנאה וואס דאס אויג זעהט.

אן אורח ביים טיש זעהט ווי דער בעל הבית פרעהט זיך מיט זיינע זילבערנע כלים, האט ער אויך הנאה געהאט. פארוואונדערט פרעגט איהם דער בעל־הבית: מילא, איך פרעה מיך מיט מיינעם ווען כ'זעה, וואס איז אייער שמחה?

— איך זעה אויך דאס זילבער און האב הנאה, — ענטפערט דער אורח.

— איך קען דאך עס באהאלטען, — טענה'ט דער בעל הבית.

— דאמאלט האבען מיר ביידע קיין הנאה ניט, — ענטפערט דער אורח.

— איך קען דאך דאס זילבער פארקויפען?

— דאמאלסט האב איך אליין די שמחה, און דו ניט...

268. אַ טרוקענער כבוד

אַ חשוב'ער אָרימאַן איז געקומען צו אַ גביר וועגען אַ חשוב'ע הילף. האָט ער איהם בכבוד אויפגענומען אָבער קיין סענט ניט געגעבען. אַרויס־געהענדיג פונ'ם גביר'ס הויז זאָגט דער איש נכבד:

„הרחמן הוא יפרנסני בכבוד", ער האָט מיך געשפּייזט מיט כבוד...

269. דער קלאַנג מאַכט דעם נדיב.

פאַר וואָס גיבען מאַנכע אידישע מיליאָנערען פיל געלד פאַר קלויס־טערס? — ווייל קלויסטערס קענען די זאַך שטאַרקער צוקלינגען, אפילו פון די כהן־גדול גלעקלאַך.

270. מיט דער „האַנד" אין פּנים געטראָפען.

אַן אָרימאַן אַ למדן איז אַמאָל געקומען צום גאון ר' אפרים זלמן מרגליות, דער מחבר פון פילע ספרים, אויך „יד אפרים", און איהם גע־בעטען אַ נדבה. דער רב האָט איהם געגעבען נאָר אַ קליינע נדבה, און פרעגט איהם צי זיינע ספרים געפעלען איהם. דער מקבל האָט געענט־פערט, אַז אַלע ספרים געפעלען איהם, חוץ דער „יד אפרים" (אפרים'ס האַנד). דער רב האָט פאַרשטאַנען דעם וואונק און האָט איהם דערלעגט נאָך אַ נדבה.

271. אַן עושר'ס מזל.

אַ גביר האָט אַמאָל ערקלערט זיין קרוב, וועלכער איז געקומען צו איהם נאָך שטיצע, אַז ער וועט איהם טאַקע העלפען און שיקען אַ געוויסע סומע געלד יעדען חודש.

דער קרוב האָט איהם דערויף געענטפערט, אַז ער באַשטעהט נישט אויף דעם.

— פאַר וואָס? — פרעגט דער גביר.

— אַזאַ גליקליכער מענש ווי דו ביזט, — האָט דער אָרימער קרוב געענטפערט, — קאָן נאָך געשעהן אַז דו זאָלסט שטאַרבען באַלד דעם ערשטען חודש און ווערען פון פּטור פון צאַהלען.

272. דער אָפּשאַץ פון אידישען רחמנות־געפיהל.

דער „חפץ חיים" איידער ער איז געוואָרען מפורסם איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן. ער איז טאָג און נאַכט געזעסען אין ווייבערשען פּאָליש און געלערענט. די שטאָדט האָט געוואוסט, אַז ער הונגערט און איהם געוואָלט שטיצען, אָבער ער האָט נישט געוואָלט.

אמאָל האָט איהם די מוטער געפרעגט: פאַר וואָס ער זאָגט אָפּ די שטיצע פון דער שטאָדט.

— מאַמע! פארשטעהסט דען נישט. זיי ווילען מיר געבען נאָר דע־מאָלט ווען איך וויל נישט נעמען; ווען איך וועל שוין ווילען נעמען, וועלען זיי נישט געבען.

* * *

אפשר ליגט דער טראַגישער וויץ אין דעם פּסוק:

„טרם יקרא ואני אענה", אַז מ'פאַרלאַנגט ניט ענטפער איך (גאָט), „עודם מדברים ואני אשמע", אַז זיי מאָנען, וועל איך נאָר אויסהערען אָבער ניט געבען.

273. געלד, פּאַוואָליע.

אַן אורח־הגון קומט אמאָל צו אַן עושר אַ קמצן וועגען הילף. טראָגט איהם דער עושר אַקעגען ביים אריינגאַנג אַ ברייטען שלום־עליכם.

— ווי אַזוי ווייסט איהר שוין אַז איך בין אַ פרעמדער? — פרעגט דער אורח.

— ווייל יעדער היימישער אָרימאַן ווייסט שוין אַז איך גיב קיין פּעני צדקה, און קומען ניט מעהר צו מיר. איהר אַלס פרעמדער ווייסט אודאי נאָך ניט דערפון, דערפאַר האָב איך דערקענט אַז איהר זייט אַ פרעמדער.

* * *

אַ רייכער מאַן און זעהר אַ קאַרגער פלעגט געבען יעדען אָרימאַן אַ ברייטען „שלום עליכם" אָבער קיין געלד.

אמאָל פרעגט איהם אַן אָרימאַן וועגען דעם.

— ס'שטעהט אין סידור, — ענטפערט דער גביר, — נעבען „שלום עליכם" „ג. פּ.", וואָס מיינט: „ג—עלד פּ—אַוואָלי".

274. פון איינעם צוויי.

אַ בעל־הבית האָט אמאָל מיטגענומען אַן אורח פון שוהל אויף שבת עסען. קומענדיג אין הויז, זעהט ער ווי דער אורח ברענגט נאָך אַ מאַן.

— ווער איז דער איד? — פרעגט איהם דער בעל־הבית.

— פארשטעהט איהר, — עטפערט דער אורח, — דאָס איז מיין איידים און איך דאַרף איהם געבען קעסט.

275. ניט אויסצודרעהען זיך פון אייערע הענד.

הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז אמאָל אוועק צו דער „חברה קדישא" און זיי געזאָגט, אַז זיין ווייב איז איהם געשטאָרבען און געבעטען עפּעס

געלד אויף צוצוגרייטען די לויה. מען האָט איהם געגעבען. ווען די חברה קדישא איז געקומען צו איהם אויף מאָרגען אין דער פריה, איז דאָס ווייב געווען אין קיך געזונט און פריש.

— וואָס האָסטו אונז אָפּגענאַרט, הערשעל? — האָבען זיי איהם געפרעגט.

— אָפּגענאַרט? זי איז אייערע! זי וועט דאָך אמאָל שטאַרבען! און אז אין אַ פּאָר צעהנדליג יאָהר שפּעטער האָט איהר קיין צייט נישט, איהר קענט נישט וואַרטען? „ואין מידך מציל", זי איז אייערע!

276. אַ געלד־פראגע אַ כשר'ה.

צו ר' שמואל סאַלאַנט איז געקומען איינער מיט אַ פראַגע. ער האָט קינדער אין אַמעריקא וואָס אַרבייטען אום שבת, זיי ווילען איהם שטיצען מיט געלד, צי ער זאָל נעמען פון זיי.

זאָגט צו איהם ר' שמואל סאַלאַנט:

— אייערע קינדער האָבען נאָך איין מצוה „כבוד אב" און זיי ווילען עס מקיים זיין, פאַר וואָס זאָלט איהר זיי נישט לאָזען די איינע מצוה?

* * *

אַן אַנדער רב האָט אַזאַ שאלה גע'פּסק'ענט אַזוי: די פעדערען פון אַן עוף וואָס איז טרפה געוואָרען זיינען כשר...

277. די „גמרא" מאַכט צו געבען.

איינער איז געקומען צו ראָטשילד נאָך שטיצע. זאָגט איהם ראָטשילד: מאַך עס בקיצור.

ענטפערט ער: „ג'מ'ר'א".

— וואָס הייסט עס?

— גוט מאָרגען, ר' אנשיל.

— און וואָס ווילט איהר?

— ג'מ'ר'א — גיט מעות, ר' אנשיל.

ראָטשילד האָט איהם געגעבען אַ נדבה.

רופט ער זיך ווידער אָן: ג'מ'ר'א.

— וואָס הייסט דאָס?

— גיט מעהר, ר' אנשיל.

278. אוים קאַפּעליוש־מאַכער.

אַן אָרימאַן האָט זיך אמאָל באַריהמט, אז ער וועט מאַכען דעם גרעסטען עושר פון שטאָדט (וואָס איז אַ קמצן) פאַר אַ פּראָסטען אַרבייטער אַ, ווי אַזוי? — איהר וועט זעהן.

ער איז באלד ארויף צו יענעם בעטען א נדבה.

— אנטשולדיגט, איך בין נישט דער בעל־הבית, איך בין נאר א פראסטער ארבייטער, — האט דער גביר געענטפערט.

279. וואו חכמה, דארט אויך געלד.

א גרופע חסידים צוזאמען מיט'ן רבי ר' נפתלי ראפשיצער זיינען געפאהרען צום רבי'ן פון לובלין, דעם חוזה. אין מיטען וועג האט זיי אויסגעפעהלט געלד. זאגט צו זיי דער ראפשיצער: נישט ווייט פון דאנען וואוינט אן ארענדאר וואס גיט געלד נאר פאר „מאיר בעל הנס". ער האט שוין א סך געלד און קיינער האט עס נישט אפגענומען. זאל עמיצער אהינפאהרען און זאגען אז ר' מאיר'ס איידים וועט באלד קומען צו איהם. כך הוה. דער ראפשיצער איז געקומען, האט איהם דער ארענדאר אוועק־געגעבען דאס גאנצע געלד, האט ער עס אויסגעליהען צו חסידים און שפע־טער אפגענומען ביי זיי די סומע און אוועקגעשיקט קיין ארץ ישראל.

280. רבי מאיר בעל הנס העלפט.

צוויי אידען האבען זיך ארייגעשמוגעלט קיין אמעריקא. די פאלים האט זיי נאכגעיאגט. איינער א איד איז אריין אין א הויז און זיך בא־האלטען אונטער'ן בעט און מנדר געווען צוויי דאלאר אויף ר' מאיר בעל־הנס, מ'זאל איהם ניט כאפען.

די פאלים איז אריינגעקומען, זאגט ער: „ר' מאיר, איך גיב אייך פיר דאלאר". ווען די פאלים פאקט איהם שרייט ער: „ר' מאיר, נאט אייך זעקס דאלאר". מיינענדיג, אז דאס רעדט ער צום צווייטען, לאזט איהם די פאלים אפ און זוכט דעם צווייטען. דערווייל מאכט ער א ויברח...

* * *

פאר וואס רופט זיך דאס „ר' מאיר בעל־הנס פושקעס"? ווייל ס'איז א נס אז דאס געלט קומט אן קיין ארץ ישראל.

281. ער סטראשעט די געגז.

אן ארימאן איז געקומען צו א גביר בעטען א נדבה. דער גביר האט איהם נישט געוואלט געבען, האט איהם דער ארימאן געענטפערט:

— אויב דו וועסט מיר ניט געבען קיין נדבה, וועל איך דיר שיקען מיין שוואגער.

— ווער איז ער? — האט דער נגיד געפרעגט.

— מיין שוואגער האט געהאט צוויי טעכטער, איינע האב איך גענומען

און די צווייטע דער מלאך המות. איצט ווייסט איהר שוין ווער מיין שוואָ־גער איז ?

* * *

אן אַנדער נוסח: איך שיק צו אייך דעם וואָס האָט מיך צו אייך געשיקט — דעם דלות!

282. אַ חכם נעמט.

פון וואַנען נעמט זיך דאָס ווערטעל: „אַ נעמער איז ניט קיין געבער" ? פון דער תורה. ביי דעם כהן וואָס געהט קלייבען אין די שייערען, ווען ער האַלט ביים נעמען, שטעהט: „ולקח מלא המחתה, ומלא חפניו" — נעמען מיט אַ פולער מאָס; און ביי דעם געבען שטעהט שוין: „והזה באצבעו ויתן על קרנות המזבח סביב באצבעו" — אביסעל מיט'ן פינגער.

* * *

צו וואָס איז אויסגערעכענט דער גאַנצער יחוס פון מלכי צדק, איז דאָס צוליב דעם ביסעל ווייַן און דאָס שטיקעל ברויט צו אברהמ'ן ?

די נדבה איז טאַקע אַ קלייניגקייט. נאָר זאָלסט וויסען זיין: „והוא כהן לאל עליון" — אַ רב האָט דאָס געגעבען, איז דאָס שוין גאָר אַ זעל־טענע זאַך...

283. אַ גוטער געבער.

אַ איד אַן עושר קומט אַמאָל אריין צו ר' ישראל סאַלאַנטער. פאַר'ן וועקגעהן לאָזט ער איבער דעם גאון הונדערט רובל. ר' ישראל פרעגט מיט באַוואונדערונג: וואָס זאָל דאָס באַדייטען ?

— פאַרשטעהט איהר, רבי, — זאָגט דער גביר, — אז מ'קומט צו אַ גוטען אידען לאָזט מען איבער אַ פדיון.

— ניט דער איז אַ גוטער איד וואָס נעמט, — ענטפערט איהם דער גאון, — נאָר דער וואָס גיט...

284. ליבער פאַר'ן טויט ווי נאָכ'ן טויט.

אן אָרימאַן איז געקומען צו אַ נגיד און איהם געבעטען צו שטיצען איהם ווייל ער האָט אַ פרוי אַן אַלמנה און קינדער יתומים.

— ווי אַזוי קענט איהר האָבען אַ פרוי אַן אַלמנה און קינדער יתומים, ווען איהר לעבט ?

— טאָ וואָס שאַדט עס אייך, אַז איך לעב ? — האָט דער אָרימאַן געענטפערט. — ווילט איהר דוקא, אַז איך זאָל שטאַרבען ?

285. ווי דער קאָפּ איז גאוניש אַזוי גרויס איז די בארמהערציגקייט.

דער גרויסער קדוש ר׳ חיים סאַנצער האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכ־טער. פאַר דער חופה איז אריינגעקומען אַן אָרימע פרוי און געוויינט, אַז זי מאַכט אויך חתונה אַ טאָכטער און האָט נישט אין וואָס די כלה צו דער חופה צו פיהרען, האָט ר׳ חיים גענומען דער כלה׳ס אַלע קליידער און אוועקגעגעבען דער אַלמנה.

— סטייטש, טאַטעניו! מיט וואָס וועל איך גהען צו דער חופה? — האָט זיין טאָכטער איהם געפרעגט.

— מיט׳ן באוואוסטזיין, אַז דו ביזט מיין טאָכטער! — האָט ער איהר געענטפערט.

286. ביז גאָט וועט העלפען דאַרף אויך דער אויבערשטער העלפען.

אַ חסיד האָט זיך באַקלאָגט פאַר דעם רבי׳ן, אַז ער האָט נישט קיין פרנסה. דער רבי האָט איהם געענטפערט:

— פאָהר אַהיים און גאָט וועט דיר העלפען.

דער חסיד איז ארויסגעגאַנגען, אָבער באַלד צוריקגעקומען.

— וואָס ווילסטו נאָך?

איך גלויב זיכער, אַז גאָט וועט מיר העלפען, ווי דער רבי האָט גע־זאָגט, אָבער ביז גאָט וועט העלפען, גיט אַן עצה וואָס טוט מען דערווייל?

* * *

אפשר איז דאָס דער מיין פון גאָט צו יעקב׳ן: „כי לא אעזבך עד אשר אם עשיתי את אשר דברתי לך״ — ביז איך וועל דיר העלפען, וועל איך דיר דערווייל אויך ניט פאַרלאָזען.

אידען בעטען: „עוזר דלים הושיעה . . . ! און דער רבונו של עולם ענטפערט: „נאָ!״ (?)...

287. צדקה דערגרייכט דעם כסא הכבוד.

אַ חסיד מיט אַ מתנגד אונטערהאַלטען זיך וועגען חסידיזם. דער־צעהלט איהם דער חסיד, אַז זיין רבי געהט יעדען שבת־צו־נאַכטס צוועלף אַזייגער אין הימעל אריין. דער מתנגד האָט איהם גוט אויסגעלאַכט.

— לאַך ניט, — זאָגט איהם דער חסיד, — קענסט זיך איבערצייגען.

— אויב אַזוי, בין איך נייגעריג, — מאַכט דער מתנגד אַן ערנסטען פנים.

— געה באהאַלט דיך אין רבי׳ס רומקע, ווען ער געהט ארויס 12 אַזייגער געהסטו איהם נאָך, — גיט דער חסיד אַן עצה.

דער מתנגד געהט און זעהט: דער רבי טוט אָן אַ פּעלץ, אַ קוטשמע,

א שטריק ארומגעבונדען זיך, און א האַק ארייננעשטעקט און געהט אין א ווייטען וואלד, אין א שרעקליכען שניי, פראָסט און א זאווערוכע. דער רבי צוהאַקט האָלץ, מאַכט א בונט, געהט דערמיט א ווייטען וועג, קומט אין א רומקע וואו עס ליגט א פרוי מיט פינף קליינע קינדער, קראַנק, פאַר־פרוירען, פאַר'חלש'ט, מאַכט וואַרם, דערוואַרימט א ביסעל געקעכץ און געהט אהיים, און דער מתנגד זיין וועג.

צו מאָרגענס פרעגט דער חסיד דעם מתנגד:

— נו, האָסטו געזעהן ווי דער רבי געהט אין הימעל?

דער מתנגד: — אפשר נאָך העכער...

288. זוך ניט קיין גליקען אין אַמעריקא.

איינער איז געקומען פרעגען ביי ר' יצחק אלחנן, אויב ער זאָל פאָהרען קיין אמעריקא.

— צוליב פרנסה? — פרעגט איהם ר' יצחק אלחנן.

— ניין, פרנסה האָב איך, אָבער נישט קיין עשירות.

— פאָהר ניט, — האָט איהם דער גאון גערעטען. — נענועים וואָס דרעהען זיך אהין־אהער מאַכט מען נאָר ביי „הושיעה נא". אָבער ביי „הצליחה נא" שטעהט מען אויף איין אָרט.

וועגען פרנסה מוז מען זיין נע־ונד, אָבער גליקען זוכען בלייבט מען בעסער אויפ'ן אָרט.

289. פרעמדע צרות א האַלבע טרייסט.

א קרעמער האָט זיך אמאָל באַקלאָגט פאַר זיין חבר, אז ער לייזט וועניג. איז אָבער דאָך צופרידען דערמיט, וואָס זיין שכן לייזט גאָרניט.

ווי שטעהט דאָרט אין פסוק: „אָח לא פדה יפדה", אז דער ברודער לייזט ניט איז גלייך איך וואָלט געלייזט.

* * *

רבי יונתן פראַגער האָט מען אמאָל געפרעגט, פאַר וואָס טרפה מאַכען, אפילו אויף הונדערט גולדען, איז שאַ־שטיל, און פאַרלירען א דין־תורה איז א געוואַלד?

— איך וועל אייך פאַרענטפערען, — זאָגט ר' יונתן. — טריף מאַכען האָט קיינער קיין פּראָפיט דערפון, אָבער א דין־תורה פאַרלירען הייסט, דער צווייטער האָט געפונען, דאָ הערען זיך שוין קולות וברקים...

290. אַלע ווילען לעבען.

— בין איך געווען ביים דאָקטאָר. ער האָט מיך אונטערזוכט און זיך געהייסען באַצאָהלען 8 טאָלער.

— סטייטש, ווי גיט מען דאָס אַוועק 8 טאָלער פאַר אונטערזוכען?
— וואָס פאַרשטעהסטו ניט? דער דאָקטאָר וויל לעבען.
— און וואָס איז געווען ווייטער?
— בין איך אַוועקגעגאַנגגען אין דראָג סטאָר, און געקויפט דעם מעדיצין פאַר 6 טאָלער.
— סטייטש, ווי גיט מען דאָס אַוועק 6 טאָלער פאַר אַ מעדיצין?
— וואָס פאַרשעהסטו ניט? דער אַפטייקער וויל אויך לעבען.
— און וואָס איז געווען ווייטער?
— קומענדיג אַהיים האָב איך גענומען דעם מעדיצין און אַריינגעגאָסען אין סינק אַריין.
— ביזטו משוגע צו חסר דעה?
— וואָס פאַרשטעהסטו ניט? איך אַליין וויל אויך לעבען...

291. ביזנעס טאָן שניידט מען זיי אויך אָפּ פון אַ געהאָנגענעם.

אַ קריסטליכער לעהרער האָט אַמאָל פאַרשפּראָכען זיינע תלמידים אַ באַלוינונג, ווער ס'וועט טרעפען, ווער ס'איז געווען דער גרעסטער מענש אין דער וועלט.

איינער האָט געזאָגט „וואַשינגטאָן, אַ צווייטער „לינקאָלן”, וכדומה. דער איינציגער אידישער תלמיד האָט זיך אָנגערופען: „י ע ז ו ס”!

— ווי קומט'ס צו דיר אַזאַ ענטפער? — האָט זיך דער לעהרער געוואונדערט. — דו ביזט דאָך אַ איד.

— „ביזנעס איז ביזנעס”, — האָט דער באָי געענטפערט. און ער האָט טאַקע געקראָגען דעם פּרייז.

292. מ'מאַכט אַ לעבען פון נסים.

אַ אידישער קרעטשמער אין אַ פּויליש דאָרף האָט ניט געהאַט קיין פּרנסה. דער גלח פון'ם זעלבען דאָרף האָט זיך אויך באַקלאָגט אויף זיין אָרימקייט. האָבען זיי זיך צוזאַמענגערעדט, און אין קלויסטער ווערט ענטדעקט אַ הייליג בילד, וואָס פאַרגיסט טרערען, היילט קראַנקע, גיט צו עקרות קינדער, חתנים צו מיידלאַך, און נאָך וואונדער. אין דאָרף איז אַריינגעקומען פּרנסה.

אַ פּויער קומט פון אַ צווייטען דאָרף בעטען הילף פון דעם וואונדער־בילד. פאַרפאָהרט ער צום אידען אין קרעטשמע און פרעגט איהם:

— איז דאָס אמת, אַז דאָס הייליגע בילד העלפט מענשען?

— געוויס, — ענטפערט דער קרעטשמער, — איך ווייס אַליין פון צוויי מענשען וואָס זיינען געהאָלפען געוואָרען...

293. אַ מיין, פאַרקערט (איפכא-מסתברא)?

אַ הארטהארציגער עושר, אַ כל־וּלך אין שטאָדט, איז געווען אַ שאַצ־מאַן סיי ביי די שטייערען און סיי ביי די גרויסע בענק. האָט ער אַ סוחר'ל אין דער באַנק איינגעשאַצט פאר אַ קליינעם בטוח־מאַן, און ביי די שטייערען האָט ער איהם אָפּגעמאָסטען גאַר הויך.

באַגעגנענדיג איהם אויף דער גאַס, זאָגט איהם דער קרעמער:

— היתכן? טאַקע דאָס נעמליכע זאָגען, נאַר איבערגעקערט: ביי די שטייערען מיך קליין מאַכען, און אין באַנק מיך דערהויבען...

294. אַ דאָקטאָר איז דער וואָס היילט.

צו ר' אנשיל אשכנזי, „פאלטישענער רב", וואָס האָט געהאַט אַ גאון'ישען קאָפּ אויך אין דין־תורה'ס, זיינען אמאָל געקומען בעלי דינים זיך לאָדען וועגען אַ גרויסער סומע. אויסהערענדיג די טענות, האָט ער זיי באַלד געהייסען קומען מאָרגען וועגען פסק־דין. ווען דער פסק־דין איז אַרויס צופרידענשטעלענדיג ביידע צדדים, האָבען זיי פסק־געלד געגעבען הונדערט גולדען.

— רבי, — פרעגט איין בעל־דין, אַ דאָקטאָר, — פאַר וואָס אַ דאָקטאָר וואָס ווערט פאַרשוואַרצט אַלע זיינע יאָהרען מיט'ן שטודירען, און צום סוף אַז מ'רופט איהם צו אַ חולה קריגט ער אַ גולדען, צוויי, און אַ רב, פאַר איין דין־תורה קריגט הונדערט גולדען?

— איך וועל אייך זאָגען דעם חילוק פון אונז צו אייך, — ענטפערט איהם דער רב. אָט, למשל, איך האָב די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען, דער „חרב חדה" פון אחריות, חלילה ניט מטה־דין זיין, האָט מיין געוויסען אַרומגענומען. איך האָב אַראָפּגענומען פון אייך די קנאה, שנאה, אויפּ־רעגעניש, בזיונות, זלזולים, און דעם צער און יסורים פון דעם באַ'עולה'טען צד אויף מיר אַרויפגעלעגט. נו, בין איך ניט ווערט די באַלוינונג? לאַפּוקי אַ דאָקטאָר קומט צו אַ חולה, פאַרשרייבט אַ מעדיצין, געהט אַוועק, איז גענוג וואָס ער באַקומט. ווען אַ דאָקטאָר זאָל איבערנעמען פון דעם חולה די קראַנקהייט און זיינע יסורים אויף זיך, וואָלט ער אויך ווערט געווען אַ גרויסע באַלוינונג.

295. מחלוקת הפוסקים.

אין דער מדינה פוילין איז פלוצלינג פאַרפאַהרען אין אָווענט „גראַב־סקי'ס וואָגען" צום הויז פון אַן אָרימען מלמד, אַ שטייער־איינגעהמער מיט צוויי מיטהעלפערס, און האָבען פאַרנומען פון הויז אַלע ספרים און בעט־געוואַנט. האָט דער מלמד געפרעגט דעם שטייערמאַן:

— ביי אונזערע חכמים איז א קלער, צי די נאכט איז געשאפען צום שלאפען, צי צום לערנען. איצט פרעג איך אייך, ממה־נפשך: האלטען די צוויי תלמידים אייערע, אז די נאכט איז צום שלאפען, טא וואס זשע נעמען זיי אוועק דאס בעטגעוואנט. איז די נאכט צום לערנען, טא גיט מיר צוריק די ספרים!

— די צוויי לייט מיינע פלפול'ען זיך טאקע אין דעם דין, — איז געוועזן דער ענטפער פון'ם בעל־יושר'דיגען שטייערמאן. — איינער זאגט, צום לערנען, האט ער גענומען די איבערבעטלאך; דער אנדערער האלט די סברא צום שלאפען, האט ער אוועקגענומען די ספרים. און איך אליין קען ניט מכריע זיין ווער ס'איז גערעכט.

.296 א רעדעלע וואס דרעהט זיך.

א שנארער איז געקומען קויפען היבש סחורה. וואונדערט זיך דער סטאר־קיפער: נעכטען אן ארימאן, און היינט שוין א סוחר?

— איך וועל אייך ווייזען א גרעסער וואונדער, — זאגט צו איהם דער קאסטימער, — היינט א גרויסער סטארקיפער און מארגען א טירען־קלאפער.

דער סטארקיפער האט זיך פון איהם א בלאסליכער אויסגעדרעהט.

.297 א קלענערער בעל־חוב.

א פאטער מיט'ן זוהן זיינען געגאנגען נעמען סחורה אויף בארג על מנת ניט צו באצאהלען, האט ער זיך זעהר שטארק געדונגען און פיל אפ־געהאנדעלט פון'ם פרייז.

דער זוהן: טאטע, צו וואס אזוי פיל דינגען זיך, דו ווילסט דאך סיי־ווי גאר ניט באצאהלען?

דער פאטער: פארשטעהסטו, מיין זוהן, איך וויל ווייניגער שולדיג בלייבען.

* * *

א לוה האט דעם פריש אונטערגעשריבענעם וועקסעל מיט א ביסעל ערד באשאטען צום טריקענען די טינט, מיט דער שווינדלערישער מחשבה: וואס די ערד דעקט צו פארגעסט זיך.

.298 פון זיך אליין לערנען.

— מאך מיך קלאר, ברודערקע, דעם ענין פון קאפיטאל און ארבייט, — בעט א לוה זיין מלוה.

— יא, איך ערקלער דאס דיר טאקע ביי דיר אליין, — ענטפערט דער מלוה. — למשל, איך האב דיר געליגען א פאר טאלער, איז'ם „קאפיטאל"; וויל איך אבער ביי דיר אפנעמען דעם חוב, איז'ם שוין „ארבייט".

299. אַ איד גיט זיך אַן עצה.

אַ איד האָט געשפּילט אויף דער לאָטעריע, האָט ער אַ נדר געטאָן פאַר'ן רב, אַז אויב ער וועט געווינען 10,000 רובל, וועט ער געבען צום רב 1,000 רובל פאַר צדקה. און ער האָט פאַרשפּילט.

איז ער אַוועק צום גלח און איהם צוגעזאָגט בנדר פאַר'ן קריסטליכען גאָט 1,000 רובל, אויב ער וועט געווינען די 10,000 רובל. דאָסמאָל האָט ער געוואונען, אָבער קיין געלד פאַר דער קירכע נישט געגעבען.

קומט צוגעהן צו איהם דער גלח און מאָהנט איהם דאָס געלד.

ענטפערט איהם דער איד אַזוי:

— אונזער גאָט איז טאַקע אַן אמת'ער גאָט, האָט ער געוואוסט מיין מחשבה ניט צו האַלטען דעם נדר, האָט ער מיך ניט געלאָזט געווינען. אייער גאָט איז גאָר קיין גאָט ניט, האָט אפילו ניט געוואוסט מיין מיין ניט צו געבען, און האָט מיך געלאָזט געווינען. קומט איהם גאָרניט...

300. מאַכען צו מאַכען איז ניט גלייך.

אַ חזן, אַרומגעהענדיג אין שוהל יעדען אידען מאַכען אַ מי שברך צו נדר'ן, פרעגט ער איינעם זיין נאָמען, ער וויל איהם מאַכען אַ מי שברך. ענטפערט דער איד: מאַכט מיר ליבער אַ פּאָר הויזען. איך האָב ניט קיינע.

301. אַ חילוק בלויז מיט אַ טאָג.

זייענדיג אין אַ גרויסער הונגער־נויט, האָט זיך אַ איד גע'שמד'ט. אפשר וועט איהם גאָט העלפען, ס'וועט איהם בעסער געהן.

שפּעטער אַ יאָהר, צוויי, טרעפט איהם זיינער אַן אַלטער פריינד:

— נו, יאַשקע (פריהער יאָשקע), ווי געהט'ס אַצינד, בעסער אַלס גע'שמד'טער?

— ניט פיל בעסער, — ענטפערט ער, — נאָר מיט איין טאָג: פריהער האָב איך ניט געהאַט אויף שבת, היינט האָב איך ניט אויף זונטאָג.

302. דער חוצפּה'ניק.

אַ באַרבער איז שוין איין מאָל אַ חצוף. פאַר וואָס? ווי הייסט, זיין גאַנץ לעבען הענגט אויף אַ האָר, קריכט ער נאָך יענעם אויפ'ן קאָפּ.

דערפאַר אָבער איז זיין שפּע גרויס. פאַר וואָס? — ווייל כמעט אַלע אידען וואָס זיינען געוועזן אַן „עם הספר", אַ פאָלק פונ'ם בוך, זיינען געוואָרען אַן „עם הספר", אַ פאָלק פון שעפ'ן, אָדער אַן „עם השעפער".

303. מלחמה־פּראָפיטען צוגעהען זיך אין לופט.

די מלחמה־רוחים, פונ׳ם מלחמה־פייער, זיינען געווען געגליכען צו א קרעטשמער וואָס האָט זיינע שייערס אונטערגעצונדען, כדי גוטע אינשורענס צו באַקומען. דאַמיט די דאָרפס פויערים זאָלען ניט קומען לעשען דאָס פייער, האָט ער אויף איעדער סטריט וואָס פיהרט צו דעם שריפה־פּלאַץ אַראָפּגעלאָזט א גאָלד־שטיק. קומענדיג לעשען מיט קענדלאַך וואַסער, האָט יעדער פויער דערזעהן דאָס גאָלד, אויפגעהויבען און צוריק אַוועק אהיים דערמיט. אָפּגעברענט, אָפּגענומען שעהנע אינשורענס, האָט דער נשרף צו־שיקט דעם דאָרפ׳ס שופט צו אַלע גאָלד־געפינערס און פון זיי אָפּגענומען די געפונענע גאָלד־שטיקלאַך.

* * *

וואָס איז דער חילוק פונ׳ם „מן" אין דער וויסטע צום עסענוואַרג אין דער וויסטער מלחמה־צייט?

„מן" איז טעגליך געפאַלען, און עסענוואַרג איז טעגליך געשטיגען.

304. א ליטעראַרישער פּעלץ.

אז מ׳זעהט היינטיגע צייטען א גאַליציש־פּויליש סוחר׳ל טראָגען א פּעלץ, דאַרף מען דעם פּעלץ רופען „האמלעט", ווייל ס׳שטעלט זיך די פראגע ווי ביי „האמלעט" אין שעקספּיר: „ז י י ן אָ ד ע ר נ י ט ז י י ן"?

305. א וואָרט איז א וואָרט.

קאַסטאָמער: — מערקט אייך פּאַראויס, אז איך האָב זיך ניט ליב צו דינגען, איך באַצאָהל ווי מ׳זאָגט מיר. אזוי מאַכט מיר די לעצטע פּרייז.

סטאָר־קיפּער: — און איך מוז אייך אויך באַמערקען, אז מיין ביזנעס־פּליים איז אויך געשטעלט אויף ניט צו דינגען זיך. איך ביעט ניט איין סענט איבער.

קאַסטאָמער: וויפיל קאָסט דער אויבערקאָוט?

סטאָר־קיפּער: איך וועל אייך ניט זאָגען 30 טאָלער, ניט 25, ניט 20, נאָר פּונקט 18 דאָלאַר.

קאַסטאָמער: איך וועל אייך ניט זאָגען ניט 3 טאָלער, ניט 4, ניט 5, נאָר פּונקט 6 טאָלער.

סטאָר־קיפּער (צום משרת): פּאַק איין דעם אָווערקאָוט.

306. די באָרד לענקט וואָס דער איד דענקט.

א פּאָטער האָט איבערגעגעבען זיין זוהן פאָלגענדע דריי סימנים פון בערד־אידען, צו מאַכען מיט זיי ביזנעס אָדער ניט:

1) מיט אַ איד וואָס האָט אַ גלייכע לאַנגע באָרד, דעם קענסטו טראָסטען, ווייל אַ איד מיט אַזאַ באָרד, ווען ס'קומט דער צאָהל־טאָג, שטעקט ער די האַנד אין באָרד, רייסט אויס איין האָר נאָך דער אַנדערער און שרייט: גוואַלד, וואו נעמט מען צו באַצאָהלען?

2) איינער וואָס האָט אַ באָרד מיט צוויי שפּיצען, מיט איהם זיי אַ קאַפּעלע פאָרזיכטיג, ווייל ס'איז ביי איהם מעגליך דער געדאַנק בשעת באָרגען: וואו שטעהט דאָ דער היזק? וועל איך האָבען, באַצאָהל איך, — אַ גלעט דעם רעכטען שפּיץ; ווען ניט, באַצאָהל איך ניט, — אַ גלעט די באָרד לינקס.

3) אם מיינסטען פאָרזיכטיג זיי ביי אַ אידען מיט אַ קליין שפּיציג בערדעל. אין צייט פון פעליגקייט כאַפּט דער בחור זיין בערדעל אין האַנט, דערהויבט זי און זאָגט: נאָ! איך צאָהל ניט.

307. אָרימקייט אויך אַ רפואה.

אַן אָרימאַן האָט זיך אַמאָל אָפּגעשטעלט ביי דער ברכה „שעשה לי כל צרכי", איך דאַנק דיר, גאָטעניו, וואָס דו טוסט מיר אַלע מיינע באַדערפעניסען. היתכן? אַ ברכה לבטלה. איך האָב דאָך קיין שטיקעל ברויט פאַר די קינדער. נאָר אַצינד, אַז מיר זיינען אַלע קראַנק אויפ'ן מאָגען, טאַקע פון אָרימקייט, איז גאָט צו דאַנקען וואָס מיר עסען ניט. דיעטע העלפט.

308. אַ האַלבע נביאה און אַ האַלבע נאַר.

אַ קאָרטענוואָרפערקע זאָגט צו אַ באַזוכער: — ס'שטעהט אייך פאָר צו ירשה'נען אַ מיליאָן גולדען.

דער באַזוכער הויבט זיך אויף און וויל אוועקגעהן אַ צופרידענער.

זאָגט איהם די קאָרטענוואָרפערקע: — הערר! איהר האָט מיר נאָך ניט באַצאָהלט!

— אויב איהר קענט וויסען וואָס וועט קומען אין דער צוקונפט, — ענטפערט איהר דער גאַסט, — האָט איהר געדאַרפט וויסען, אַז איך באַצאָהל ניט.

309. אַ פריינד'ס אַן עצה טובה.

אַ פּרנסה־זוכער האָט געפרעגט זיינעם אַ פריינד, אויב ער ווייסט פון אַ גוטער ביזנעס.

— געה אין דער ערד אַריין, וועסטו טרעפען, ווייל אַלע גוטע ביזנעס ליגען היינט אין דער ערד.

310. אַ געוויסער „מאַן".

עס האָט איינער אמאָל געפרעגט אַ צווייטען, וועמען עס איז געגאַנגען שלעכט: — פון וואנען לעבט איהר?

צווייטער: — כ'האָב אַ געוויסען „מאַן" וואָס העלפט מיר.

דער ערשטער: — ווער איז ער?

צווייטער: — („מאַן" דיהיב חיי יהיב מזוני"), דער מאַן (גאָט) וואָס גיט לעבען, גיט אויך שפייז צום לעבען.

עראָטישע און ראָמאַנטישע וויצען

---

311. אויך אַ מאכל אדם.

אַ קריטיקער פון אַ וויץ־ביכעל האָט געפונען אַ פעהלער אין אַ ביכעל, וואָס ס'פעהלט דארין עראָטישע (אויסגעלאַסענע) וויצען. דער מחבר האָט איהם אַ משל געגעבען: אַ ליב האָט אמאָל געמאַכט אַ סעודה, און איינגעלאַדען אַלע חיות. נאָך דער סעודה האָבען אַלע געסט איהם געדאַנקט פאַר די גוטע מאכלים. נאָר דער חזיר האָט איהם ניט באַדאַנקט. הלמאי האָט דער ליב ניט צוגעשטעלט אויך זיינע חזיר'שע מאכלים צווישען אַלע אַנדערע גוטע שפייזען?

312. דורך דעם אויבערשטענס רצון.

אַ בעל תשובה, עטליכע יאָהר ניט געווען אין דער היים, האָט אמאָל דערהאַלטען אַ בריף פון דער היים, אַז זיין פרוי האָט אַ בייבי געבוירען. אויף דער פראַגע: ווי איז דאָס מעגליך? — האָט ער תמ'עוואטע געענטפערט: ער זעהט ערשט אצינד ווי אמת די תורה הקדושה איז. די גמרא זאָגט: „בזמן שבני ישראל עושים רצונו של מקום מלאכתם נעשית על ידי אחרים" (אין דער צייט ווען די אידען טוען דעם ווילען פון דעם אויבערשטען, דאמאָלסט ווערט זייער ארבייט געטאָן דורך אַנדערע)...

313. די ווייבערשע מצוות.

אַ אידיש ווייבעל מוז אָפּהיטען איהר „מטה". (די ראשי־תבות פון מ'ט'ה באַדייטען: מ־ליחה, ט־בילה, ה־דלקה. אָבער פשוט'ער מיינט מען „מטה" דאָס טהרת־המשפחה־בעטעל...)

יעדע פרוי — אַלטע אויסגעשלאָסען — סיי אַן עהרליכע, סיי אַן אונ־עהרליכע, מוז האַלטען לכל הפחות די דריי מצוות: „אויף זיך נעמען", „פאָלגען דעם אויבערשטען" און „האַלטען וואָס ס'שטעהט"...

314. דאָס אויג און די האַרץ זיינען עבירות־מעקלע־ס (גמרא).

דער גרויסער תנא רבי שמעון בן גמליאל איז אַמאָל געגאַנגען אויפ'ן „הר הבית" און האָט דערזעהן זעהר אַ שעהנע גוי'עטע, האָט ער אויסגע־רופען: „ווי גרויס און וואונדערליך זיינען דיינע מעשים, גאָט!" (גמרא ע"ז). דאָס מיינט: דינען גאָט, סיי מיט'ן יצר־טוב, סיי מיט'ן יצר־הרע. אַז ס'איז ניטאָ קיין ברירה טוט מען אויך אַן עבירה, כאָטש מיט'ן קוק. ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס דער „אותו האיש" האָט געזאָגט: „מיט'ן קוק אַליין האָט מען זי שוין פאַרשוועכט".

* * *

„הנ־ע־רות הללו קודש הם ואין רשות להשתמש בם אלא לראותם בלבד" (חנוכה), די ליכט־מיידלאך דאַרף מען נאָר אָנקוקען, מעהר אָבער ניט...

* * *

די שעהנע נביאה'טע „אביגיל" איז געגאַנגען אויפגעדעקט איהרע שענ־קעל (היינטיגע ים־קאָסטיומס) און דוד המלך איז איהר נאָכגעגאַנגען, צו־ליב איהר קערפּערליכע ליכטיגקייט, גאַנצע דריי מאָל... (מגילה).

* * *

רבי יהודה הלוי (דער הייליגער ציון־דיכטער) האָט געזאָגט צו אַ שעהן און קלאָהר מיידעל מיט שעהנע שוואַרצע האָר: איבער דיין ווייסען האַלז און שוואַרצע האָר, „על צוארך ועל שער ראשך", מאַך איך די ברכה: „יוצר אור ובורא חושך" (דיוואַן), ער באַשאַפט ליכטיגקייט און טונקעל־קייט צוזאַמען.

314. „ניטאָ קיין נייעס אונטער דער זון, אַלצדינג איז שוין געווען".

און גאָט האָט געמאַכט צו אָדם'ען און צו זיין ווייב „כתנות עור", פעלענע העמדער (צוצודעקען דעם גאַנצען קערפּער), זיי אַליין האָבען זיך אָבער געניייט פייגען־בלעטער און געמאַכט גאַרטלען (נאָר דאָס גאָר שעה־מעוודיגע צוצודעקען). (בראשית).

* * *

אין רבי מאיר'ס תורה איז געשטאַנען: „כתנות א ו ר", דאָס מיינט, ציוויליזאַציע קאָסטיומס.

און די צניעות־הלבשה זעהט מען היינט אויך ביי אַלע ים־ברעגען גאַנץ פריי, און האַלב אויף דער יבשה.

היינטיגע פרוי אז זי דאַרף מאַכען אַ קלייד, טענה'ט זי ניט לאַנג, נאָר זי מאַכט עס קורץ...

* * *

היינטיגע קליידלאַך זיינען געגליכען צו אַן „וויץ": ווייניג שטאָף און — קורץ.

* * *

דער מאַן: — וויסטו, מיין טייערע, די ציימען זיינען זעהר שלעכט, און ס'וואָלט געווען אַ יושר, דו זאָלסט אַ ביסעלע צוקאַרגען אויף קליידער.

די פרוי: — איך פאָלג דיר, מיין קרוין. איך וועל די פייגענבלאַט איבערניצעווען אויף דער אַנדערער זייט, און איבערוואַרטען מיט דער שלעכטער צייט אויף דער נעקסטער מאָדע, ווען מ'וועט פיל ווייניגער שטאָף דאַרפען אויף דרעסעס, און אודאי אויך קירצערע ביידינג־סוטס.

* * *

דער קעלמער מגיד איז אמאָל געווען אויף אַ חתונה, האָט ער געזעהן, אַז דער חתן איז אַן עם־הארץ, און די כלה טראָגט אַ קורצע קלייד מיט קורצע אַרבעל.

— אַ גלייך פאַר־פאָלק, — זאָגט דער מגיד. — דער חתן האָט ניט קיין תורה און די כלה האָט ניט קיין סחורה...

315. ווער פון ביידע איז עכט?

אַז אַ גאַליציש־פּויליש מיידעל טראָגט היינט אַ דיימאָנד־רינג, איז איינס פון ביידע: איז דאָס מיידעל נאָך אַן עכט מיידעל, איז דער רינג ניט קיין עכטער; איז דער רינג אַן עכטער, איז דאָס מיידעל ניט קיין עכטע.

316. אַ „מתנה" וואָס דעקט אַלצדינג צו („מתן בסתר יכפה אף")

מערי: זאָג מיר, מיין ליבער, איז עס אמת אַז ליבע איז בלינד?

מאַרי: ס'קען זיין אַז יאָ, אָבער די מענשען אין דרויסען, זעהט אויס, זיינען ניט פאַרליבט און קוקען אַריין... ציה־זשע אַראָפּ די פאָרהענגלאַך...

* * *

אַ בחור מיט אַ מיידעל זיצען אין אָווענט ביים ים אין בעטערי־גאַס באַטראַכטענדיג די „פריייהייטס־סטאַטוע". פרעגט דאָס מיידעל:

— פאַר וואָס ברענען אויף דער סטאַטוע אַזעלכע קליינע לעמפּלאַך?

— ווייל ס'איז שוין אַזוי אין דער וועלט, — ענטפערט איהר דער באָי. — וואָס ווענינער ליכט אַלץ מעהר פריייהייט...

* * *

חסידים, פאָהרענדיג מיט ר' לוי יצחק'ן דורך אַ וואַלד, האָבען איהם געוויזען ווי אַ בחור מיט אַ מיידעל זיצען אַליין אין וואַלד, וואָס פאַרדעכטיגט זיי... האָט דער רבי זיי געענטפערט:

— וואָלט געווען דער יצר־הרע אין בית־המדרש און אין וואַלד שלאָגגען און הקדש׳ן, וואָלט מיך געוואונדערט. אצינד, אז דער יצר־הרע איז אין וואַלד, וואונדערט מיך גאָרניט...

317. „על חטא . . . בגלוי עריות".

א פרוי מיט א געלעהמטער רעכטער האנט האָט נעבאך געלעהמטערהייט ניט געקענט העכער פונ׳ם נאָפּעל אויפהויבען די האנט, און אזוי האָט זי זיך געקלאפּט דעם „על חטא" יום כפור אין שוהל... די ווייבער האָבען זיך זעהר צולאַכט ביי דעם על־חטא, וואָס זי האָט מתודה געווען...

318. „מ׳מוז פריהער זעהן דאָס מיידעל" (קידושין מא.)

א לעבע־בחור׳ל האָט זיך געמאַכט אלס פּרינציפּ ניט פריהער חתונה צו האָבען ביז ער וועט ניט פריהער דאָס מיידעל זעהן אין חוה׳ס קאָסטיום. א פאָטער, וועלכער האָט שוין זעהר געוואָלט חתונה מאכען זיין מיידעל, א פארזעסענע, האָט מיט א שווער הארץ ערלויבט די טאָכטער נאָכצוגעבען דעם בחור׳ס משוגעת. אָבער נאָך דער גאנצער „פאָרשטעלונג" האָט זיך דער צולאָזענער חברה־מאַן ארומגעזעהן, אז איהם געפעלט ניט . . . איהר נאָז.

319. דאָס שלאָפצימער־לעבען דארף זיין חופּה׳דיג (באדעקט, פארשטעלט)

דער מינסקער גדול האָט צוגעזעהן ביי א חתונה ווי חתן־כלה האָבען זיך עפענטליך געשושקעט, געקושט, האָט ער געזאָגט:

— מ׳דארף דאָס ניט טאָן, ווייל „לעיני כל ישראל" איז דער סוף פון דער תורה. (דאָס הייסט אויך: אזעלכע עפענטליכע זאכען מאכען צו־נישט די תורה).

320. געהט אוים ווי א ליכטעל.

א פרוי האָט געזאָגט צום מאַן: דו פלעגסט מיר דאָך תמיד זאָגען, אז איך בין דאָס ליכט פון דיין לעבען, און היינט, וואָס?

— יאָ! — ענטפערט דער מאַן, — איך האָב אָבער ניט גערעכענט אז דו וועסט אלע נאכט „אויסגעהן"...

321. „זכר ה׳ — מה היה לנו"?

זיצענדיג מיט אַקטריסעס אין א ניט צניעות׳דיגען פאָזישאָן און א ביסעל מבושמ׳דיג, האָט א חברה־מאַן געפרעגט דעם פארבייגעהענדען ראביי אין א וויציגען טאָן:

— רבי, וואס איז דער אויבערשטער, א זכר אדער א נקבה? (מ׳זאגט דאך אמאל אויך: די שכינה).

— א זכר! — האט דער ראביי געענטפערט. — וואלט ער געווען א נקבה, וואלסטו איהם געליבט און זיך באהעפט אין איהם („ולדבקה בו״)...

322. הכנסת-אורחים ברענגט צו הכנסת-כלה.

„ר׳ יהושיע איז אמאל געגאנגען אין וועג און האט זיך צוגעזעהן ווי א מיידעל שעפט אן וואסער פונ׳ם ברונען. בעט ער איהר אויך א טרונק. זאגט זי: פליעז, פאר דיר און פאר׳ן אייזעל אויך. נאכ׳ן טרינקען זאגט ר׳ יהושיע צו איהר: טאכטער! האסט אזוי פיין געמאכט ווי די מאמע רבקה. ענטפערט זי צוריק: איך האב געטאן ווי רבקה, אבער דו האסט ניט געטאן דאס נעמליכע וואס אליעזר האט געטאן . . .״ (מדרש איכה). (ווי באוואוסט, האט ער רבקה׳ן גוט פאר׳שדוכ׳ט און איהר נאך געגעבען א שעהנעם פרעזענט, וואס אברהם האט איהם מיטגעגעבען).

* * *

אן אנטיסעמיט איז אמאל געקומען צו א באל און זאגט צו א אידיש מיידעל ביים בופעט, מיט א פאראכטענדען טאן: „שרה, גיב מיר א טרונק וויין״. ענטפערט זי איהם גלייך: „דאס האט גאר רבקה אנגע־טרונקען די אייזלען, ניט שרה״...

323. אן אייזערנער יובילעאום.

א איד זאגט צום חבר: דו ווייסט, איך פייער מארגען מיין אייזער־נע האכצייט.

— ווי קומסטו צו דעם יובילייאצינד? — פרעגט דער חבר.

— אז איך האב אויסגעהאלטען פון מיין ווייב 25 יאהר און לעב נאך, בין איך שטארקער פון אייזען, — איז געווען די תשובה.

324. די זינד פון עלטערען ירשה׳נען די קינדער.

א פאטער אין יוראפ האט פארקויפט דאס לעצטע פונ׳ם הויז און אויסגעשטאט דעם זוהן קיין אמעריקא וועגען תכלית. דער זוהן איז דא געווארען אן אלרייטניק, געבראכט די אלטע עלטערען אין דער גאלדענער מדינה. די שנור האט זיך געשעמט מיט די אלטע שווער און שוויגער און פלעגט זיי געבען עסען אין קיטשען און האט ספעציעל פאר זיי געהאלטען הילצערנע עס-געציייג. איינמאל קומענדיג אהיים האט די שטאלצע מאדאם באמערקט ווי איהר אינגעלע שפילט זיך אויפ׳ן פלאר מיט שטעקעלאך.

אויף דער פראַגע וואָס ער מאַכט פון די שטעקעלאַך, האָט איהר דאָס קינד געענטפערט:

— דאָס מאַך איך הילצערנע לעפעל און גאָפּעל פאַר דיר, אַז ווען דו וועסט אַלט ווערען זאָלסטו אויך קענען זיצען ביי מיר אין קיטשעו...

אצינד, חנה, גיה רייס קברים צו האָבען קינדער!

325. די צייט פון משוגעת.

א שדכן שלאָגט פאַר א גראָבען יונגאַטש א זעהר רייך מיידעל און א שעהנע, נאָר אַמאָל איז זי אַביסעל פון זינען.

— גוט, — זאָגט דער בחור, — כ'שטים צו.

— מוזט אָבער וואַרטען אויף דעם טאָג ווען זי איז משוגע דיך צו נעמען... — ענטפערט דער שדכן.

* * *

א מאַן באַגעגענט א פרוי, שטעלט זי אָפּ און זאָגט: דאַכט זיך, איך האָב אייך ערגעץ־וואו אַמאָל געזעהן?

פרוי: מעגליך. איך בין געווען אַמאָל אַן אויפזעהערין אין א דולהויז.

326. א היתר זיך צו חבר'ן מיט'ן סעקסועלען יצר־הרע.

ברוידעס האָט אַמאָל אין וויץ אַרויסגעדרונגען על־פּי־דרש אַז מ'מעג הנאה האָבען פון לינקער ליבע. ס'שטעהט אין דער תורה ביי בשר בחלב דריי מאָל „לא תבשל": איינס צייגט, אַז מ'טאָר ניט קאָכען פלייש מיט מילך צוזאַמען; איינס, אַז מ'טאָר אַזאַ געקעכץ ניט עסען, און איינס, אַז מ'טאָר ניט דערפון הנאה האָבען. „לא תנאף" שטעהט אָבער נאָר צוויי מאָל אין דער תורה, דרשה'ט דערפון ברוידעס, אַז מ'טאָר עס ניט קאָכען און מ'טאָר עס ניט עסען, אָבער הנאה האָבען — ניטאָ דערויף קיין אויס־דריקליכער איסור — מעג מען... (?)

321. א אידישע שאלה פאַרענטפערט מיט א גוי'אישען תירוץ.

משה מענדעלסאָן איז אַמאָל געזעסען אין הויכער קריסטליכער געזעל־שאַפט נעבען א קאַטוילישען גלח. געגעסען האָט ער נאָר כשר'ע מאכלים. פרעגט איהם דער גלח:

— ווען וועט איהר, אידען, שוין מעגען עסען מיט אונז צוזאַמען?

— אויף אייער חתונה, — האָט מענדעלזאָן געענטפערט. (כידוע, טאָרען קאַטוילישע גלחים קיינמאָל ניט חתונה האָבען).

328. פאַר'קנס'ן.

א פאָטער איז אַמאָל אַהיים געקומען פונ'ם יריד מיט דער בשורה צו זיין זוהן, אַז ער האָט איהם צו־מזל פאַר'שדכנ'ט מיט א פיין מיידעל.

— טאַטע, — פרעגט דער זוהן אַ ביסעל ברוגז'דיג, — היתכן, ווי פאַלסטו אויס צו טאָן אַ שדוך פאַר מיר, אָהן מיר?

— אויב דו ווילסט ניט, און אויב דו וועסט נאָך אַ ביסעל ריידען, וועל איך די חתונה אויך מאַכען אָהן דיר... — האָט איהם דער פאָטער בייזליך געוואָרענט.

* * *

אַ חתן האָט פאַרשפּעטיגט דעם טריין און ניט געקענט אָנקומען אין צייט צו זיין חתונה, האָט ער טעלעגראַפירט:

„טריין פאַרשפּעטיגט, בעט צוצוואַרטען מיט דער חופּה ביז איך קום".

* * *

מ'טאָר ניט הענגען אַ רוצח נאָר אין זיין געגענוואַרט.

און מ'טאָר ניט אויפהענגען אַ מיידעל אויף אַ באָי נאָר בפניו.

אַ חתן איז איבעריג אויפ'ן ברית, אָבער צו מאַכען אַ ברית מוז ער אויך זיין דערביי.

* * *

אַ מיידעל, אויך אַ כלה, האָט צו איהר פריינדין צו דער חתונה טעלעגראַפירט:

„אל תהיה ברכת כלה הדיוט בעיניך": ס'זאָל ניט זיין ביי דיר די ברכה פון אַ כלה גרינגשעצדיג.

(דער וויץ ליגט אין אויסלעגען און אין איבערניצעוועון דעם זאַץ. שטעהן שטעהט: „אל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך", די ברכה פון אַן איינפאַכען מענשען זאָל ביי דיר ניט זיין גרינג. איינפאַך).

329. אַ ברכה וואָס מיינט דאָך אַ קללה.

ביי דער וועטשערע אין חתונה־זאַל האָט דעם חתן'ס אַ קרוב גע־האַלטען אַ קורצען טאָאַסט:

„ליידיס און דזשענטעלמען! איך טרינק צום געזונט פונ'ם חתן און ווינש איהם פונ'ם גאַנצען הארצען, ער זאָל האָבען אַ סך אַזעלכע גליקליכע טעג ווי היינט.

330. צוויי שטריכעלאך צוואַרפען אַ נייעם בנין.

אַ פרוי האָט אַ לאַנגע צייט ניט געהאַט קיין בריף פון איהר מאַן פון וויטענס. האָט זי אַוועקגעשיקט אַ בריף צום דאָרטיגען שטאָדט־רב אויס־צוגעפינען וואו איהר מאַן איז. האָט זי געקראָגען פונ'ם רב אַן ענטפער אויף העברעאיש: „בעלך מת בפּוטשאַיעוו", ד. ה. דיין מאַן איז געשטאָר־בען אין פּוטשאַיעוו. שטיצענדיג זיך דערויף האָט זי נאָכאַמאָל חתונה געהאַט. סוף זמן איז דער מאַן צוריקגעקומען. דערזעהענדיג איהם האָט

די פרוי אַוועקגעַ'חלש'ט. ווען זי איז געקומען צו זיך האָט זי גלייך אַוועק־געשריבען אַ בריף צום רב פרעגענדיג איהם ווי קומט ער צו אַזאַ ליגען.

— קיין ליגען האָב איך ניט געשריבען, — האָט זיך דער רב פאַר־ענטפערט, — איך האָב בלויז פאַרגעסען צו מאַכען צוויי שטריכעלאַך אין דער הויך איבער „מ״ת״, וואָס ס'מיינט אין ראשי תבות: „מ־למד ת־נוקת״ (קינדער מלמד).

331. וואָס די פרויען דענקען.

ווען אַ מאַן איז אַ גראָבער יונג, ווערט די פרוי דין ווי אַ ברעטעל.

אַ מאַן קען פאַסטען יום כפור און אין דערזועלבער צייט עסען זיין פרוי.

די הויפּט־אורזאַכע, וואָס מאַכע מענער הייראַטען, איז, ווייל מיט זיך אַליין קען מען זיך ניט קריגען.

אַ מענער־כלל: קניע פאַר דער שעהנסטער, אונטערהאַלט זיך מיט דער קליגסטער און הייראַט מיט דער רייכסטער.

אַ מאַן'ס ליבע קען זיך אָפּקיהלען פון אַ קאַלטער גלאָז קאַפע, וואָס זיין ווייב האָט איהם דערלאַנגט צום פריהשטיק, ווייל זיין ליבע קומט פונ'ם מאָגען...

אַ מאַן באַהאַנדעלט זיין פרוי ווי אַ לאָבען ברויט: איבערגענעכטיגט אַ נאַכט — שוין אַלטגעבאַקען...

מענער זיינען ווי מצות, איהר קענט זיי אויסאיידלען נאָר מיט אַ וואַלגערהאָלץ...

אַ מאַן איז געגליכען צו אַ קאַרפּעט: אויסגעקלאַפּט, און דערנאָך ריין, פיין...

דער מאַן פאַרלאַנגט פון דער פרוי אַז דאָס שלאָפצימער זאָל זיין איהר גאַנצע וועלט, און ער אַליין האַלט די גאַנצע וועלט פאַר זיין שלאָפצימער...

אום חתונה צו האָבען אי מיט אַ גוטען לאָיער אי מיט אַן עהרליכען בחור, מוז מען זיין אַ ביגאַמיסטקע (הייראַטען מיט צוויי מענער).

332. וואָס די מענער דענקען.

ווען אַ פרוי ווינשט דעם מאַן אַ גוט יאָהר, מיינט זי ער זאָל אַרבייטען ווי אַן אייזעל און זי אויסהאַלטען ווי אַ פּריצה.

אפילו אַ פרוי פון דעם געניאַלסטען שרייבער האַלט אויך מעהר פון איהר מאַן'ס טשעקבוק ווי פון זיינע אַנדערע ביכער.

איין שבח מוז מען זאָגען אויף די היינטיגע פרויען: זיי זיינען „אָפּען־הערציג״... (מגלה טפחים ומכסה טפח).

פאַר דער חתונה מאַכען מיר פון דער פרוי וואָס מיר ווילען, נאָך דער חתונה מאַכט זי פון אונז וואָס זי וויל.

פרויען זיינען ווי א מזוזה: צוערשט אנקלאפען, דערנאך קושען...

פסח זיינען די פרויען אונזערע „מלכות", און א גאנץ יאהר — אונזערע „מלקות".

ווען א שעמעוודיגע ווארפט שוין אראפ פון זיך די בושה, ווארפט זי שוין אויך אראפ פון זיך די קליידער.

אז מ'וויל הייראטען סיי א שעהנע סיי א געטרייע, דארף מען ווערען א ביגאמיסט.

333. דער גרעסטער נס איז טאלער'ס באווייזען.

אן עושר האט אמאל באנקראטירט. דער פראצענטניק, דער בעל־חוב, האט איהם אזוי דאקוטשעט, אז די פרוי זיינע, א יונגיטשקע, א שעהנינקע, איז געקומען צום וואוכערניק און זיך אנגעשלאגען צו זיין אן אנזייגערין ביי זיין קינד פאר'ן חוב.

— דו טוסט אזוי ווי דער אויבערשטער, — זאגט צו איהר דער וואוכערניק. — געווען א מעשה (שבת נג.): א פרוי איז געשטארבען נאכ'ן קינד האבען, און ס'איז ניט געווען ווער ס'זאל אנזייגען דאס קינד. איז געשעהן א נס: ביים פאטער האבען זיך געעפענט פרויען־בריסטען און ער האט דאס קינד געקארמעט. פרעגט זיך דאך א פראגע: דער אויבערשטער האט דאך געקענט אויף א לייכטערען, נאטירליכערען אופן באווייזען א נס, איהם מזמין זיין א אנזייגערין אדער קעש, ער זאל קענען ברענגען אן אם? אפנים ברוסטען איז לייכטער צו באשאפען ווי קעש־געלד...

334. א היתר אויף פרייער ליבע.

א באוואוסטער רב האט אמאל אונטער דער חופה זיך טועה געווען אין די ברכות און געזאגט: „שהתיר לנו את העריות". דאס וואלט הייסען: ער האט אונז ערלויבט פרייע ליבע. וואוילע יונגען האבען דעם מיאוס'ן מיסטייק אויפגעכאפט און געזאגט דעם רב, טאקע נאר אין א וויץ: רבי, מיר וועלען אייך פאלגען.

זייט דעמאלט, ווען דער רבי האט אמאל גע'דרשה'נט וועגען „טהרת המשפחה", האבען זיי זיך דערמאנט אן זיין פעהלער כדי צו מאכען פארגעסען אן זייערע פעהלער...

335. „מאבל ליום טוב".

א פרוי האט אמאל געפרעגט איהר מאן:

— דו ביזט דאך א קלוגער, כ'בעט דיך, זאג מיר ווען וועל איך שטארבען?

— אין אַן ערב יום טוב, — האָט ער איהר געעטפערט.
— פון וואנען ווייסטו דאָס? — האָט זי איהם ווייטער נייגעריג געפרעגט.
— גאָר פּשוט, — ענטפערט ער, — ווייל ווען דו וועסט שטארבען וועט ביי מיר זיין אַ יום טוב.

336. די תורה די אשת־איש.

דער סאנזער גאון און צדיק איז אויף דער עלטער אַן אַלמן געוואָרען צום דריטען מאָל און האָט דאָך געזוכט ווייטער אַ שדוך. דאָס איז דעם זוהן ניט געפעלען געוואָרען, און ער זאָגט איהם:

— ר' אייזיק'ל דזשידעטשעווער, נאָכדעם ווי ער איז אַן אַלמן געוואָרען, האָט מעהר ניט חתונה געהאט. ער איז פאַרהייראַט צו דער תורה, פלעגט ער זאָגען.

— נו, — שמייכעלט ר' חיים, — ווילסטו איך זאָל אויך חתונה האָבען מיט דער תורה?! זי איז דאָך שוין אַן אשת־איש...

337. די תורה די כלה.

אַ ישוב'ניק האָט אמאָל מיטגעבראכט זיין צוריקגעשטאנענעם זוהן אין שטעדטעל און איז מיט איהם געגאַנגען אין שוהל אין אַ שמחת־תורה. אהיים קומענדיג דערצעהלט דער געראָטענער זוהן דער מוטער וואָס ער האָט געזעהן:

„אויבען־אָן האָט מען געעפענט אזא מין רומקע, וואו עס האָבען זיך געפונען אזא מין סאָרט מיידעלעך — איך האָב זיי ניט אזוי גוט באַטראכט — מיט שעהנע זיידענע קליידעלאך און עפּעס ווייסע פּיסעלאך. איינער האָט איין קינד ארויסגענומען, זי טראָגענדיג אויף דער האנט, און אַלע האָבען זי געקושט. דערנאָך האָט מען דאָס קינד אַנידערגעלעגט אויפ'ן טיש אינמיטען שוהל, אויסגעטאָן דאָס העמדעלע, צושפּרייט די פּיסלאך, אריינגעקוקט אין מיטען און אויסגעשריגען: עמוד! עמוד! עמוד!".

338. פאר „מתן תורה".

אַ פרוי פון די פרעהליכע הייזלאך האָט אמאָל געגעבען אַ ספר־תורה אין שוהל — צומייסטענס זיינען אַ„זונה" פרויען די פאַרשפּרייטערינס פון תורה'ס — האָט מען ביי איהר געפרעגט ווי פּאַסט זיך עס, פריהער געגעבען איהר אייגענע סחורה און היינט גיט זי אַ ספר תורה? האָט איינער זי פאַרטיידיגט: וואָס זי האָט געטאָן איז געווען „פאַר מתן תורה" (און פאַר'ן געבען די תורה האָט מען דאָך געמעגט)...

ווי זאָגט דאָרט דאָס פאָלקס־ווערטעל: אין דער יוגענד א זונה, אויף דער עלטער א וואוילע.

339. רביצענס חכמות און גלייכווערטלאך.

ווען דער גאון רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָן איז אויפגענומען געוואָרען אין לעמבערג אלס רב, מיט דער הילף פון זיין רבי'צין און געגען דעם ווילען פון איהר ברודער ר' מרדכי זאב, האָט זי אמאָל אין א ווערטעל געזאָגט צום רב:

— וואָס מיינסטו, איך בין א רבי'צין ווייל דו ביזט א רב? פאַר־קערט, דו ביזט א רב ווייל איך בין די רבי'צין.

* * *

דער „מהר"ם" פון לובלין פלעגט ערלויבען פראָצענט נעמען. איז דאָס ניט געפעלען געוואָרען דעם „מהרש"א". האָט זיך אמאָל געטראָפען אז דער מהר"שא איז געווען צו־גאַסט ביים מהר"ם אָבער איהם ניט גע־טראָפען אין הויז. די רבי'צין האָט געמאַכט פאַר'ן גאַסט א שפייז און מיט צוקער באַשאָטען.

— ס'איז „אבק־רבית" (א פּראָצענטיגער שטויב), — האָט זיך דער מהרש"א אָנגערופען.

— ניין, — ענטפערט די רבי'צין קלוג און שנעל, — דאָס איז „אבק לשון הרע".

* * *

א רב האָט זיך אמאָל געוויצעלט מיט זיין רבי'צין:

— וואָס גרויסטו זיך אזוי, וואָס דו ביזט א רבי'צין? אז איך זאָל קיין רב ניט זיין, איז אויס מיט זיין רביצינ'עריי.

— איך קען אָבער זיין רבי'צין אפילו אין א גרויסער שטאָדט אויך, אָבער דו רב?... — איז געווען די תשובה פון דער רבי'צין.

* * *

רבי מאיר'קע מירער'ס ווייב האָט געשריבען א בריף צו איהרער א חבר'טע, נאָך אלס כלה: איך וואָלט ניט געוואָלט דעם חתן, אָבער וואָס קען איך טאָן אז „עמד רבי יהושיע (אבי) על רגליו ואמר אין משגיחין בבת־קול" — דער טאַטע מיינער האָט זיך א שטעל געטאָן און זאָגט, ער הערט זיך ניט צו צו מיין שטים... (אין דער גמרא ברכות האָט דאָס אַן אַנדער באַדייט, און אין דעם שעהנעם צופּאַס אָהער ליגט די סאַטירע).

* * *

דער אלמנה פון רבי יום־טוב ליפּמאַן (תוספות יו"ט) האָט מען גע־רעדט א שדוך מיט א גרויסען גביר, מיט דעמזעלבען נאָמען „יום טוב".

האָט זי דעם שדוך אָפּגעוויזען, מיט דעם גמרא־זאָץ: „יום טוב שני לגבי ראשון כחול" — דער צווייטער „יום טוב" גענגען דעם ערשטען איז ווי פראָסט...

* * *

רבנים זיינען געקומען צום „באר היטיב", קראָקויער רב, צו גאַסט. די געלערנטע רבי'צין זיינע, אסתר, איז אינצווישען אוועק מאַכען דאָס עסען. האָבען די רבנים געפרעגט אויף גמרא־לשון: „אסתר מן התורה מנין"? וואו איז ערגעץ די געלערנטע אסתר? צוריקקומענדיג פון דער קיך האָט זי זיך פאַרענטפערט מיט אַ תורה־פּסוק: „הסתרתי פּני מהם, והיה לאכול", איך האָב געמאַכט דאָס עסען. קומט רבנים צום טיש. עסט־ער, עסען אַלע.

* * *

די טאָכטער פון'ם גאון ר' ישעיה פּוק, ווען זי האָט חתונה געהאַט האָט זי געזאָגט דעם פּסוק: „שמחתי באומרים „לי" (הרי את מקודשת „לי") — בית ה' נלך" — ס'פרעהט מיך, וואָס דורך דער חתונה וועל איך שוין קענען געהן אין שוהל.

* * *

דעם בעל־שם'ס אַ טאָכטער, האָדעל, פּלעגט תמיד דאָקוטשען דעם בעל־קורא אין שוהל מיט איהר בקיאות אין דקדוק. האָט ער ביי זיך אָפּ־געמאַכט, ער מוז איהר אָפּטאָן אַ שפּיצעל. ווען ער האָט געלייענט די פּרשה וישב פון דער מעשה מיט פּוטיפר'ס ווייבעל, וואו ס'שטעהט: און זי האָט איהם ביים קלייד אָנגעכאַפּט, זאָגענדיג: ליג מיט מיר, „שכבי עמי", האָט דער בעל־קורא אַבזיכטליך געלייענט פאַרגרייזט: „שכבי עמה", ליג מיט איהר. דערהערענדיג דעם גרייז האָט די מלומדת אויסגעשריגען פון עזרת נשים אַרויס: „עמי"! עמי"! מיט מיר! מיט מיר!... איז געוואָרען אַ גרויס געלעכטער אין שוהל, און זייט דעמאָלט האָט זי איהם ניט מעהר געטשעפּעט.

* * *

אַ מתנגד איז אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט געוואָרען צו אַ רבינ'ס טיש און געזעהן ווי דער רב שיט און שיט אַזוי פּיל זאַלץ אויף די געפּרעגעלטע לאַטקעס ביז צום ניט עסען מעהר. אויף זיין שטוינען, ווי מאַכט מען עס קאַליע אַזאַ פיינעם מאכל, האָט איהם דער גבאי ערקלערט דעם טעם דער־פון: דער רבי טוט עס בכיון כדי ניט הנאה צו האָבען פון דער וועלט. אַרויסגעהענדיג באַגעגענט ער די רבי'צין, אַ שעהנהייט, אַ יפת תואר. פרעגט ער ווייטער: נו, שיט דער רבי זאַלץ טאַקע אויף אַלעמען וואָס ס'גיט אַ טעם („טועמיה חיים זכו") און מ'קען הנאה האָבען? דער גבאי

טוט א ציה מיט דעם שטערן און מאכט זיך כאלו לא ידע, ער ווייסט פון גארניט...

* * *

אז מ'האט געמאכט רבי אלעזר בן עזריה פאר'ן נשיא, האט ער גע־ענטפערט, אז ער וויל זיך פריהער באראטען מיט'ן ווייב („איזל ואימליך בדביתהו").

ס'פרעגט זיך: ווען עס האנדעלט זיך וועגען אננעמען אזא גרויסע שטעלע, דארף מען ערשט שואל־עצה זיין דעם ווייב?

נאכ'ן דין נאך איז די צייט פון א תלמוד־חכם א שלאפצימער־לעבען מאכען מיט'ן ווייב אל־ערב שבת (כתובות, סב.); די „צייט" פון א נשיא — איין מאל אין חודש (אד"רנ). דערפאר האט ער זיך געפיהלט מחויב צו איבערלעגען זיך מיט דער רבי'צין, ווייל דאס באריהרט איהר אייגענעם קערפער...

* * *

א רבי'צין האט געפרעגט איהר רבי'ן פאר וואס ער איז מקיים די מצות עונה (געשלעכטליך צוזאמענקומען) צוויי מאל?

— הלמאי זאגסטו צוויי מאל „יקום פורקן"? — האט דער רבי זי צוריקגעפרעגט.

— דאס שטעהט דאך אין סידור? — ערווידערט זי איהם.

— נו, ביי מיר שטעהט'ס אויך... — ענטפערט דער רבי.

* * *

א יונגער חסיד האט געמאכט צו דער שעהנער רבי'צין ליבעס־ערקלע־רונגען און זיך צו איהר דערנעהנטערט. די רבי'צין איז אבער אביסעל דערשראקען — בועז'ם שרעק — צוריקגעטרעטען. פרעגט ער זי אויב זי וויל ניט.

— ניין, איך זאג דיר ניט אפ, — פארענטפערט זי זיך מיט א קול־ערוה, — מיך וואונדערט נאר דיין חוצפה'דיגער פארלאנג...

340. דער טויט איז א וואלוועלערע זאך.

א ווייב זאגט צום מאן: איך מוז האבען א נייע דרעס.

מאן: ביזטו משוגע געווארען? אלע מיטוואך א נייע קלייד ביי די היינטיגע ביזנעס?

ווייב: אויב דו מאכסט מיר ניט קיין קלייד, ווארף איך מיך אראפ פונ'ם פענסטער אין סטריט, און א קבר פאר מיר וועט דיך טייערער קאסטען.

מאן: נארישקייט! א קבר איז אבער נאר איינמאל, נייע דרעסעס ווילסטו דאך יעדען טאג!

341. רש"י מעג, בועז — ניט!

א ישיבה־בחור'ל פרעגט זיין חבר אינאיינעם זיצענדיג ביי דער גמרא: ס'שטעהט אין רות, אז בועז האָט געפרעגט: „למי הנערה הזאת", ווער איז דאָס מיידעל? פרעגט דארויף רש"י: „פאַסט דען פאַר בועז'ן צו פרעגען אויף מיידלאך?" — א מעגער, רש"י אליין פרעגט אויך אויף מיידלאך: „ודינה היכן היתה", וואו איז דינה געווען?

דער צווייטער בחור: בועז איז געווען א זכר, האָט ער ניט גע־טאָרט, אָבער רש"י איז דאך א נקבה (מ'זאָגט דאך: די רש"י) — האָט יא געמעגט.

* * *

א ישיבה בחור'ל האָט געפרעגט ביי א מיידעל: פאַר וואָס זיינען די מיידלאך שעהנער און אינטערעסאנטער פון באָיעס?

מיידעל: די זעלבע פראגע האָט מיך געפרעגט מיינע א פריינדין, נאָר פאַרקערט: פאַר וואָס זיינען די באָיעס שעהנער און חנ'עווידיגער פון די מיידלאך?

342. א חשבון אָהן דער בעל־הבית'טע.

א באָס האָט זיך פאַרליבט אין דער בוך־קיפּערין און מיט איהר חתונה געהאַט, טראַכטענדיג אז זי וועט ווייטער צו איהם זיין אונטערטעניג און געהאָרכזאם ווי פריהער. זי האָט איהם אָבער באַלד באוויזען, אז פריהער האָט ער איהר דיקטירט, אצינד וויל זי שוין איהם דיקטירען...

343. שעהן ווי די לבנה.

דער „ב"ח" איז אמאָל געזעסען און געלערענט מיט זיינע תלמידים. דערווייל איז אריינגעקומען זיין טאָכטער. זאָגט דער פאָטער צו איהר: „מיין קינד, ביזט שעהן ווי די לבנה". זיין תלמיד, דער „טור־זהב", האָט זיך דערביי אָנגערופען: „ס'איז שוין צייט מקדש צו זיין די לבנה"... דער „ב"ח" האָט אביסעל נאָכגעטראַכט און איהם באַלד גענומען פאַר אַן איידים.

344. א ברכה איבער א מיידעל.

א בחור האָט אמאָל געוואָלט א קוש געבען א מיידעל, רופט זי זיך אָפּ: לויט'ן אידישען דין טאָר מען גאָר נישט הנאה האָבען אָהן א ברכה.

— טאָ וואָס פאַר א ברכה זאָל איך מאַכען? — פרעגט דער באָי.

— „שבע ברכות!" — שמייכעלט זי צו.

און זיי האָבען טאַקע באַלד געשטעלט א חופּה.

345. א העלפט שאדען האט זיך געפונען.

— איך האב געהערט, אז דיין בוק־קיפער האט א פארמעגען דיך בא׳גנב׳עט און איז אוועק צוזאמען מיט דיין טאכטער. איז׳ס אמת? — פרעגט איין ביזנעס־מאן דעם צווייטען.

— יא, — מאכט דער בא׳גנב׳עטער, — ער האט שוין חרטה אויף די גנבות. א טייל האט ער מיר שוין אפגעשיקט — די טאכטער...

346. א ניט־פארגינער.

א מאן האט געלאזט א צואה, אז זיין פרוי זאל ניט געהן צו זיין לויה.

— אט דאס הייסט א שלעכטער מאן! — באקלאגט זיך די ווייב פאר די שכנ׳טעס, — אפילו נאכ׳ן טויט פארגינט ער אויך ניט זיין ווייב א קאפעטשקע פארגעניגען...

347. א פשוט׳ע ווייב אדער א גע׳דרשנ׳טע.

„און גאט האט געבענשט אברהמ׳ען „בכל״, מיט אלצדינג — מיט א טאכטער אויך, מיט׳ן נאמען „בכל״ (ב״ב, טז).

און ס׳פרעגט זיך א פראגע: פאר וואס האט זי יצחק ניט גענומען פאר א ווייב (דאס איז דאך נאך געווען פאר מתן־תורה, ווען מ׳האט גע־מעגט חתונה האבען מיט א שוועסטער)? איז דא פיר תשובות דערויף: 1) אין יענער צייט זיינען נאך ניט געווען די „אחרים״ פון דער גמרא, זיי זאלען צוטשעפען אברהמ׳ען א טאכטער „בכל״; 2) יצחק האט געהאלטען ווי דער מאן־דאמר, אז בכל מיינט פליין טייטש „מיט אלעמען״ און ניט קיין טאכטער; 3) יצחק׳ס סברה איז געווען, אז בכל איז טאקע יא א טאכ־טער, ער האט אבער געוואלט נעמען א פרוי וואס האט פאקטיש געלעבט לכל הדעות און ניט אזא מין פרוי וואס האט גארניט עקזיסטירט (נאך ר׳ מאיר׳ן; 4) יצחק האט געוואלט א פרוי ממש, על פי פשט, פון בלוט און פלייש, און ניט א פרוי פון לויטער דרש.

348. גאט, באהיט אונז פון גויע׳טעס הענט און פון דרשנים׳ס מיילער.

„מרים און אהרן האבען בארעדט משה׳ן, וואס ער האט חתונה געהאט מיט א שווארצע, כי, ווארים ער האט גענומען א שווארצע״ (תורה). צו וואס עפעס דער דאפעלטער לשון? איז דער תירוץ:

משה האט געזעהן ברוח הקודש, אז קומען וועט די דרש־פעריאדע און מ׳וועט דרשנ׳ען אז די גאנצע מעשה איז אן אויסגעטראכטע (און אפשר איז דאס געווען פאר איהם א שטיקעל כבוד, צוליב נעמען איהר, האט ער געוואונען שלאכטען פאר מצרים (יוספו, אבן עזרא). (אי, וואו איז דער

דאַנק? ווי קומט דאָס אידען אַ דאַנק?) — האָט ער געוואָלט גוט באוואָ־רענען דעם פאקט און צוויי מאָל באטאָנט. דער סוף איז געווען, אז דער דרשן מאכט די גאַנצע זאך צו־נישט: די שווארצע איז טאקע געווען גאָר אַ אידישע, אַ ליכטיגע מויד, נאָר איהרע האָר זיינען געווען שווארצע; אי, וואָס ס'שטעהט צוויי מאָל? איז דער ענטפער: איין פאַרמעהרונג נאָכ'ן צווייטען מיינט אַ פארקלענערונג, פונקט דער היפך פון דעם וואָס ס'שטעהט („אין רבוי אחר רבוי אלא למעט"). ס'איז אויך אַ כלל אין דער פילאָלאָגיע: צוויי „יאָ'ען" באטייטען איין „ניין". — אצינד געה זיי אַ חכם געגען אידען!

349. פון צוויי אומ'בכבוד'דיגע מעשים ווערט איין בכבוד'ער וויץ.

דער עסטרייכישער קייזער האָט אמאָל ערלויבט דעם הומאָריסט סאַ־פיר צו מאַכען אַ וויץ פון איהם, ס'מעג זיין אפילו אַ ניט־בכבוד'ער וויץ, און אין זיין פארענטפערען זאָל אויסקומען נאָך אַ גרעסערע באליידיגונג...

דערלאנגט ער דעם קייזער אַ קניפּ אויפ'ן הינטער־חלק, און ער האָט איהם באלד איבערגעבעטען: פארדאָן, מייעסטעט! איך האָב געמיינט אז דאָס איז די קייזערין"...

350. אָהן „חשקה'ן" העלפט דעם משנה'ס עצה אויך ניט.

אַן אַלטער איד האָט אויסגע'מוסר'ט אַן אַלטען בחור, וואָס ער האָט ניט חתונה. הלמאי ס'שטעהט דאָך: „בן שמונה עשרה לחופה", צו 18 יאָהר זאָל מען שוין חתונה האָבען?

— אמיין, איהר פּאַלגט ניט וואָס די חכמים זאָגען: „בן ארבעים לבינה", צו פערציג יאָהר ווערט מען קליגער, און איהר זייט שוין איבער 60 יאָהר און זייט נאָך אַלץ אַ נאַר, אַ שוטה? — ענטפערט איהם דער בחור.

* * *

„ויגער ביצר הרע מן הנשאים", דער יצר־הרע זאָל זיי איינרעדען חתונה צו האָבען — דאָס איז אימער די תפילה פונ'ם שדכן...

351. אַ וועלער אָבער ניט אַ קענער.

ווי באקאנט, איז די פּאַראָל פון אוסישקינ'ען פון תמיד אָן: „אין לך „דבר העומד" בפני הרצון" — ניטאָ אזאַ זאַך, ס'זאָל קענען זיך ווידער־שטעלען געגען דעם פאָלק'ס ווילען. האָט איהם אמאָל שמייכלענדיג גע־זאָגט דער גרעסטער דיכטער פון אונזער יאָהרטויזענד, ח. נ. ביאַליק: „אוסישקין, אַ „רצון" האָסטו, אָבער אַ „דבר העומד" ניט"...

352. א „חוזה" און א „וויט-זעהער".

געווען אמאל א סך שטערבליכקייט ביי געווינערינס. האט דער לובלינער „חוזה" דערזעהן אין בית-המדרש אונטער'ן אויווען אן אלטען עם-הארצ'ישען שניידער און איהם גערופען דאווענען מנחה פאר'ן עמוד. דער שניידער האט קודם געמיינט אז דער רבי וויצעלט זיך מיט איהם. נאך פיל בעטען איהם, האט דער שניידער איינגעזעהן אז דער רבי מיינט עס ערנסט, אבער ער האט זיך אלץ געוועהרט. „רבי", האט ער געזאגט, „אפילו די עברי פונ'ם סידור איז מיר פרעמד". אז דער רבי הייסט אבער, מוז מען געהן צום עמוד. זאגט ער די שמונה-עשרה און בראקט פעהלער נאך פעהלער. דער עולם לאכט. דער רבי קוקט אויף איהם מיט אן ערנסטקייט. דער שניידער קומט צו די ווערטער: „וברך שנתנו כשנים הטובות... ברוך אתה ה' מברך השנים" — זאגט זיך דער שניידער זיינע גרייזען: „וברך נשנו כנשים הטובות... ברוך אתה ה' מברך הנשים". דער עולם האט זיך נאך מעהר צולאכט, דעם רבי'ן איז דאס אבער געפעלען.

ביים טיש דערצעהלט דער רבי פון דעם ביטערען גזר-דין אין הימעל אויף די „נשים-יולדות" און אז דעם שניידער'ס גרייזען האבען געווירקט אז די גזירה זאל בטל ווערען און די געווינערינס זאלען בלייבען לעבען...

353. „חיה" מיין אידענע, „מיתתי" מיין מיסים.

א דארפישער עמיגראנט, וואס האט זיך נאך ניט אויסגעגרינט, האט אמאל שטארק געוויינט אום יום-כפור אין שוהל ביי די ווערטער: „עפר אני בחיי קל וחומר במתתי". אז מ'האט איהם געפרעגט, פאר וואס ער וויינט גראד דא אזוי שטארק, האט ער געענטפערט:

— פאר וואס זאל איך ניט וויינען. „עפר אני בחיי" — געלעגען בין איך אין דר'ערד ביי מיין ווייב אין יוראפ, ווען זי האט נאך געהייסען „חיה". אצינד, ווען זי איז שוין אן אמעריקאנער „מיסים", ליג איך אודאי ניין איילען טיף!...

354. קיין חילוק ניט פון א חומש-בחור צו א גמרא-איד?

א מלמד איז אריינגעקומען צו א ישוב'ניק אין הויז און געטראפען זיין זוהן, א בחור פון א יאהר דרייצעהן, שלאפעדיג מיט דער מוטער אין בעט.

— העי, א חומש-בחור! ווי שעמסטו זיך נישט צו שלאפען מיט דער מאמע אין איין בעט? — האט דער מלמד אויף איהם אנגעשריגען.

— הלמאי דער טאטע, וואס לערענט שוין גמרא, שעמט זיך אויך ניט צו שלאפען אין דער מאמע'ס בעט? — האט ער זיך פארענטפערט.

355. אַן אַלמנה איז אַ סכנה, אַ גרושה איז אַ בושה.

אַ מאַן האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַלמנה און זי געוואָלט גט'ן, ווייל ער האָט אין איהר געפונען אַ פעהלער. היינו: אַן אַנדערע איז איהם בעסער געפעלען געוואָרען.*) ביים רב האָט זי גע'טענה'ט, אַז זי וויל ניט; ער האָט זי גענומען אַן אַלמנה און ער מוז זי איבערלאָזען אין דעם זעלבען שטאַנד... אָבער ניט אַלס גרושה.

357. אין צווייען איז די ליבע שטאַרקער.

אַ מיידעל זאָגט צום חתן: זאָלסט וויסען זיין, אַז מיר, היינטיגע מיידלאַך, באַגניגען זיך ניט בלויז מיט מערעדזש-לייסענס, מיר ווילען אויך האָבען אויטאָ-לייסענס.

357. וואָס צוויי „יוד'ן" קענען אַנאַרבייטען.

אַ מאַן מיט אַ פרוי זיינען געקומען צום רב זיך גט'ן. דער רב האָט געפּרוּאווט מאַכען שלום און אויסגעפינען די אורזאַך פון דעם צושיידען זיך, איז איהם ניט געלונגען. ערשט שפּעטער דערלאַנגט דער מאַן דעם רב דעם נאָמען פון דער פרוי „חיה" מיט צוויי יוד'ן. זאָגט דער רב צו איהם:

— יונגערמאַן ,חיה לעגט זיך דאָך אוים מיט איין יוד?

— אהאַ! — ענטפערט דער מגרש — טאַקע דערפאַר וויל איך דאָך איהר גט'ן, ווייל מיין חיה לעגט זיך אוים מיט צוויי אידען...

---

*) ר' עקיבא זאָגט'ס, אַז: „מ'מעג גט'ן דאָס ווייב אַפילו ווען מ'געפינט נאָר אַ שעהנערע (גיטין צ). דער זעלבער גרויסער תורה-קוואַל און חכם ווי משה (ילקוט), דער נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערער און ראָמאַנטישער גייסט, וואָס די רייכסטע און שעהנסטע מיידעל פון ירושלים האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איהר פאָטער'ס פאַרמעגען און דעם אָרימען פאַסטוך-בחור גענומען. די פרוי פונ'ם רוימישען פעלדהער טורנוסטרופוס הרשע אָפּזאָגענדיג זיך פון איהר מאַן האָט אויך מיט איהם חתונה געהאַט אוים ליבע. דער זעלבער ר' עקיבא, וואָס זאָגט: ווען איינער אויפ'ן וועג קומט אַקעגען מיידלאַך איז עס אַ סימן פון מצליח זיין (פ' דר"א); „שיר השירים איז קודש קדשים" (ידום); „ווער איז רייך, דער וואָס האָט אַ פרוי מיט שעהנע מעשים" (שבת כה); „ווער ס'נעמט אַ פרוי וואָס פּאַסט זיך צו איהם ניט צו, איז עובר פינף עבירות"; „מאַן און ווייב, אויב האַרמאָניע הערשט צווישען זיי, איז די שכינה ביי זיי"; „וואו קיין האַרמאָניע איז ניטאָ, פאַרצערט זיי אַ פייער" (סוטה מז), — אָט דער גרויסער ראָמאַנטיקער מיינט אודאי אַזוי: אויב ס'גיט אַזאַ דיסהאַרמאָניע אין אַ זווג, מיינענדיג אַז ס'איז פאַראַן אויף דער וועלט אַ שעהנערע פון זיין ווייב, איז שוין ניטאָ קיין האַרמאָנישעם צוזאַמענלעבען, איז שוין בעסער זיי זאָלען זיך פאַנאַנדערגעהן. בעסער אַזוי איידער זיך קיינמאָל ניט קענען גט'ן, ווי זייער לעהרע לערענט.

358. פארלוירענער ריוח.

יונגערמאַן: איך וואָלט גערן געגעבען 10 דאָלאר צו קריגען בלויז איין קוש פון אַזאַ מיידעל ווי איהר זייט!

מיידעל: אוי, וועה! ווי שרעקליך דאָס איז!

יונגערמאַן: וואָס, האָב איך אייך חלילה באַליידיגט?

מיידעל: ניין, איך דענק נאָר נאָך, לויט דעם חשבון, וויפיל איך האָב נעכטען אוועקגעגעבען אומזיסט...

359. גוט געפרעגט, גוט געענטפערט.

א קריסט האָט אמאָל געפרעגט דעם רב פון זיין שטאָדט:

— פאר וואָס זאָגט איהר אַלע טאָג א ברכה: „שלא עשני גוי", א דאַנק דיר גאָט וואָס דו האָסט מיך ניט געמאַכט פאר א גוי. איהר העצט דאָך נאָר אויף די גוים אז זיי זאָלען אייך פיינט האָבען?

— נו, און אז מיר מאַכען א ברכה „שלא עשני אשה", א דאַנק דיר גאָט וואָס איך בין ניט קיין אידענע, איז וואָס, האָבען מיר דען פיינט די פרויען?

360. אָדם און חוה פון אמאָל און פון היינט.

אמאָליגע אָדם און חוה: רוהיג, שטיל, שלאָפענדיג, וועניגער א ריפּ, אָהן בויכוועהטאָג, ארויס א חוה, שוין איינמאָל א חוה, זיין חוה.

היינטיגע אָדם און חוה: יאָגעניש און פּלאָגעניש צו קענען מאַכען א לעבען, און מ'קען ניט זאָגען מיט זיכערהייט, אז זיין חוה איז טאַקע ז י י ן חוה, און ניט קיין אַנדער אָדם'ס...

אמאָליגע אָדם און חוה געווען גליקליכע לייט, ניט געהאַט קיין באָרדערס, זי ניט באַדאַרפט וואַשען די טעפּלאַך, און ער ניט וואַשען די טרעפּלאַך. אַצינד, אוי שרעקליך...

אמאָליגע אָדם און חוה געווען גליקליך, פייגעבלעטער האָבען געקאָסט ביליגער ווי „פּאָר". היינטיגע פייגענבלעטער זיינען פון פּערל גענייט, און אויב ער קען דאָס ניט נאָכקומען איז ער ביי איהר קיין אָדם ניט נאָר א „פּרא־אָדם" און זי ביי איהם א „פרה־אדומה" וואָס איז מטמא ריינע...

אמאָליגע חוה איז באַשאַפען געוואָרען פון אָדם'ס ריפּ; היינטיגע חוה'ס קריכען דיר צוריק אריין אין דער זיבעטער ריפּ...

361. צוויי ווייבערשע נוסחאות.

נ ו ס ח 1: די ערשטע ווייב איז פון גאָט, די צווייטע ווייב איז פון א מענש, די דריטע ווייב איז פונ'ם רוח.

נוסח 2: די ערשטע ווייב איז ווי אַ הונט (געטריי), די צווייטע ווייב איז ווי אַ קאַץ (פאַלש), די דריטע ווייב איז ווי אַ חזיר (ווײַל אַלץ פאַר זיך).

(אַ רמז אויף אַט די צוויי נוסחאות האָט שוין דער אור־מענש אָדם אָנגעוויזען: „זאת הפעם", די ערשטע ווייב, „עצם מעצמי", פלייש פון מיין פלייש, וועזען פון מיין וועזען; „ולזאת", די צווייטע, „יקרא אשה, כי מאיש לקחה" — די איז שוין סתם אַ אידענע, וואָס וויל לקח'ענען פונ'ם מאַן שעהנע דרעסעס. אי, וואו־זשע איז די דריטע? — די חזיר'שע ווייב האָט דער רוח צוגענומען)...

362. דער שישי איז זיינס, לויט'ן דין.

אַ רב האָט געהאַט צוויי שעהנע כלה־מיידלאַך, אָבער מיט אַ זעהר מיאוס'ן נאָמען. די מתנגדים זיינע האָבען געהאַט שטאַרק געגנוג איהם צו רודפ'ן. ס'איז געקומען דערצו, אַז מ'זאָל דעם רב ניט צולאָזען צום ספר שבת ביים אויפרופען איהם „שישי". איינער, אַ וואוילקענעוודיגער, האָט זיי באַוויזען פון דער תורה אַז ס'קומט איהם יאָ שישי. ס'שטעהט ביי די מלכי־מדין: „את אוי, ואת רקם ואת צור". פרעגט רש"י: צור איז דאָך געווען דער חשוב'סטער צווישען זיי, פאַר וואָס־זשע האָט מען איהם גערעכענט אַלס דריטען? — ווײַל ער האָט מפקיר געווען זיין טאָכטער (כזבי) צו זנות. „אַצינד פאַרשטעהט, — פאַרעדיגט דער חכם זייערער, — אַז צור האָט מפקיר געווען איין טאָכטער קומט איהם „שלישי", אונזער רב האָט מפקיר געווען צוויי טעכטער קומט איהם דאָך שישי...

363. אַ נחמה פאַר נאָכ'ן אויסגעהן די נשמה.

אויף די עלטערע יאָהרען האָט זיך דער מאַן אָפּגערופען צו דער פרוי: אויב איינער פון אונז וועט חלילה שטאַרבען פריהער, פאָהר איך תיכף אַוועק קיין ארץ ישראל...

* * *

מאַן: כ'האָב מיך אינשורט פאַר דיר אויף 5,000 דאָלאַר.

פרוי: גוט, איצט וועל איך שוין מעהר נישט דאַרפען איבערקלערען טאָמער טרעפט מיט דיר אַן עקסידענט.

364. עצות וועגען קינדער.

אַ מוטער לויפט אריין צום רבי, ר' ברוך, מיט אַ יללה, איהר טאָכטער געהט שווער צו־קינד, דער רבי זאָל העלפען. דער רבי איז גראָד די מינוט ניט געווען, האָט מאָטקע דער לץ זיך געמאַכט אַז ער איז דער רבי און געהייסען ארויפלעגען אויפ'ן בויך פון דער „מקשה־לילד אַ צעטעל מיט'ן וואָרט „יזכור", און דאָס וועט העלפען. צופעליג איז די קינפּעטאָרין באַלד געהאָלפען געוואָרען. לויפט די מוטער ווידער צום רבי'ן — ער איז שוין

געוועזן — און דאַנקט איהם פאַר דעם גרויסען מופת. נאָך איהר אוועק־געהן פרעגט דער רבי דעם לץ: וואָס איז דיר איינגעפאַלען א יזכר־צעטעל צוצולעגען?

— אז צוליב „יזכור” געהען ארוים גרעסערע בחורים, — האָט מאַטקע געענטפערט לאַכענדיג, — וועט אזא קליינינטשקער ניט ארויסגעהן?

* * *

א חסיד האָט זיך באַקלאָגט פאַר'ן רבי'ן אז די פרנסה קלעקט איהם ניט, ווייל יעדעס יאָהר געווינט איהם די פרוי א קינד. וואָס זאָל ער טאָן?

דער רבי: ט ו ג אָ ר נ י ט...

* * *

איינער וואָס האָט צופיל געזינדיגט מיט פרויען האָט געפרעגט א דאָק־טאָר, וואָס ער זאָל טאָן צו האָבען קינדער מיט זיין פרוי? דער דאָקטאָר, א דייטש, האָט איהם פאַרשריבען רש"י'ס מעדיצין צו אברהמ'ן: „כאן אי־אתה זוכה לבנים” (אויף דייטש אויסגעטייטשט: היער ניט, ועסטו קינ־דער האָבען...)

* * *

א פרוי, וואָס פלעגט תמיד מפיל זיין קינדער, איז געקומען צום וויר־ניוועקער רבי נאָך א סגולה. דער רבי הייסט דעם גבאי איהר געבען זיינע ווייסע קוויטיגע אונטערהויזען צום שמעקען. (אויפ'ן סמך פון דער גמרא: אין צייט פונ'ם בית־המקדש האָט קיין שום פרוי ניט מפיל געווען פונ'ם ריח פונ'ם הייליגען פלייש. „ולא הפילה אשה מריח בשר קודש”).

* * *

א גוט־באַקאַנטען גוטען אידען'ס א זוהן, און אליין אויך שוין א גוטער פדיונות־נעמער, האָט אמאָל מקיים געווען א מצוה פון דער תורה: „אף לאמתך תעשה „בן” (כן).

* * *

א ישוב'ניק איז אריין צום רבי'ן, ער זאָל איהם העלפען באַקומען חן ביים פריץ, ער זאָל איהם שענקען די ראַטע וואָס ער דאַרף איהם צאָהלען, און אז דאָס ווייב זאָל געבענשט ווערען מיט א בן־זכר. דער רבי האָט איהם געגעבען צוויי קמיעות: איינע זאָל ער טראָגען וועגען חן ביים פריץ, די צווייטע זאָל דאָס ווייב טראָגען וועגען א בן־זכר. דער ישוב'יק האָט פאַרביטען די יוצרות: די קמיע וועגען לייטזעליגקייט האָט די פרוי גע־טראָגען און דער פרוי'ס קמיע וועגען קינדלען האָט ער זיך אָנגעטאָן, און ס'האָט טאַקע געהאָלפען אויך: די פרוי האָט געפונען לייטזעליגקייט ביים פריץ, און ער האָט באַקומען א בן־זכר, דעם חוב האָט דער פריץ שוין אויך מוחל געווען...

אַן עקרה איז אמאָל געקומען צום רבי'ן, דעם פּוקד־עקרות, ער זאָל זי געדענקען ווענען אַ ישועה זי זאָל קינדלען. דער רבי הייסט דעם גבאי ער זאָל איהר געבען זיין אייגענע אָפּגעקלאַפּטע הושענה, זי זאָל עס איינ־ווייקען און טרינקען די וואַסער, וועט זי געהאָלפען ווערען.

— רבי, — רופט זיך אָפּ דער גבאי, — אויב „מילה", וואָס איז מדאורייתא (פון דער תורה אַ געבאָט) האָט איהר ניט געהאָלפען, וועט איהר „ערבה", וואָס איז נאָר מדרבנן, אודאי ניט העלפען.

* * *

אַ פרוי קומט אריין אין שכנות צו איהר פריינדין. די קליינע טאָכ־טערעל זאָגט איהר, זי זאָל געהן פּאַמעלאַך, ווייל די מוטער האָט ערשט געבוירען אַ בייבי.

— אָבער דיין טאַטע איז דאָך אין אמעריקא? — האָט זיך די שכנ'טע געוואונדערט.

— ער שיקט דאָך אָבער בריף, — האָט דאָס קינד נאַאיוו געענטפערט.

* * *

— דער חילוק צווישען מיר און אַ רבי'ן, — האָט אמאָל אַן איבער־טרעטער פון טהרת־המשפחה געזאָגט, — באַשטעהט אין דעם: דער רבי נעמט געלד ביי אַ פרוי, זאָגט איהר צו אַ בן־זכר און זי באַקומט עס ניט. איך צאָהל איהר צו, זאָג איהר אַז זי וועט ניט האָבען קיין קינד, און זי האָט יאָ...

* * *

קאָזשניצער חסידים האָבען אמאָל דערצעהלט דעם מגיד ווי אַן על־טערע פרוי איז געהאָלפען געוואָרען מיט אַ בן־זכר, אָהן שום הילף פון רבי'ן.

— נו, איז וואָס? — האָט דער רבי געזאָגט, — דער רבונו־של־עולם האָט געוואָלט ווייזען, אַז ער קען אויך באַווייזען אַ מופת, דאָס אייגענע וואָס אַ רבי...

365. פאַרקירצטע ארבייטס־צייט.

אַ מאַן, אהיימקומענדיג פון דער רייזע, האָט ער געטראָפען זיין פרוי אין שלאָפצימער מיט אַ פרעמדען מאַן און ער האָט דערשאָסען דער פרוי.

ריכטער: פאַר וואָס האָט איהר ניט געשאָסען דעם מאַן?

מאַן: ווען איך זאָל דאַרפען שיסען די מענער, מיט וועלכע מיין פרוי איז אין איהר לעבען געווען, וואָלט איך צופיל מענשען געדאַרפט אויסשיסען... אַזוי אָבער האָב איך בלויז געשאָסען איין מענשען.

366. קשיות מיט תירוצים.

— פאַר וואָס איז עס, אַז ווען אַ חכם קומט אין אַ הויז איז זיין ערשטע שאלה: האָט איהר עפּעס גוטע ספרים („מה העדות והחקים"), און ווען אַ רשע קומט אין אַ הויז פרעגט ער באלד: וואָס פאַר אַ דינסט (מיידעל) אָהט איהר („מה העבודה הזאת לכם")? אויב שוין ניט קיין גוטען מוסר־ספר קען ער דאָך פאַרלאַנגען כאָטש אַ שלעכטען וויץ־בוך?

— ווייל דער רשע איז געקומען נאָך פאַר מתן־תורת־וויצען, און זיך צוהערען צו וויציגע דרשות אין שוהל קומט ער ניט.

— פאַר וואָס האָסטו געשריבען „רעומה" מיט אַן „עין", אין דער תורה שטעהט דאָך „ראומה" מיט אַן „אלף"? — פרעגט איין משכיל דעם צווייטען.

— ווייל זי איז זעהר אַ שעהנע, האָב איך אויף איהר געוואָרפען אַן „עין" (אַן אויג).

— פאַר וואָס קושט מען די מזוזה נאָר איין מאָל, און אַ פרוי צוויי מאָל אויך?

— ווייל ביי אַ מזוזה שטעהט „שדי" און ביי אַ פרוי „שני שדים"...

— פאַר וואָס ווען ביי איינעם שטאַרבט אוועק די ערשטע ווייב וויינט אפילו דער מזבח (גמרא)?

— ווייל מ'זאָגט, אַז דאָס צווייטע ווייב נעמט אפילו פונ'ם מזבח... דערפאַר וויינט דער מזבח נעבאך.

— פאַר וואָס פיהרט מען די כלה אין שוהל דעם ערשטען שבת נאָך דער חתונה?

— ווייל זי האָט באַקומען אַ אידישען אָדער אין זיך. (ווי זאָגען די חכמים: משנכנס אָדר מרבים בשמחה").

— פאַר וואָס טראָגען מיידלאך פאַר־קאָלערס אין זומער־צייט?

— ווייל יצחק האָט גערופען יעקב'ן, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין פאַר: „קום אהער, מיין קינד, איך וויל דיך אָנטאַפּען", און מיידלאך ווילען מ'זאָל זיי טאַפּען.

— פאַר וואָס בענשט דער מאַן ניט קיין גומל ווען זיין צרה'דיגע ווייב שטאַרבט? ער ווערט דאָך ניצל פון אַ צרה?

— ווייל נאָך אַ צרה'דיג ווייב קען מען שוין סיי ווי סיי ניט מעהר לאַנג לעבען.

— פאַר וואָס ווינשט מען די חתן־כלה אין די שבע ברכות: „גאָטעניו, זאָלסט זיי דערפרעהען אַזוי ווי דו האָסט דיינע ערשטע באַשעפעני־שען (אָדם און חוה) דערפרעהט אין גן־עדן? ווער איז געקומען פון דאָרט דאָס דערצעהלען?

— ווייל אָדם האָט פאַר זיך קיין אַנדער פרוי ניט געזעהן, און חוה קיין אַנדער מאַן אויך ניט, איז אודאי געווען פרעהליך.

— פאַר וואָס איז היינטיגע צייטען דאָס בעסטע געשעפט צו זיין אַן אָנשטענדיג מיידעל?

— ווייל דאָס איז דערווייל דאָס איינציגע פאַך, וואָס האָט ניט קיין איבער־פּראָדוקציע...

— פאַר וואָס דאַרף אַ פאַרהייראַטער מאַן, לויט'ן אידישען דין, דאָס ערשטע יאָהר נאָך דער חתונה ניט געהן אין דער מלחמה?

— ווייל אין צוויי מלחמות מיט אַמאָל געהט מען ניט.

367. קשיות אָהן תירוצים.

די חכמים דרינגען ארוים: זאָלסט ניט פיל ריידען אפילו מיט דיין פרוי, מיט אַ פרעמדער אודאי ניט („באשתו אמרו קל־וחומר באשת חברו"). אָבער אויף דעם פסוק: דער מענש זאָל פאַרלאָזען עלטערען און זיך באַ־העפטען אָן זיין ווייב („ודבק באשתו"), פאַר וואָס דרשנ'ען זיי דאָרטען אויך ניט: אויב אָן זיין ווייב יאָ, איז אָן אַ פרעמדער אודאי? („ודבק באשתו קל וחומר באשת חברו").

פאַר וואָס איז אַ מצוה חתונה צו האָבען? ווייל ס'שטעהט „פרו ורבו", פרוכפּערט און פאַרמעהרט אייך? ביי דער חיה און עוף שטעהט אויך „פרו ורבו", האָבען זיי אויך די זעלבע מצוה, אָדער אונזער מצוה איז אויך אַ חיה'שע מצוה?

פאַר וואָס טאָרען מאַנזבילען ניט טראָגען חוץ־לערב און פרויען יאָ?

פאַר וואָס איז דאָ אין אַמעריקאַ אַזוי פיל אינסטיטושאַנס, ווי „לחם עניים", „מתן בסתר", „רופא חולים", נאָר „מלביש ערומים" ניט, וואָס איז אַזוי נויטיג ביים ים און אויך אויף דער יבשה?

פאַר וואָס פלעגט אמאָל ביי אידען זיין יום־כפור א פרעהליכער יום־טוב, ווען בחורים און מיידלאך פלעגען טאַנצען צוזאַמען אין די וויינגערט־נער און ליבעס־ערקלערונגען געמאַכט איינס צום אַנדערען, און היינט — ניט פאַר קיין שום אידען געדאַכט?

פאַר וואָס זאָגט די גמרא, אז צום 40טען לעבענס־יאָהר ווערט דער מענש קליגער („בן ארבעים לבינה"), אז יצחק האָט גאָר חתונה געהאַט צו 40 יאָהר? וואו איז געווען זיין חכמה?

368. אַ פרוי שטעלט אויף די פיס און וואַרפט פון די פיס.

משה געפלעווטער קומט אהיים מיט א טרויער־באַנד אין ארבעל.

— נאָך וועמען טרויערסטו? — פרעגט איהם זיין פרוי.

— אויפ'ן טויט פון דיין ערשטען מאַן, זיין טויט האָט מיך רואינירט.

369. ראה הלכה ונזכר המעשה.

ביי אַ סוחר האָט ניט געשטימט די קאַסע מיט 20 גולדען. ווען מ'האָט איהם אויפגערופען צום ספר אין שוהל צו די „עשרת הדברות" און דער בעל־קורא האָט געלייענט „לא תנאף", האָט דאָס איהם דערמאָנט וועמען ער האָט דאָס געלד געגעבען... ער האָט דאָס אָנפאַרטרויט זיין חבר, ווייל יענער האָט איהם אויך אמאָל אזא מין סוד דערצעהלט:

ביים ענדע פון זיין דרשה האָט דער ראבינער קוקענדיג אויף איהם געזאָגט: „באַזוכט ניט קיין פרעמדע ווייבלאך ווען זייערע מענער זיינען ניטאָ אין דער היים".

— איצט ווייס איך שוין וואו איך האָב איבערגעלאָזען מיין זילבערדנעם שטעקען, — האָט זיך איינער פון די חברים אָפגערופען.

370. אַ חתן אַ חכם.

אַ גרויס־שטעדטישער איד זאָגט צו אַ קליין־שטעדטעלדיגען פרומען בחור, אז ער גיט איהם זיין טאָכטער פאַר אַ פרוי, באופן, ער זאָל אונ־טערהאַקען די פאות, אויסטאָן די קאַפּאָטע און זיך זויבער אָרומוואַשען.

דער בחור: אויף די ערשטע צוויי תנאים בין איך מסכים. אויב פון שדוך וועט גאָרניט ווערען, וועלען די פאות צוריק אונטערוואַקסען און איך וועל אָנטאָן אַן אַנדער קאַפּאָטע, אָבער וואו וועל איך צוריקקריגען דעם ברוד וואָס איך וועל אָפּוואַשען?

371. אַ גלח'שער סידור קידושין.

צום גלח קומען צוויי פאַר־פאָלק'ן, יונגע און אַלטע, ער זאָל זיי חתונה

מאכען. ווינשט ער דעם יונגען פּאָר־פאָלק: „פּרו ורבו", פּרוכפּערט און מעהרט אייך, און דעם אַלטען פּאָר־פאָלק ווינשט ער: „ומלאו את הארץ", פּילט אוים די ערד...

372. מינדליכע ליבע.

— וואָס מיינט ליבע? — האָט א יונג מיידעל געפרעגט א באָי.

— ליבע איז דאָס... — האָט ער איהר געענטפערט ארומנעמענדיג זי.

— ערקלער מיר אָהן הענט, מיט'ן מויל, — זאָגט זי, ארויסדרעהענדיג זיך פון זיינע הענד.

— נאָך בעסער, — ענטפערט ער, און וואַרפט איהר אריין א קוש.

373. קושען אַנשטאָט געלד.

א פרוי טעלעגראפירט צו איהר מאן פון דער קאָנטרי:

„כ'האָב ניט צו באצאָהלען דעם האָטעל־קיפּער. שיק געלד".

דער מאן ענטפערט איהר: „כ'האָב ניט אצינד, וועל שיקען אין עטליכע טעג ארום. דערווייל שיק איך דיר 1000 קושען".

אין עטליכע טעג ארום קומט אָן א טעלעגראמע פון'ם ווייב: „שיק ניט מעהר קיין געלד. איך האָב געגעבען דעם האָטעל־קיפּער עטליכע פון דיינע קושען".

374. נאָך דער חתונה איז אַנדערש.

פּרוי: דו ברענגסט מיר שוין ניט קיין טשאָקאָלאד אזוי ווי אמאָל, פאַר דער חתונה?

מאן: האָסטו שוין אמאָל געזעהן, אז מען זאָל געבען ווערימלאך צו א פיש, נאָכדעם ווי מ'האָט איהם שוין אויף דער ווענטקע?

375. מעהר פאַרשטאַנד, מעהר צרה.

מוטער: ווילסטו ניט פאַרשטעהן, אז ס'איז ניט אנשטענדיג זיך ארומצושלעפּען גאַנצע נעכט מיט באָים?

טאָכטער: אויב איך זאָל דאָס פאַרשטעהן, וועל איך פאַרזיצען...

376. א פלעק איז ניט קיין חסרון.

— איך האָב געהערט זאָגען, אז די אלמנה וואָס איהר שדכנ'ט מיר האָט א פלעק אויף איהר פאַרגאַנגענהייט?

— און אז די זון האָט א פלעק וואַרימט זי דען ניט? — ענטפערט דער שדכן.

377. אַ גרויסער חילוק.

וואָס איז דער חילוק צווישען „יעל", חבר הקיני'ס ווייב, און אַ היינטיגער מילך־אידענע?

— ביי יעל'ן האָט סיסרא פאַרלאַנגט וואַסער, און זי האָט איהם געגעבען מילך; און פון דער אידענע פאַרלאַנגט מען מילך, און זי גיט גאָר וואַסער.

און נאָך אַ חילוק: ביי יעל'ן איז סיסרא געפאַלען איהר צווישען די פיס, און די מילך־פרוי ליגט אונטער די פיס פונ'ם אינספעקטאָר פון דער באָארד אָוו העלטה.

378. די פּראָבע.

אין ארץ־ישראל אַז מ'פלעגט געהן חתונה האָבען פלעגט מען גוט נאָכדענקען: „מצא" אָדער „מוצא". מצא — „מצא „אשה" מצא טוב", הייסט אַ גוטע ווייב; מוצא — „ומוצא אני מר ממות את „האשה" — אַ שלעכטע ווייב. אַז מ'זוכט און מ'געפינט אַ פרוי, איז זי די ריכטיגע. אַז מ'זוכט גאָרניט נאָר זי געפינט זיך אַליין, — אוי, זי קען ביטערער זיין פונ'ם טויט.

„אשה" באַטרעפט 306, וואָס איז נידעריגער פונ'ם מאַן („איש": 311). זי איז וואויל. אָבער „האשה" (311), גלייך מיט'ן מאַן — דאָס איז שוין אַ בעדאַ...

* * *

„אַז רב האָט זיך געזעגענט מיט ר' חייא'ן האָט ער איהם געוואונשען: גאָט, באַהיט דיך פון אַ זאַך וואָס איז ערגער פונ'ם טויט — אַ שלעכטע ווייב" (יבמות). דעם טעם פון אַ שלעכטע ווייב האָט רב נעבאַך דאָך געוואוסט *), אָבער פון וואַנען ווייסט אַ לעבעדיגער מענש דעם טעם פונ'ם טויט? („מאי טעמיה דרב"?).

---

*) דער תנא „רב" האָט אַזוי פיל געליטען פון זיין ווייב, אַז זי פלעגט אַלץ מאַכען פאַרקערט, וואָס ער האָט צום עסען באַשטעלט. אפשר דערפאַר זיין מימרא: „דער מענש וועט אָפּגעבען דין וחשבון דערפאַר וואָס ער האָט ניט געגעסען אַלץ וואָס דאָס אויג האָט געזעהן" (ירושלמי); „אויב דו האָסט, געניס, זאָל דיר וואויל באַקומען", זאָגט ער צום זוהן. „אַ פרוי פאַרקלאָגט איהר מאַן פאַר רב'ן, אַז איהר מאַן פיהרט זיך ניט אויף צו איהר סעקסועל ווי געוועהנליך. ענטפערט ער איהר: „די מעשה איז ווי אַ פיש, ווי ער וויל'ס עסען, געקאָכט אָדער געבראָטען". די אידען האָבען געזאָגט: מיר געדענקען נאָך די פיש אין מצרים, רב און שמואל: איינער זאָגט פיש ממש, און איינער מיינט עריות". דאָס לעצטע מיינט געוויס רב. ס'איז נאָר אַ חדוש: „רב פלעגט שלאָגען דעם וועמ ס'האָט מקדש געווען אַ מויד־על מיט ביאה אליין אָדער אין גאַס", און ער אַליין פלעגט קומענדיג אין אַ שטאָדט

דער תירוץ איז: דער טויט צושיידט איינס פונ׳ם אַנדערע. לעתיד־לבוא אָבער קומען די זווגים זיך ווידער צוזאַמען, ווער מיט זיין גוטע ווייב און ווער מיט זיין ארורה. און אָט דאָס איז נאָך ביטערער פונ׳ם טויט...

379. אידישע עצות צו פטרן אַ ווייב אַ צרה.

איינער פלעגט שטענדיג זיך לאָזען אויפרופען צום ספר, שנדר׳ן גרויסע סומען און ניט באַצאָהלען. אַז מ׳האָט איהם געפרעגט פאַר וואָס ער טוט דאָס, האָט ער געגעבען דעם טעם:

— אַזוי ווי איך האָב אַ ווייב וואָס דערגעהט מיר די יאָהרען און איך קען פון איהר ניט פטור ווערען, און אַזוי ווי עס שטעהט דאָך: צוליב די זינד פון שנדר׳ן און ניט באַצאָהלען שטאַרבט די ווייב, וויל איך אויף אַזאַ אופן פון איהר פטור ווערען...

* * *

אַ נגיד׳ישער יונגערמאַן האָט אַמאָל באַ׳גנב׳עט די צדקה־פושקע פון שוהל. מ׳האָט איהם געשלעפּט צום רב. ער האָט די גנבה צוריקגעגעבען, און פאַר בושה האָט איהם דער שווער אָפּגעג׳גט. נאָכ׳ן גט׳ן פרעגט איהם דער רב, ווי אַזוי אַ בכבוד׳ער מענש קען אָפּטאָן אַזאַ זאַך?

— רבי, — ענטפערט דער מגרש, — ס׳שטעהט: „וצדקה תציל ממות”. ווי אַזוי אַנדערש האָב איך געקענט פטור ווערען פון מיין צרה׳דיגע ווייב?...

380. ווער איז דער מיוחס?

אַ רב האָט זיך אַמאָל משדך געווען מיט אַ בעל־עגלה. צו דער חופה האָט זיך דער רב מישב געווען: איך וועל געהן אין שיך און זאָקען, און דער מחותן וועט טראָגען פּראָסטע שטיוועל? — האָט ער זיך אָנגעטאָן בעל־עגלה׳סקע שטיוועל, כדי ניט מביש זיין דעם מחותן. דער בעל־עגלה, ווידער,

---

פרעגען—אודאי דורך דעם האָטעל־קעלנער—וועלכע מיידעל וויל חתונה האָבען מיט מיר אויף די פּאָר טעג וואָס איך בין דאָ (רש"י יומא יח). דער „הבונה” אין עין יעקב דאָרט פאַרענטפערט: ניט יעדע זאַך וואָס אַ תלמוד־חכם טוט פּאַסט פאַר אַ פּ ר אָ ס ט ע ן מ ע נ ש ע ן.

אויב אַזוי, קענען אַ סך פּראָסטע מענשען פון דער אַלטער היים דאָ זיך מאַכען פאַר אַ תלמיד־חכם און אויך טאָן מעשה רב!...

רב כהנא, ליגענדיג אונטער רב׳ס שלאָפצימער־בעטעל, האָט צוגעזעהן זיין אָריענטאַלישע הייסקייט... און זיך געוואונדערט (ברכות סב). אפשר איבער דעם זאָגט רב: די וועלט איז געשאַפען נאָר צוליב דוד׳ן — אַ ליידענשאַפטס־גענאָסע. אין אמת׳ן איז רב געווען אַ ריזען־שטאַרקער און שעהנער מאַן. (גמרא)

האָט זיך געטראַכט: דער מחותן וועט טראָגן שיך און זאָקן, און איך שטיוועל? — האָט ער אויך אָנגעטאָן שיך און זאָקן.

געקומען צו דער חופה, האָבן זיך אַלע מחותנים ניט געקענט געבן אַנוואונדערען פון דעם בייט, און געפרעגט דעם רב די באַדייטונג.

— פאַרשטעהט איהר מיך, — האָט זיי דער רב ערקלערט, — דער מחותן איז אַרויס פון אַ בלאָטע, האָט ער אָנגעטאָן שיך און זאָקן. איך אָבער געה ערשט אַריין אין דער בלאָטע, האָב איך אָנגעטאָן שטיוועל. קומט אויס, אַז דער רב איז זיך משדך מיט אַ בעל־עגלה, ווערט ער דער בעל־עגלה און דער בעל־עגלה — דער יחסן.

* * *

דער „פיסטינער רב", ר' מרדכי אשכנזי, אַ גאון און אַ גרויסער יחסן, וואָס האָט אַלע זיינע גראָטענע קינדער משדך געווען צו פּראָסטע עהרליכע בעלי־בתים. האָט מען איהם געפרעגט, פאַרוואָס ער טוט ניט שידוכים זיינס גלייכען? האָט ער געענטפערט:

— דער בעל־הבית איז דאָך אַ גרעסערער יחסן פון מיר, ער קויפט יחוס, און איך פאַרקויף דעם יחוס. ווער ווייסט, איך אויף זיין אָרט, צו איך וואָלט מיך משדך געווען מיט אַ רב אַן אָרימאַן?

381. חיה אַ ברכה און ברכה אַ „חיה".

ר' מאָטעלע פּראָסקוראָווער איז געבליבען אַן אַלמן פון זיין פרוי, וועלכע האָט געהייסען „חיה", און ער האָט געהייראַט איהר שוועסטער מיט'ן נאָמען „ברכה". די ערשטע איז געווען אַ געטרייע פרוי, אַ מזג־טוב, די אַנדערע אַן ארורה, אַ פאַלשע צו איהם. האָט ער אַמאָל געזאָגט צו זיין צווייטער פרוי: זעה נאַר, ווי נעמען נאַרען אָפּ. דיין שוועסטער האָט געהייסען חיה, און באמת איז זי געווען אַ „ברכה". דו הייסט ברכה, אָבער אין אמת'ן ביזטו אַ „חיה".

* * *

פאַרוואָס האָט מען געגעבען רשות דעם שטן צוצונעמען ביי איוב'ן געזונד, פאַרמעגען, קינדער, פאַרוואָס ניט אויך די ווייב? — ווייל דער שטן האָט געוואוסט, די ווייב — אפילו די בעסטע — אויב דער מאַן פאַר־לירט דאָס געלט, ווערט זי ביטערער ווי דער טויט, זאָל ער זיך האַלטען מיט איהר.

* * *

אַ געבאַפּטער אין ווייבערשע זאַכען, מיט'ן נאָמען „אברהם יוסף", האָט געבעטען אַ הומאָריסט צו זאָגען עפּעס מיניה־וביה איבער זיין נאָמען.

— דיין נאָמען — שמייכעלט דער סאַטיריקער — באַטרעפט אַזוי פיל ווי „נואף אשה".

— סטייטש, ס'פעהלט דאָך 32 אפילו צוזאַמען מיט'ן שם־הכולל, — ווידערלעגט איהם דער נואף־ישראל.

— דאָס זאָגט טאַקע דער אַנדערער העלפט פסוק: „חסר ל״ב", עס פעהלט 32, — ערווידערט דער בדחן.

382. פּאַפּסטליכער פונ'ם פּאַפּסט אַליין.

דער רייצער מגיד האָט אַמאָל געטראָפען צוויי ראַבינער, ווי זיי פאַר־ברענגען מיט איין פרוי און שטיפען מיט איהר אָרום, זאָגט ער זיי:

— איהר זייט נאָך גרעסערע מחמירים ווי דער „רבנו גרשון". ער האָט פאַראָרדענט, אַ איד זאָל נעמען נאָר איין פרוי, און איהר פאַרלאַנגט גאָר איין פרוי פאַר צוויי.

383. אַ חכם וואָס זעהט פאַראויס.

ווען דער רבי־ר'־העשל איז אַן אַלמן געוואָרען, האָט איהם זעהר אַ רייכע אַלמנה גערעדט אַ שידוך מיט אַ רייכער אַלמנה. דער רבי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי מיינט זיך אַליין, האָט ער געענטפערט:

— דער שידוך קען אפשר זיין אַ גוטער, די שדכנ'טע אָבער געפעלט מיר ניט.

* * *

„איזהו חכם? — הרואה את הנולד" (תמיד). ווער איז דאָס אַזוי קלוג וואָס זעהט וואָס ווערט געבוירען? — די הייבאַמע.

384. מ'זוכט ניט דעם מוזיקער, נאָר די מוזיק.

פאַרוואָס אויף דער עלטער פון שלמה המלך, ווען ער האָט געזאָגט קהלת, שטעהט אויסגערעכענט: קהלת, בן דוד, מלך בירושלים, און שיר השירים הויבט זיך אָן קורץ: אשר לשלמה? — ווייל צו מוסר זיך צו־הערען, יאוש, פאַרצווייפלונג, וועגען אָפּגעקלאַפּטע תאוות, מוז מען זיין אַ גרויסער אַבטאָריטעט, אַ יחסן, מ'זאָל זיך צו איהם צוהערען. יוגענדליכע ליבעס־לידער (כשהוא נער — שלמה — אומר דברי זמר. — שיר השירים, מדרש), ראָמאַנטיק, לעבענס־הומאָר, הערט מען זיך איין מיט חשק פון וועמען ס'זאָל ניט קומען.

דאָס אידישע פאָלק

385. אַ תירוץ פון די „בלאָנדע ציוויליזירטע „היה".

דער ווילנער גאון פלעגט זאָגען: די שנאה פון די אומות העולם צו די אידען איז געגליכען צו אַט דעם משל:

א וואָלף האָט באַגעגענט א האָהן און וויל איהם איינשלינגען.

— פאַרוואָס קומט עס מיר? — פרעגט דער האָהן.

— ווייל דו וועקסט אויף דעם בעל־הבית גאַנץ פריה פונ׳ם שלאָף, — ענטפערט דער וואָלף.

— איך האָב דאָך אָבער דערמיט איהם אָפּגעראַטעוועט און זיין פאַר־מעגען ווען גנבים האָבען זיך אריינגעריסען אין הויז גאַנץ פריה, ווען זיי זיינען נאָך געשלאָפען, און איך האָב זיי געוועקט, — פאַרענטפערט זיך דער האָהן.

— אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס האָסטו צעוואָרפען די מיסט, וואָס די פרוי, א פאַרהאָרעוועטע, האָט צוזאַמענגעקערט אויף איין אָרט אין הויז?

— אויך דערמיט האָב איך זיי א טובה געטאָן. די בעל־הבית׳טע, אויסקערענדיג די שטוב, פאַרלוירען א דיימאַנד, און דורך מיין פאַרפּלען זיך אין מיסט, האָט זי איהם געפונען.

— נו, האָב איך דיך גלאַט פּשוט אַזוי פיינט, — זאָגט דער וואָלף מיט אַן אונפאַרשעהמט פּנים, און ער האָט איהם טאַקע איינגעשלונגען.

* * *

„פאַרוואָס רופט זיך דער בארג „סיני"? — ווייל פון דאָרט איז אַראָפּ שנאה צו דער וועלט" (פון גוים אויף אידען, גמרא). דערפון נעמט זיך אויך דאָס שימף־וואָרט אויף א איד „שיני".

386. א ישראל און א גוי.

דער הומאָריסט „סאַפּיר" איז געגאַנגען שפּאַצירען צוזאַמען מיט א קריסט אין א ווינער גאָרטען. דער קריסט האָט סאַפּיר׳ן אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אויף דער שילד ביים אריינגאַנג שטעהט געשריבען: „אידען און הינט איז דער אריינגאַנג פאַרבאָטען".

— טאָ לאָמיר זיך טאַקע אַצינד ביידע אומקעהרען, — איז געווען סאַפּיר׳ס שלאָגפערטיגע תשובה.

* * *

א איד האָט אמאָל געשריבען אין א בריוועל „גו" אָהן א „יוד". האָט איהם דער רב אויסגעבעסערט: ניט פאַראַנען א גוי אויף דער וועלט אָהן א יוד.

* * *

אַז אַן „עם" איז א גויה׳טע, איז א „גוי" א גוי׳אישער זכר, און אַז א אידישער גוי גרויסט זיך מיט זיין נאָכגעמאַכטער גוי׳אישקייט, דערמאָנט איהם: „רם על כל גוים ה׳", גאָט איז העכער איבער אלע גוים, זיי ניט אַזוי בגדול.

387. אַ פאָלק מיט אַ צונג (אומה ולשון), אָדער אָהן אַ צונג.

„בזוי אתה (אדום) מאוד, שאין להן לא כתב ולא לשון" (עבודה זרה). דו, אדום, ביזט אַ מבוזה'ניק, אָהן אַ שפּראַך און אָהן אַ שריפטום.

* * *

„והנערה טובת מראה מאד, בתולה, ואיש לא ידעה (תורה). די העברעאישע שפּראַך איז זעהר אַ שעהנע, אַ יונגעטשקע, און קיינער וויל זי ניט קענען.

* * *

געווען אַמאָל אַ גזירת המלכות, אַז אַ איד מיט אַ גלח זאָלען זיך מתוכח זיין, און ווער ס'וועט ניט וויסען צו ענטפערען אַ פראַגע, דער גיט דעם קאָפּ. אידען האָבען מורא געהאַט דעם וכוח אָפּצוהאַלטען. געטראָפען האָט זיך אַ ישוב'ניק, ער שטעלט איין זיין לעבען, און ער וויל זיין דער פרעגער. דער גלח האָט אויסגעלאַכט זיין געגנער. וואָס איז דער טייטש פון: „ואנכי לא ידעתי", — פרעגט דער ישוב'ניק דעם גלח. דער גלח ענטפערט: „איך ווייס ניט". אויב אַזוי, האָט מען דעם גלח געקעפּט. דערנאָך פרעגט מען דעם ישוב'ניק, ווי ער קומט צו דער פראַגע. — איך האָב געזעהן אין אַ טייטש־חומש: „ואנכי לא ידעתי", „איך ווייס ניט". נו, אַז דער טייטש־חומש ווייסט ניט, וועט דער גלח וויסען? — האָט דער ישוב'ניק ביי זיך אַזוי אָפּגעלערענט.

* * *

„דאַווענען מעג מען אין יעדער שפּראַך, נאָר דער אויבערשטער זאָגט: זעהט די שפּראַך פון דער תורה, ווי ליבליך זי איז". (מדרש)

* * *

דער גרויסער אַסטראָנאָמיקער „אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלדט", אַ גוטער קענער פון 30 שפּראַכען, ווען ער איז געקומען צו שירת האזינו צום פסוק „אשכיר חצי מדם", האָט ער אויסגערופען: — פאַר גרויס באַגייסטערונג — היער מוז מען שטאַרבען!

דער דייטשער פּאָעט הערדער, צוקומענדיג צו „ברכי נפשי", איז ער געפאַלען חלשות פאַר גרויס התפּעלות.

דער גרויסער דיכטער שילער האָט געזאָגט, אַז יחזקאל הנביא (דאָס קאַפּיטעל וועגען די טרוקענע ביינער) האָט איהם געמאַכט פאַר אַ פּאָעט.

דער גאָר גרויסער „געטע" זאָגט: מיט הילפע פון דעם „תנ"ך" אַליין קען מען זיך אויסלעבען אַלס אַן „אדם השלם", אַ פאָלקאָמענער מענש.

וואָס זאָגען אידען? — זיי זאָגען די הפטורה. גאַליציאַנער אָהן אַ נוסח, און ליטווישע מיט אַ נוסח. אַז אַסור אויב דאָס אויער הערט, פאַר־שטעהט וואָס די צונג זאָגט אַרויס.

387. אַ בשותפות'דיגע גוי'אישקייט.

אַן ארענדאר, וואָס האָט געהאַלטען אַ קרעטשמע פון אַ פריץ אַ צלם־ניק, פלעגט פיל אויסשטעהן פונ'ם פריץ, ער זאָל זיך נאָר שמד'ן, כאָטש אַ האַלבער גוי ווערען. דער איד האָט איהם געענטפערט:

— איך האָב מיט מיכאיל'ן געמאַכט שותפות אין קריסטליכען גלויבען: אַז יעזוס איז געבוירען געוואָרען גלויב איך(?) און אַז ער איז אָהן אַ פאָטער געבוירען גלויבט ער. אַז ער איז געשטאָרבען גלויב איך, און אַז ער איז אויפ'ן דריטען טאָג געפלויגען אין הימעל גלויבט ער. אַז ער האָט 300 תלמידים מיט 3 לאַבען ברויט געשפייזט גלויב איך, און אַז זיי זיינען זאַט געוואָרען גלויבט מיכאילע.

388. אַן עזעל (קריסטענטום) קערט איבער די לייכטער (אידענטום).

געוועזען אַ ריכטער (היסטאָריש נאָכגעוויזען איז דאָס געווען טאַקע דער „אותו האיש”), וואָס האָט זיך באַריהמט, אַז ער נעמט ניט קיין שוחד. רבן גמליאל האָט אונטערגעשיקט זיין שוועסטער צום ריכטער, זי זאָל מאָהנען ירושה פון איהרע עלטערען, וואָס לויט'ן אידישען דין איז אַ טאָכטער ניט קיין יורש'טע ווי ס'איז דאָ אַ זוהן. אָבער געבענדיג איהם כאַבאַר אַ גאָלדענע מנורה, האָט ער גע'פסק'ענט, אַזוי ווי אידען זיינען אויס בעלי־בתים פונ'ם לאַנד, דאַרף אַ טאָכטער שוין יאָ ירש'ענען. אויף מאָרגענס ברענגט איהם רבן גמליאל שוחד אַן עזעל, פסק'ענט ער שוין: אַזוי ווי דאָס איז אַ אידישער משפט, פסק'ע איך לויט תורת משה: אויפ'ן אָרט פון אַ זוהן דאַרף אַ טאָכטער ניט ערבען, „במקום ברא בת לא תירש”.

— סטייטש, זאָל דיין פּנים לייכטען ווי די מנורה! — שרייט די שוועסטער.

— דער עזעל האָט איבערגעקעהרט די מנורה, — מאַכט צו איהר רבן גמליאל.” (גמרא).

ס'איז אָבער אַ האָפנונג, אַז די מנורה וועט נאָך אויפגעשטעלט ווערען און פאַרשיינען די וועלט. און עזעל בלייבט עזעל.

389. כן יאבדו.

דער גרויסער ווינער פּראָפעסאָר נאָטנאַגל, הערענדיג ווי אַן אַנטיסעמיט אַ חולה מסוכן, וואָס האָט ניט געוואָלט רופען דעם איינציגען דאָקטאָר אין שטעדטעל אַ איד און איז טאַקע דערפון געשטאָרבען, האָט ער געזאָגט דאַרויף: אַנטיסעמיטיזם הייסט זעלבסטמאָרד.

390. אַ שטאָך פאַר אַ שטאָך.

אַ רומענישער מיניסטער האָט בכיון געוואָלט דערצערנען די אידען, האָט ער גערופען זיין הונט: איד! פאַר אַלע אידען. ווענדט זיך אַ

איד צום הונט: אַ רחמנות אויף דיר, אָרימער הונט. וואָלסטו ניט געווען קיין איד, וואָלסטו שוין געווען פאַרהייראַט צו איינעם פון די גרויסע רומענישע שרים.

* * *

דעם גאון ר׳ שמעון סופר — אָפּגעאָרדענטער אין עסטרייכישען פּאַר־לאַמענט — האָט אמאָל געפרעגט אַ צווייטער גוי׳אישער דעפּוטאַט, וואָס איז געזעסען ביים זעלבען טיש געגענאיבער איהם:

— וואָס אונטערשיידט זיך אַ רב פון אַ חזיר?

— דער טיש, — ענטפערט איהם ר׳ שמעון זאָפאָרט.

* * *

צו ר׳ יונתן אייבעשיץ האָט אמאָל אַ גראף געזאָגט, אַז איהם געפעלט ניט די היינטיגע אידען. אמאָל פלעגען אידען זיין באַשיידען און רייטען אויף עזלען, און היינט — אין טייערע קאַרעטעס.

— ענטשולדיגט, — זאָגט איהם ר׳ יונתן. — די אידען האָבען דאָך איצט קיין אנדער ברירה ניט, וואָרים אַלע עזלען זיינען געוואָרען גראַפען.

* * *

אין פּוילען איז אמאָל געוועהלט געוואָרען אַ פּרעזידענט פון׳ם לאַנד־טאַג אַ קריסט, צוליב די אידישע שטימען. האָט מען אויסגעפונען דערנאָך, אַז ער איז גאָר אַן אַנטיסעמיט. און דער האָט זיך אמאָל אויסגעדריקט ביי אַן אונטערהאַלט: מ׳זאָגט, דער איד פיהרט אָפּ זיין גאַנץ לעבען מיט טאַנצען, זינט זיי האָבען געטאַנצט פאַר׳ן גאָלדענעם קאַלב.

ענטפערט איהם אַ איד: — תמיד, ווען זיי מאַכען צום ראש אַ קאַלב, געהען זיי טאַנצען.

* * *

אויף אַ באַל זיצט אמאָל אַן אַנטיסעמיט געגענאיבער אַ אידיש מיידעל, שפּעט אין דער נאַכט, און זי טוט אַ גענעץ. זאָגט דער גוי בקול רם:

— זעהט נאָר ווי די אידענע טוט מיך כמעט אין גאַנצען איינשלינגען.

— האָסט אַ טעות, מיין העררע, — ענטפערקט איהם דאָס מיידעל, שלאָגפערטיג, — אונז אידען איז פאַרבאָטען איינצושלינגען חזיר פלייש.

391. זעהעניש, איינזעהעניש, און דאָך אַ פאַרזעהעניש.

דער אידיש־דייטשער דיכטער „היינע" דערצעהלט: ווען איך בין געווען אַ איד, האָט גאָט מיך געזעהן, אָבער איך גאָט — ניט. ווען איך בין געוואָרען אַ קאַטאָליק, האָב איך גאָט געזעהן, און גאָט מיך — ניט. און ווען איך בין געוואָרען אַ פּראָטעסטאַנט, האָט גאָט מיך ניט געזעהן, און איך האָב גאָט ניט געזעהן.

392. האָט רעכט.

דער רב ר׳ בעריש מייזעלס פון ווארשאַ איז אויסגעוועהלט געוואָרען אין שטאָדט־ראַט, האָט ער זיך געזעצט צווישען די לינקע. און אז מ׳האָט איהם געפרעגט, פארוואָס גראָדע צווישען לינקע? — האָט ער געענטפערט: ווייל די אידען האָבען קיינע רעכטע.

393. אַ לעבען פון מויל צו מויל.

דער רוסישער מיניסטער פּלעווע האָט אַמאָל גערופען די רבנים ר׳ יצחק אלחנן, ר׳ חיים בריסקער און ר׳ אליהו חיים לאָדזער, צו באַטראַכטען די שלעכטע אידישע לאַגע. דער צורר היהודים האָט אין זיין רעדע מקטרג געווען אויף אידען, אַז זיי נעהמען אוועק איינער פונ׳ם צווייטען זיין פרנסה. האָט ר׳ אליהו חיים געענטפערט:

— געוועהנליך זעהען מיר צווישען חיות, אַז זיי פארפאָלגען אַלע באַשעפענישען, נאָר ניט איינע די אַנדערע. פאַר וואָס איז עס? — ווייל זיי האָבען דעם גאַנצען וואַלד פריי פאַר זיך, דאַרפען זיי ניט קאָנקורירען איינער מיט׳ן אַנדערען. דאַגעגען, פיש, שלינגען זיך יאָ איין איינער דעם צווייטען, ווייל די יבשה איז פאַר זיי פארשלאָסען, און אַזוי ווי זיי קומען צו דער יבשה ווערען זיי טויט. אַזוי איז עס אויך מיט די אידען. דאָס לאַנד איז פאַר זיי פארשלאָסען, מוזען זיי קריכען איינער דעם אַנדערען אין זיין פרנסה.

* * *

אידען זיינען געגליכען צו אַ פיש, „כדגים הנאחזים במצודה“. כדי דער פיש זאָל זיך לאָזען כאַפּען, גיט מען איהם אויף דער ווענטקע אַ ווערימעל, אַ שטיקעל פלייש. אַזוי ווי מ׳האָט איהם שוין אין דער ווענטקע, איז אויס מיט זיין שטיקעל ברויט. דאָס איז די אידישע מיסיע אויף דער וועלט. אידיש בלוט איז געגליכען צו פיש־בלוט, ניטאָ קיין שטראָף פאַר דעם פארגיסען.

394. דער ריח ניחוח און רוח הקודש פונ׳ם רבינ׳ס ליולקע.

„די אומות העולם (היינט די שטילעטשקע, פון זיך אַליין וואַקסענדע אסימילאַציע) זאָגען צו אידען: פאַר וואָס זייט איהר זיך אַזוי מוסר נפש און בלוטעט אַזוי פאַר אייער גאָט. איהר זייט דאָך וואוילע, קלוגע מענשען, קומט אַסימילירט זיך מיט אונז, מיר מאַכען אייך פאַר מיניסטאָרען.

ענטפערט דאָס אידישע פאָלק: — איהר האָט קיין שום חלק (באַגריף) אין אונזער געטליכער אויפפאַסונג, מיר זאָלען קענען ווייטער היטען אונזער

צוגעבונדענקייט צו איהם ביי אייך, אזוי מוזען מיר בלייבען ביי אונזער פריינט (אייגענע אידעאַלען און וועלט־אנשויאונג) און אונזער פריינט ביי אונז" (מכילתא).

* * *

נאָך דער פּטירה פונ'ם פּיסקאָווער רבי'ן, האָט איינער פון די חסידים געוואָלט אָפּקויפען דעם רבי'נס ליולקע פאר וועלכער די יורשים האָבען פארלאַנגט 500 רובעל און ניט ווייניגער (וואָרים אַ קליינינקייט, דעם רבי'נס ליולקע־ציביק'ס־רויך איז דאָך בחינת „קטורת הסמים"), האָט דער קונה געפּרובט זי פאררויכערען. רויכערענדיג די פּיפּקע האָבען זיך פאר איהם אנטפּלעקט אַלע זיבען הימלען, און אַ רוח־הקודש גייסט האָט איהם ארומגענומען. ער האָט באַצאָהלט די 500 רובעל בשמחה רבה. אהיים קומענדיג, פאררויכערט ער די ליולקע נאָך אמאָל און דערפילט אַ ניט־גוטקייט פון איהר מיאוס'ן ריח, ווי פון אַן אויסגערויכערטער ליולקי. נבהל און נשתומם איבער דער איבערגעביטענקייט פון דעם ציביק'ס ריח, לויפט ער צום שטאָדטישען רב פרעגען, וואָס דאָס זאָל מיינען.

— ס'איז גאַנץ פּשוט, — ערקלערט איהם דער רב. — די ליולקע איידער דו האָסט זי געקויפט, איז זי געווען דעם רבי'נס ליולקע, אַ הייליגע, אַ ריח גן־עדן פון זיך ארויסגעגעבען. איצט, אַ פארקויפטע, ניט מעהר דעם רבינ'ס פייקע, אָפּגעטאָן זיך די קדושה און געוואָרען אַ פּליינע אַלטע אויסגערויכערטע ליולקע, גאָר ניט מעהר ווערט.

* * *

דאָס אידישע עם־חכם, אזוי לאַנג ווי ס'ווערט אָפּגעהיט די אידישע אייגענאַרט, אין רעליגיעזען זין אָדער נאַציאָנאַלען, דער אתה־בחרתנו־גייסט, גיט עס נאָך אַ ריח ניחוח, און די פעלקער האָבען אַ גלוסטעניש צו דעם אידישען זויער־טייג אין דער וועלט־ראָשטשינע. פארקויפען זיך אָבער די אידען צו דער אַסימילאַציע, איז אויס מיט אידישע מדות און מעלות, ס'ווערען פּליינע מפּני־חטאינו'קעס, וואָס גיבען קיין פיינעם ריח ניט מעהר און ווערען מיאוס און נמאס אפילו ביי די וואָס האָבען זיי געגלוסט.

395. אַ כופר זיין, אין זיין נאַטירליכען „זיין", ווי קען דאָס זיין?

מאָשקע פריך קומט אין שטאָדט אין מרחץ. שעמענדיג זיך מ'זאָל ניט זעהן דעם שחין אויפ'ן קאָפּ, האָט ער באַדעקט דעם קאָפּ מיט אַ קאַפּ. דאָס באַמערקענדיג, זאָגט איינער צום צווייטען: וואָס דענקסטו, אז ער באָדט זיך מיט אַ צוגעדעקטען קאָפּ, ער האָט דעם אויסזאַץ? — אַ טעות! זאָגט דער צווייטער. ער האָט צוויי פעהלער, דעם שחין, און אַ קליינער בעל מוח אויך. וואָרים אַ מענש דאַרף זיך ניט שעמען מיט אַ פעהלער וואָס ער איז ניט שולדיג אין דעם. — דו האָסט אויך אַ טעות, מישט זיך

ארײן א דריטער. װאָרים אפילו א קלײן קינד פארשטעהט דעם באדײט פון א צוגעדעקטען קאָפּ אין מרחץ. איבער דעם איז ער א טיפּוש אויך.

אזוי אז אײנער װיל צודעקען זײן אידישקײט, װערט ער, סײ בײ אידען און סײ בײ גוים, אויסגעלאכט.

* * *

„אזוי גוט װי די ניס קענען זיך ניט אװעק׳גנב׳ענען פון׳ם צאָהל, װײל זײער קול הערט זיך, אזוי אויך א איד, װאוהין ער זאָל ניט קומען, קען ער זײן אידישקײט ניט פארלײקענען, מ׳דערקענט איהם" (מדרש שי"ה). א יוד אפילו דער טװיזענדסטער טײל דערפון בלײבט אלץ דאָס פּינטעלע, — איד.

* * *

משה רבנו, װײל ער האָט פארשװיגען זײן נאציאָנאליטעט („איש מצרי הצילני") איז ניט ארײן קײן ארץ־ישראל. יוסף, דער שאָװיניסטישער נאציאָנאליסט („כי גנב גנבתי מארץ העברים"(?), איז יאָ געבראכט געװאָרען אין זײן לאנד.

396. פאָלקס־ליבשאפט.

ר׳ משה־ליב סאסיװער פלעגט זאָגען: ליב האָבען א איד האָב איך געלערענט פון צװײ גוים, זיצענדיג אין קרעטשמע נעבען זײ. פרעגט אײנער דעם צװײטען: האָסטו מיך ליב? יאָ, — ענטפערט דער. — װי אזוי נאָך קענסטו מיך ליב האָבען, — פרעגט דער ערשטער װײטער, — אז דו װײסט גאָר ניט װאָס מיר פעהלט?

האָב איך פון זײ אפּגעלערענט, א איד קען דעם חבר ניט ליב האָבען סײדען ער װײסט װאָס ס׳פעהלט איהם.

* * *

דער גאון ר׳ אליהו חיים מײזעל האָט זיך געבאָרגט געלד אויף פּראָצענט, כדי דאָס צוצוטײלען צװישען אָרימע לײט. אז מ׳האָט איהם געפרעגט: א מיין דאָס געבען פּראָצענט איז דאָך אויך אן עבירה? — האָט ער געענטפערט: 99 פּראָצענט אידען װעלען פאר דער עבירה געהן אין גיהינום, װײל איך ליבער אין גיהינום זיצען, אבי מיט אידען צוזאמען.

* * *

„ואהבת לארצך כמוך", זאָלסט ליב האָבען דײן לאנד װי דיך אלײן, איז דער גרעסטער כלל בײ א פאָלק, און דאָס באדײט זײן קיום. און די חלוצים האָבען דעם כלל באװיזען אין ארץ־ישראל מיט זײער גרוים מסירת־נפש און העלדישקײט געגען די שװידערליכע איבערפאלער, בעת דער אלטער ישוב מיט די נײע ישיבה־בחורים האָבען נעבאך געשריען: ואנחנו מע... ע... ע..

„אני שלך וחלומותי שלך", איך און אַלע מיינע גוטע חלומות זיינען דיר, ארץ־ישראל, — זאָגען די האָרעפּאַשנע בויער פון'ם לאַנד ארץ ישראל.

* * *

ארום שלמה'ם בעטעל האָבען 60 מענשען איהם געהיט. ס'וואָלט גענוג געווען איין וועכטער אויך? שטעהט אָבער: „מגבורי ישראל". דאָס איז אודאי געווען פון די גבורים, וואָס באַקעמפען דעם יצר־הרע — „איזהו גבור, הכובש את יצרו", — מוז טאַקע זיין 60.

* * *

רבנו שמואל מאָהליווער, זעהענדיג ווי די חלוצים אַרבייטען אין די פעלדער פון ארץ־ישראל, זאָגט ער זיי: „ה' ילחם לכם", גאָט וועט אייך געבען ברויט, „ואתם תחרישון", און איהר זאָלט אַקערען.

397. אַ זיסער טויט פאַר אַ ביטער לעבען.

אויף אַן אסיפה פון פילע דאָקטוירים אין שיקאַגאָ איז אויסגעפונען געוואָרען, אַז דער גרעסטער פּראָצענט צוקער־קראַנקע זיינען אידען.

גאָט איז גערעכט און זיינע מעשים זיינען גערעכט. דערפאַר וואָס ער דערלאָזט פאַרביטערען זייער לעבען (דורך פּאָגראָמען, רדיפות, גזירות־רעות, האַס, פאַראַכטונג), פאַרזיסט ער זיי וויי־ניגסטענס דעם טויט.

* * *

דאָס אידישע פאָלק איז — פּאָליטיש — אַן „אין" (אַ גאָר ניט), און לעבט דאָך אַלס אַ „יש", אַ בריאה, אַ באַשעפעניש, אַ בריה וואָס שאַפט אַ סך פאַר דער וועלט, און פאַר זיך אַליין דאַרף עס ערשט באַשאַפען ווערען, אָדער ערצויגען ווערען.

משיח

398. משיח אינספּיראַציע.

דער ווילנער גאון איז אַמאָל געפאָהרען קיין לידא מיט אַן אָרים וועגעלע. אונטערוועגס קריכט אַראָפּ דער בעל־עגלה אין אַ שענקעל. צוריק־קומענדיג בגילופין, אַ פאַר'שכור'טער, בעט ער דעם גאון, ער זאָל נעמען די לייצעס אין זיינע הענט און טרייבען די פערד. דער גאון פאָלגט איהם, און דער בעל־עגלה דרימעלט זיך אונטער איגוועניג אין וועגעלע. אויפ'ן וועג, אָנטרייבענדיג די פערד, דערזעהט אַ פאַרבייגעהענדער איד די מלאך־דיגע צורה פונ'ם מאָדנעם אָנטרייבער, איז ער אריין אַ פאַרצאַפּעלטער אין שוהל: אידען! משיח איז געקומען!

—אַי וואו ,ווי אַזוי? — פרעגען אַלע מיט אַ קורצען אָטעם.

— איך האָב געזעהן דאָס ליכטיגקייט פון דער שכינה אויפ'ן בעל־

עגלה'ס פנים, טאָ ווער זשע זאָל שוין אינוועניג זיצען, אויב ניט משיח אליין? — האָט דער בשורה־אָנזאָגער ערקלעהרט.

לויפען אלע אידען ארויס פון שוהל מקבל פנים זיין משיח'ן. דער־זעהען זיי גאָר, אַז דאָרט ליגט אַ בעל־עגלה אַ שכור און כראָפּעט.

* * *

אינ'ם יאָהר ת"ר האָט זיך אין ווארשא פאַרברייטערט אַ קול, אַז אין דעם נעמליכען יאָהר קומט משיח. רמזים און גימטריאות דארויף האָבען זיך באלד געפונען לרוב — אויף דעם פעלד זיינען אידען, ברוך־השם, שפּעציאַליסטען. איין רמז, וואָס מ'קען איהם טאַקע אָנטאַפּען ממש מיט דער האַנט, איז געווען אינ'ם פסוק: „ונתתי מ־ת"ר (מטר) ארצכם".

דער שטאָדט־רב, מורא האָבענדיג, אַזא באַגייסטערונג זאָל ניט פיהרען צו אַ שבתי־צבי־באַוועגונג, איז ארויף אויפ'ן בימה און געשוואָרען אַ שבועה דאורייתא, אַז אין יאָהר ת"ר וועט משיח ניט קומען.

די שבועה איז ניט געווען קיין פאַלשע, משיח איז טאַקע ניט געקומען. פאַר וואָס האָט דער מלבי"ם ניט געשוואוירען אַז משיח קומט זיכער אין דער צייט ווי ער גיט אָן אין ספר דניאל? מסתמא אוים מורא אַז דניאל און משיח האַלטען ניט פון זיינע רמזים.

399. גלויבען איז מענשליך.

צו אַ אויפגעקלערטען, וואָס האָט אָפּגעשפּעט פון משיח'ן, גיט איהם זיין חבר אַ משל דערצו:

אַ פוקס שטעלט זיך אַמאָל צו אַ בוים און רופט אַראָפּ צו זיך דעם פויגעל, וואָס זיצט זיך בשלום אויפ'ן שפּיץ בוים. סטייטש, — זאָגט איהם דער פויגעל, — דו וועסט דאָך מיך באַלד אויפפרעסען, ווען איך זאָל דיך נאָר פאָלגען? ניין, — ענטפערט דער פוקס, — האָב קיין מורא, ס'איז משיח'ס צייטען, ווען דער וואָלף מיט'ן שעפּס פּאַשען זיך צוזאַמען און לעבען ברידערליך. דאָס ארויסזאָגענדיג, באַמערקט דער פויגעל, ווי דער פוקס באַהאַלט זיך אָן אַ זייט, דערזעהענדיג פון ווייטענס אַ ווילדען הונט אָניאָגען. פרעגט איהם דער פויגעל: וואָס שרעקסטו דיך אַזוי, זאָגסט דאָך משיח איז געקומען, קיינער טוט שוין דעם אַנדערען קיין שלעכטעס? דער הונט גלויבט ניט אין משיח'ן, — ענטפערט דער פוקס דער פקח.

400. צו וואָס דאַרפען מיר האָבען צוויי משיח'ן?

ר' אייזעלע חריף איז אַמאָל געפאָהרען אין וועג מיט אַ בעל־עגלה, וואָס האָט איהם אַ גאַנצען וועג געפּלאָגט אויפ'ן בעל־עגלה'סקען שטייגער. פּלוצלינג פרעגט ער:

— רבי, פאַר וואָס דאַרפען מיר צוויי משיח'ן, א :משיח בן יוסף" און א „משיח בן דוד"?

— כדי איינער וועט אונז ארויסנעמען פונ'ם „גלות" און דער אנדערער פון די בעלי־עגלות", — שמייכעלט ר' אייזעלע.

* * *

היינטיגע צייטען, ווען כמעט א יעדער איז שוין אליין זיין אייגענער בעל־עגלה (אויטאָס), דאַרפען מיר אלץ צוויי משיח'ן, איינער אויסצולייזען פונ'ם גוי'אישען גלות, און איינער צו באַפרייען אונז פונ'ם אידישען גלות. א סברא, אז דער צווייטער גלות איז שאַרפער, געפעהרליכער.

401. משיח'שע סענטימענטס.

דער רבי ר'־מאיר'ל פלעגט זאָגען: רבונו של עולם! ווילסטו ברענגען משיח'ן מיט דרך־ארץ, איז גוט. ווי באַלד אָבער דורך יסורים, חבלי משיח, זיינען מיר איהם מוחל זיין קומען, באַדאַרפען מיר איהם ניט.

* * *

דער גאון ר' יוסף שאול נאַטאַנזאָן — באַקאַנט פאַר א מתנגד — האָט אמאָל געדאַווענט ביי חסידים, וואו זיי זאָגען „ויצמח פורקניה". האָט ער זיך אָנגערופען: רבונו של עולם, זאָל שוין קומען משיח און מיר זאָלען שוין פריי ווערען פונ'ם „ויצמח פורקניה".

* * *

דער שפּאָלער רבי האָט גע'טענה'ט: רבונו של עולם! דו האָסט דאָך פאַרטריבען דיינע קינדער צווישען די פעלקער, נאָר כדי זיי זאָלען תשובה טאָן. איך שווער דיר ביי באָרד און פאות, אז זיי וועלען קיין תשובה ניט טאָן ביז וואַנען דו וועסט ניט שיקען דיין משיח'ן.

* * *

משיח'ן גיבען די חכמים נאָך צו־נעמען פון זייערע רבי'ס: מ'נחם, ש'ילה, י'נון, ח'נינא (סנהדרין).

וועלכע נאָך, רבונו של עולם, נעמען וואָלט מען איהם ארויפגעוואָרפען, ווען ער וואָלט געהייסען „וחלקלקות" אָדער „הכצעקתה"?

402. ווער האַלט אויף משיח'ם קומען?

א פרייער און א פרומער דיסקוטירען וועגען משיח'ן. פרעגט דער פרייער: הלמאי משיח קומט ניט מעהר?

פרומער: — ווייל ס'שטעהט: משיח קומט ניט, נאָר צו א דור, וואָס איז אָדער לויטער פרומע אָדער לויטער ניט־פרומע. דורך דעם דור, וואָס איז פון לויטער זינדיגע זיינען דאָ אזוינע אידען, ווי איך, וואָס קענען ניט

לעבען ניט צו טאָן כאָטש איין מצוה, בין איך מעכב די גאולה. להיפוך איז דאָס דור וואָס איז כולו זכאי, כשר וישר, זיינען פאַראַנען מענשען, ווי דו, וואָס קענען זיך ניט צוריק האַלטען פון עפּעס אַן עבירה׳לע. פאָלג־ליך, זיינען מיר ביידע שולדיג.

* * *

א רייכער מיט אַן אָרימאַן באַגעגענען זיך אַמאָל.

— הלמאי איהר, נגידים, האַלטען אויף די גאולה, ווייל ס׳שטעהט: משיח קומט נאָר דעמאָלט, ווען ס׳וועט זיך אויסלאָזען די פּרוטה פון׳ם פּאַקעט, און ביי אייך האַלט זי זיך נאָך אפילו נאָך דער מעשה „וואָל־סטריט״, — טענה׳ט דער אָרימער.

— אין אַן אַנדער הינזיכט העלפען מיר גראַד זיין קומען, — פאַר־ענטפערט זיך דער עושר. — שטעהט דאָך, אין משיח׳ס צייטען וועט די חוצפה זיך גרויסען. און די מעלה צו משיח׳ס שנעל קומען, זאָגט מען דאָך אונז נאָך: „ועשיר יענה עזות״.

— ווער־זשע דען אָס מיינסטען האַלט צוריק דאָס באַווייזען זיך פון משיח׳ן?

— דער רב! ווייל סיי דאָס וואָס ער זאָגט ניט אין זיינע דרשות פון וואַנען ער האָט די גענומען, פאַרשפּאַרט ער דערמיט משיח׳ס גאַנג. סיי וואָס ער באַזיצט ניט קיין חוצפּה. און אַ ביסעל פּרוטות דרעהען זיך אויך ביי איהם, ברוך־השם. אַזוי שטערט ער מעהר פון יעדען דאָס קומען פון׳ם גואל.

403. „אין משיח ל (אגודת) ישראל״

מ׳האָט איהם שוין אויפגעפרעסען (סנהדרין).

„מ׳האָט געפרעגט משיח׳ן: וואו ווילסטו וואוינען? דאַרף מען דאָס ערשט פרעגען? — איז געווען זיין קאָנסעקווענטע תשובה. — אויף ציון און איהרע הייליגע בערג״ (מדרש שמואל).

אַזוי ווי אין חזקיה׳ס צייטען אין ארץ־ישראל, אַזוי די פראַנקפורטער אגודה, ווילען משיח׳ן איינבייסען אינגאַנצען, ווי די פאַרביסענסטע אַסימי־לאַנטען, און פּסק׳ענען אין גענענוואַרט פון גרויסע פרומע רבנים ביי דער „כנסת*) הגדולה״: „ביבעל נאַציאָנאַליזם״, דאָס מיינט, וואו נאָר דער איד האָט אַ ביבעל, דאָרט איז זיין היים״.

---

*) ניט צו פאַרגלייכען צו די אַמאָליגע „אנשי״ כנסת הגדולה״, מענשען, וואָס האָבען „מתקן״ געווען תקנות און ניט „מסכן״ געווען, אויפגעטאָן מעשים, אָבער ניט געאַרבייט מעשים.

און דאָס מיינט, אפילו דאָרט וואו אידען ווערען פאַגראָמירט, וואו עקאָנאָמיש באַיקאָטירט, וואו האַס און פאַראַכטונג ווערען פּראָקלאָמירט, — די יונגענד אָהן ספּעציפישע אידישע אידעאָלאָגיע ווערט אסימילירט? אויב נאָר די ביבעל אַלס אַ דאָגמע ווערט פון עטליכע אידען געטראָגען, אַפילו הינטער די הרי־חושך, הייסט דאָרט שוין די גייסטיגע, געאָגראַפישע און היסטאָרישע אידישע היים? אויב אַזוי, איז חושך מיט'ן אידענטום.

* * *

רבי נחמן בראַצלאַווער האָט געזאָגט (ילקוטי מהר"ן): ווער ס'וויל זיין אַ איד, איז ניט מעגליך נאָר דורך ארץ־ישראל. דאָס ארץ־ישראל אין פּשוט'ן זין, מיט אַלע איהרע הייזער.

* * *

אַ דייטשישער רב האָט זיך געזעגענט מיט אַ רייכען פרומען יאהודי און איהם געוואונשען, במהרה, מיט משיח'ן געהן קיין ארץ־ישראל.

— רבי, — זאָגט דער יאהודי, — איך האָב דאָ כל טוב, צו וואָס משיח און ציון?

— וואָס ווועסטו טאָן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט זיך שטאַרקער פאַרברייטען, און דו וועסט אויך ליידען? — פרעגט דער רב.

יאהודי: — מיר האָפען צו השם יתברך, אַז משיח וועט קומען און וועט אַוועקפיהרען די אַנטיסעמיטען קיין ארץ־ישראל. פאַלס ניט, זאָל ער ניט קומען, ניט צו מיר, ניט צו מיינע קינדער און ניט צו מיינע אייניקלאַך.

— אָמן, — האָט דער רבי איהם צוגעוואונשען.

404. „ווער ס'וואַרט אויף נסים, דעם ווייזט מען ניט" (גמרא).

ביי סעודת מלוה־מלכה זיצען חסידים אַרום רבי'נס טיש און קיינער גיט ניט אַ סענט אויף משקה. רופט זיך אָפּ דער רבי: אויב איהר גיט צוויי רובעל, צאָפּ איך פון דער וואַנט משקה מיט אַ דרוק. אויף דעם אופן איז באַלד געבוירען געוואָרען צוויי רובעל. זאָגט דער רבי צום גבאי: נאַ, ברענג דערפאַר אַ פלעשעל משקה. חסידים האָבען זיך געוואונדערט אויף דעם רבי'נס נאַרעריי. זאָגט ער זיי: אַז איך קען באַקומען בדרך הטבע, צו וואָס נסים באַווייזען?

* * *

געלט־מיטלען וועט די אויסלייזונג ברענגען. „ואינון יעכבון לון לבני ישראל לאתבא לדוכתייהו עד דישתלם בממון". (זוהר פ' וארא).

די זעלבסטשטענדיגקייט, פריי פון שעבוד מלכיות, הייסט „ימות המשיח". (גמרא).

405. ניט אַלע תפילות האָבען איין מזל.

אין בענשען בעטען מיר: דער דערבאַרעמדיגער זאָל אונז שפייזען בכבוד, „הרחמן הוא יפרנסנו בכבוד". קוים דאָס ארויסזאָגענדיג, לויפט שוין אַ איד צו ביזנעס, טוט כל התפעלות, לאָזט דעם רבונו של עולם שוין גאָר ניט צו, ער זאָל איהם שפייזען.

די צווייטע תפילה: דער אויבערשטער זאָל דעם פעלקער־יאָך פון אונז אראָפּוואַרפען און אונז פיהרען האָפערדיג אין א ו נ ז ע ר ל אַ נ ד, „הרחמן הוא ישבור עול הגוים מעל צוארנו ויוליכנו קוממיות לארצנו", — דאָס וואַרפט ער צו איינגאַנצען דעם רבונו של עולם.

406. צוריקצוועגס איז אויך געפאָהרען.

דער אבן עזרא שרייבט א פסוק, וואָס לייענט זיך אהין און צוריק: „? אבי אל חי שמך, למה מלך משיח לא יבא?". „דעו מאביכם כי לא בוש אבוש, שוב אשוב אליכם כי בא מועד". (פאָטער, לעבעדיגער מיינער, פאַר וואָס קומט ניט משיח? — איהר זאָלט וויסען זיין פון אייער פאָטער, איך וועל ניט פאַרזאַמען, אומקעהרען וועל איך מיך צו אייך, אַז די צייט וועט קומען).

* * *

דעם „גריל־פּאַרצער"שער זאַץ: פון בעסטיאַליטעט דורך נאַציאָ־נאַליטעט צו הומאַניטעט", האָט דר. גידעמאַן (ווינער רב, אַ שונא ציון) אויסגעטייטשט צוריקצוועגס געגען ציוניזם: פון הומאַניטעט דורך נאַציאָנאַליטעט צו בעסטיאַליטעט?).

געקומען דר. הערצל, און האָט דעם פּסוק פאַר'ן ציוניזם צוריקגעשטעלט על מכונו: „פון בעסטיאַליטעט דורך נאַציאָנאַליטעט צו הומאַניטעט". „ועצת ה' היא תקום", און אזוי וועט עס בלייבען אַן אייביגעס פּראָגרעסיוועס פאָרווערטס־שטרעבען.

407. חבלי משיח — אידישע קרבנות.

בשעת דער צעפּעלין איז געפלויגען איבער ירושלים איז געוועז א קלער, אַז דער הר־הבית וועט זיך אפשר שוין ווידער זעהן מיט קרבנות. נאָר נישטקשה, וואָס צעפּעלין האָט איהם ניט געוויזען האָט די ענגלישע פאַרוואַלטונג דעם הר הבית געלאָזט ווייזען — די טייערסטע, הייליגסטע אידישע קרבנות, און דעם גאַנצען אידיש־פּיהלענדען פאָלק ישראל — די שווידערליכסטע חבלי־משיח דורך דער אכזריות'דיגער האנד פון אויפגע־

הײַנטיגע אַראַבער, אָנהויבענדיג זיך דער פּראָוואָקאַציאָנס־אַקט אים תשעה־באָב תרפּ"ט. *)

* * *

„מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ" — זאָגט דער נביא; און מיר זאָגען: ניטאָ נאָך אַזאַ פאָלק וואָס זאָל אַזוי טיף ליגען אין דער ערד ווי דאָס אידישע...

* * *

„אתה בחרתנו מכל העמים" איז דער טייטש דערפון: ליבער גאָט, וואָס האָסטו געוואָלט פון אונז האָבען !...

ציוניזם

408. פון איין פאָטער און מוטער.

א ציוניסט האָט אמאָל געפרעגט דעם וויזשניצער רבי: פאַר וואָס האַלטען ניט די רביים פון'ם ציוניזם? מיר האָבען דאָך איין גאָט, איין פאָטער?

דער רבי האָט איהם געענטפערט: ריכטיג, מיר האָבען איין פאָטער, אָבער ניט איין מותר (מוטער). וואָס איהר רופט „מותר" איז פאַר אונז אָסור...

* * *

אַן אַנדער רבי, אַן אַנדער תירוץ: ציוניזם איז טאַקע כשר פלייש, אָבער דאָך געקאָכט אין אַ טרפה טעפּעל.

* * *

*) אַלע שרעקליכע טראַגעדיען און געוואַלדיגע פאָלקס־קאַטאַסטראָפען האָבען זיך אָנגעהויבען אין תשעה באָב: די ביידע בתי מקדשות זיינען חרוב געוואָרען אין דער טרויעריגער צייט. ביתר איז איינגענומען געוואָרען אין דעם אומגליקס־טאָג. די מרגלים־טראַגעדיע, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ „בכיה לדורות" ביז הײַנטיגען טאָג; דער שפּאַנישער גלות; און די לעצטע וועלט־מלחמה, וואָס דעם גרעסטען חורבן דערפון האָבען אידען געליטען און לײַדען נאָך דערפון; די הײַנטיגע אַפּריל־געשעהענישען אין ארץ־ישראל — אַלץ אין דעם פינסטערען מנחם אָב. דאָס איז שוין גאָרניט צום לאַכען.

מיר האָפען וואָס „רבי'ן" איז ניט געלונגען אָפּצושאַפען דעם תשעה באָב (מגילה) וועט דעם אידישען פאָלק יאָ געלינגען, און מיט דער הילף פון דער זאָגע: „גאָט וועט איבערקערען דעם תשעה־באָב פאַר אַ פרײַדיגען טאָג", און ס'וועט קיין זכר ניט בלייבען פון טרויער... וועלען מיר זיך נאָך אמאָל ווינצלען איבער די זכר־לחורבנ'ס...

„אז מ'זעהט אַ קאַכעדיגען טאָפּ אין חלום זאָל מען האָפען צו חכמה" (גמרא), ווייל דער טאָפּ פאַראייניגט פייער מיט וואַסער.

ווען וועלען שוין אידען איבערנעמען די ראָלע פון דעם חכמה'דיגען טאָפּ? אַן אַלגעמיינע פאָלקס־פאַראייניגונג געגען די וועלט־שונאים? מיט אַ פּאָליטישען חוש אָנשטאָט מיט הירן־געשפּענסט און האָר־שפּאַלטעריי זיך באַקעמפען?

* * *

„שקר הסוס לתשועה". ה'ס'ו'ס מאַכט: ה־ערצל, ס־עמיועל, ו־־וויצמאַן, ס־אָקאָלאָוו. על ס'ו'ס לא נרכב. דערפאַר רייטען די אַראַבער אויף אונז.

„לא תתרו אחרי „לבבכם" (הערצל), ואחרי „עיניכם" (הרב „קוק").

דאָס איז אגדה'סטישע פּירות, געוואַקסען אויף די שטיינער אין ארץ־ישראל.

„ניטל הלב (הערצל) טרפה" — מיט דעם דין האָבען פינסטערלינגע פאַראורטיילט — נאָך הערצל'ס טויט — דעם ציוניזם צום טויט.

409. אידען מאַכען אַ „תל" . . . פון ארץ ישראל.

די נייע אידישע ישובים רופען זיך מיינסטענס מיט דעם פאָרנאָמען „תל", ווי תל־אביב, תל־יוסף, תל־נאָרדוי, תל־חי, תל־פּיות, תל־מאָנד. פירט אַרום אַ אידישער וועגווייזער אויף אַן אויטאָ אַ פראַנצויזישען טוריסט, וויל ער אַז דער פראַנצויז זאָל פאַרצייכענען וואָס מעהר אידישע ערטער, הייסט ער איהם פאַרשרייבען: „תל־עגראַף", „תל־עסקאָפּ", „תל־עפאָן" א. א. וו. און דער פראַנצויז פאַרשרייבט און וואונדערט זיך: גאַנץ ארץ ישראל איז אַ תל...

אַ שאָד: ס'האָט נאָך געפעהלט צו פאַרשרייבען: „תל־ענגלאַנד" — אַ תל פון איהר „וסכסכתי־מצרים־בּמצרים־פּאָליטיק" און מיט איהר ליגען „(ליגע) פון נאַציאָנען"... נאָר קלאָרע, עהרליכע דבורים און עהרליכע איינפיהרונג פאַרביידע פעלקער אין פּאַלעסטינא גלייך...

410. יעקב'ס לייטער.

„ויחלום", און יעקב'ן האָט זיך גע'חלום'ט אַ חלום: „והנה סלם מוצב ארצה", די לייטער שטעהט אויף דר'ערד, אין דר'ערד, „וראשו מגיע השמימה", און דער קאָפּ גרייכט ביז צום הימעל, פליהט מיט פאַנטאַזיע־פליגעל, און מלאָכים געהען אַרויף און אַראָפּ...

„דאָס לערענט אונז (גראַד היינט אַם בולט'סטען): גאָט האָט גע־וויזען יעקב'ן (דעם אידישען פאָלק נאָך דער מלחמה), דעם גריכישען שר (פאָלקס־גניוס), ווי ער גערט ארויף און אראָפּ, פערזישען, אדומ'שען א. א. וו. (געווען א וועלט־מלחמה, פעלקער ארויף, פעלקער אראָפּ). זאָגט גאָט צו יעקב־ישראל: אפשר געהסטו אויך ארויף (אויף דער פאָליטישער אַרענא צו זיין אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך?). יעקב (דאָס אידישע פאָלק) האָט מורא (אויס פיינהייט, אויס זעלבסט־פאַרלייקענונג, אויס מאנגעל אין דעם כלל־ישראל־חוש), אויסריידענדיג: אזוי ווי די האָבען א ירידה וועל איך אויך האָבען אזא סוף. זאָגט זיי גאָט (די היסטאָריע, דער „רוחנית־האומה"): דו וואָלסט קיין ירידה ניט געהאַט. אצינד, אז דו ביזט ניט ארויף, שוועך איך דיר אז דיינע קינדער בלייבען אונטערגעוואָרפען צו די פעלקער" (צו ענגלאנד, צו די אראבער און איבעראל)... (ילקוט אמור).

* * *

א פרוי, א פרנסה־געבערין, האָט אמאָל אויסגעריכט איהר בטלנ'ישען מאַן מיט אַ קויש בייגעל צו פאַרקויפען אין שטעדטעל. אריינקומענדיג אין א קאַנטינע, וואו די זעלנער האָבען אביסעל אָפּגע'לצ'עוועט פון זיין באנעמען זיך, האָבען זיי איהם באלד אלע בייגעל צושאָטען און יעדער האָט געכאַפּט. אהיימקומענדיג שפּעט א פארמאַטערטער, א פאר'חלש'טער און א הונגעריגער, האָט ער געבעטען עסען. זיין פרוי, א צופרידענע, גיט איהם עסען.

— מסתמא האָסטו די גאַנצע סחורה פארקויפט?

— ניין, — ענטפערט ער, — מ'האָט ביי מיר אלע בייגעל צוכאַפּט.

— נו, שלימזל איינער, אז מ'כאַפּט, האָסטו אויך געזאָלט כאַפּען...

* * *

נאָך דער מלחמה האָבען א סך קלענערע פעלקער ווי דאָס 15־מיליאָ־ניקע פאָלק־ישראל געכאַפּט, נאָר דאָס עם־חכם ולא־נבון האָט א ביליגע פאַלשע מטבע געקראָגען. כאָטש דער כיטרער ענגלישער מלוכה־מאַן לאָיד דזשאָרדזש האָט דאמאָלס געצווינגען א סך־הכל: אז ס'ווייזט אויס, דאָס די גאַנצע מלחמה איז געווען נאָר צוליב אידען. און ער האָט צו אונז געזאָגט: „ציינט וואָס איהר קענט!". האָבען אידען אין פוילען געציינגט, אז זיי קענען מיט הלל גאָט לויבען פאר דער מתנה. און אמעריקאנער אידען מיט אַן אנדער סאָרט דעמאָנסטראַציע.

איין נאַרדוי — דער נביא־האמת — האָט דעמאָנסטרירט מיט א וועה־געשריי: „מיר זיינען שטאַרק באשווינדעלט געוואָרען".

411. מעהר גערעדט, מעהר גענאַרט.

נאָכ'ן ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס האָבען זיך פאַרזאַמעלט ציוניס־

טישע עסקנים ביים גאון ר' שמואל מאהליבער זיך צו עצה'ן וואס אויפ־צוטאן פאר ארץ־ישראל. דער גאון האט פארלאנגט פון זיי: זיצען מיט צוגעדעקטע קעפ און רעדען אידיש. דעם ערשטען פארלאנג האבען זיי דערפילט, אבער אידיש ריידען איז פאר זיי געווען שווער, ווייל זיי קענען ניט אויסדריקען זייערע געדאנקען אין אידיש. זאגט דער גאון:

— ניט צוליב מיינעטוועגען מיין איך דאס, נאר לטובה פון דעם ענין וואס מיר באהאנדלען דא וויל איך אידיש. ס'איז אונז באקאנט, אז משה רבינו איז געווען א שטאמלער. איז דאך א וואונדער: פאר וואס האט גאט געוועהלט דוקא א שוועררעדענדיגען? נאר ס'איז פאר איהם קלאר געווען, אז ווען ער וועט שיקען א גוטען רעדנער וועט ער האלטען לאנגע און הייסע דרשות איבער אידענטום און ערלייזונג און דערווייל וועט ער פארגעסען דעם עיקר, די גאולה. דערפאר האט ער געוועהלט א כבד־פה און איהם געזאגט: געה צו פרעה'ן און זאג בקיצור — ש י ק א ר ו י ס מ י י ן פ א ל ק! אזוי איז מיט אייך — פארענדיגט דער גאון. איהר זייט גוטע רעדנער און איהר וועט האלטען פייערדיגע דרשות איבער ציון און דאס אידישע פאלק, און דערווייל, האב איך מורא, וועט איהר אוועק פונ'ם עיקר־ענין וואס שטעהט אויפ'ן סדר־היום. דערפאר רעדט ליבער אין אידיש; דערפאר וואס עס איז אייך שווער, וועט איהר גיבער קומען צו דער זאך...

* * *

אזוי איז מיט אייך — זאגט די פרייע מיינונג היינט, נאך דער גרויסער טראגעדיע אין ארץ ישראל. איהר, ציוניסטישע שעהן־רעדנער, זייט די לעצטע צוועלף יאהר אוועק פונ'ם גוף הענין, ניט אויפגעקלערט דעם עולם איבער רעאלע טאטזאכען און מיטלען. ס'געדענקט זיך נאך ווייצמאנ'ס פאדערונג: באטש עטליכע יאהר זיך ניט פארנעמען מיט פאליטיק! א דאנק די בריטע מיילער איז אפשר דאס פייער ביי די אראבער גרעסער געווארען.

* * *

„ולאמים יהגה ריק": די נאציאנאלע דרשות זיינען געווען ליידיגע דרעשערייען. „תורתו של דואג (זעלענזארגער) אינו אלא מן השפה ולחוץ", טעמפעל־דרשות קענען זיין שעהנע פראזען. רעאל־פאליטיק דארף קומען מן החוץ, פון די וועלטליכע געשעהענישען, אל השפה, אין מויל אריין.

* * *

אין א ווינער קאפע־הויז, וואו ציוניסטען קומען זיך צוזאמען דיס־קוטירען וועגען ציוניזם ביי סעפעראטע טישען, און די גוי'אישע קעלנער זיינען אויך שוין בא'הבנ'ט אין די ענינים. האט אמאל א קריסט גע־פרעגט דעם קעלנער, וואס זיינען דאס פאר א סארט מענשען ציוניסטען?

— ציוניסטען, — ערקלערט איהם דער קעלנער, — דאָס איז אזא פּארטיי, וועמעס מיטגלידער ריידען פיל פון פּאלעסטינא, אז אנדערע זאָלען אהין געהן, אָבער ניט זיי אליין.

412. פּארקערטע שטעדט.

— וואָס הערט זיך ביי אייך אין ירושלים? — האָט געפרעגט א תל־אביב׳ער איד א ירושלמי אין צייט פון עקאָנאָמישען קריזיס.

— א ביסעל ארבייט מען, — ענטפערט דער ירושלים׳ער איד — און א סך בטל׳ט מען.

— און וואָס הערט זיך ביי אייך אין תל־אביב? — פרעגט דער ירושלמי.

— ביי אונז איז פּארקערט, — ענטפערט דער תל־אביב׳ער, — א סך בטל׳ט מען און א ביסעל ארבייט מען...

* * *

צו וואָס דארפען אמעריקאנער אידען געהן קיין ארץ־ישראל און שרייבען קיין אמעריקא שנאָרער־בריוולאך. ליבער זיצען זיי אין אמעריקא און שיקען נדבות קיין ארץ ישראל.

צו וואָס דארפען די רייכע א לאנד אין מזרח (פּאלעסטינא), אז יעדער פון זיי האָט א שטאָדט אין מזרח (אין זיין שוהל אין חוץ לאָרץ)?

413. ארץ ישראל׳דיגער פעסימיזם.

אין ארץ ישראל זעצט מען דעם פּסוק אזוי (פּארקערט ווי אין בבל): „נפלה״, זי איז געפאלען; „ולא תוסף״, אָבער נאָך אמאָל פאלט זי שוין ניט; „קום בתולת ישראל״, שטעה אויף, אידישע טאָכטער״ (ציון)! (ברכות).

* * *

דער מלבי״ם קומט אמאָל אריין אין בית־מדרש און קוקט צו ווי א 13־יעהריגער אינגעל מאכט א וועט מיט א 14־יעהריגען אינגעל, אז ער וועט איהם דריי מאָל אומווארפען צו דר׳ערד, און ער האָט איהם טאקע גובר געווען — איהם אומגעוואָרפען, אוועקגעלעגט און צוריק אויפגעשטעלט, און נאָך אמאָל דאָס זעלבע. צולעצט האָט ער איהם געלאָזען ליגען און איהם ניט מעהר אויפגעשטעלט. פרעגט איהם דער באזיגטער באַי: „פאר וואָס הויבסטו מיך ניט מעהר אויף, ווי פריהער?״. „פריהער, — ענטפערט דער זיגער, — האָב איך דיך געמוזט צוויי מאָל אויפשטעלען כדי איך זאָל קענען דיך ווידער אוועקלעגען, אָבער אצינד, נאָכ׳ן נצחון, לאָז איך דיר שוין אויף דיינע אייגענע כחות״.

צוקוקענדיג די דאָזיגע קינדער־סצענע, האָט דער מלבי״ם דעם געדאנק

אנגעווענדעט אויפ׳ן אידישען גלות און די דערלייזונג. ביי צוויי גלות׳ן האָט אונז דער אויבערשטער אליין אויפגעשטעלט, ווייל ער האָט אונז געוואָלט אראָפּוואַרפען. נאָך דעם איצטיגען גלות אָבער וועט שוין מעהר קיין גלות ניט זיין, „דערפאַר דאַרפען די אידען, וואָס ווילען בלייבען אידען, אצינד אליין זיך אויפשטעלען” אויף זייערע אייגענע פיס אין דעם לאַנד וואָס קען זיין זייערס.

* * *

„אויב איהר ווילט, איז די אראַבער־פראַגע און די בריטישע פאַלשע פאָליטיק א מערכען”.

* * *

א וואַזשנער ניו יאָרקער פובליציסט, זייענדיג ביי א באַנקעט אין תל־אביב מיט די ראַדיקאַלען, האָט געהערט ווי זיי האָבען פאַרשפּרייט זייערע אָפּטימיסטישע פליגעל איבער סיריען, עבר הירדן, איראַק — דאָס אַלעס געהט אריין אין דער אידישער היים. האָט ער געבעטען גאָט — נאָך א לאַנגער צייט פון ניט דאַוונען — „עננו ה׳ עננו!” באַגלייטענדיג איהם צום סטיישאַן זאָגט איהם א יונגער מאַן:

— איהר זעהט, הער דאָקטאָר, די אַלע פאַנטאַזיאָרען? זיי זיינען בעטראָגענע באַטריגער. ארץ ישראל איז געווען פאַר אונז אַן אומגליק, זי איז און וועט אויך זיין א סכנה.

— וואָס זשע זיצט איהר דאָ? — פרעגט איהם דער גאַסט.

— איך בין דאָך א ציוניסט! — נעטפערט איהם דער באַגלייטער.

* * *

וואָס איז דער חילוק צווישען א פעסימיסט און אַן אָפּטימיסט?

דער פעסימיסט זעהט דעם לאָך פונ׳ם בייגעל, און דער אָפּטימיסט — דעם בייגעל אליין.

414. מאַכט א ברכה.

וואָס פאַר א ברכה מאַכט מען באַגעגענענדיג א מאַן פון דער ענגלישער אימפּעריע? „שהכל ברא לכבודו”.

א בריטישען מיניסטער, א געוועזענעם אָדער א איצטיגען — „שהכל נהיה בדברו...”

די ענגלישע אַדמיניסטראַציע־לייט אין ארץ־ישראל? — „אדמה”.

דעם אראַבישען מופטי? — „ידכם שפכו את הדם הזה”.

הערבערט סעמיועל? — „בורא נפשות רבות וחסרונן”.

(ס׳איז א יש אומרים — און א גרויסער יש...), אַז דאָס איז קיין ברכה לבטלה אפילו אַקעגען די ציוניסטישע לייטונג אין חוץ לאָרץ און אין ארץ ישראל נאָך מעהר...).

אידישע קאָמוניסטלאַך? — „מורא מיני מ־זונות”: דעמאָראַליזאַציע, אויסגעלאַסענקייט, הפקרות...

415. „זאָגט ניט וואסער וואסער" (חגיגה, י"ד)

א רב האָט געפייערט זיין 50־יעהריגען יובילייֿ. האָט די קאָנגרע־גיישאָן באשלאָסען אז יעדער מעמבער זאָל ברענגען צוויי ליטער וויין, אריינגיסען עס אין א פאַס וואָס איז געשטאַנען ביים רב אין יארד. דענקט זיך א מעמבער: גענוג וויין אין פאָס, איך וועל אריינגיסען וואסער, ווער וועט שפּירען דאָס ביסעל וואסער אין אזא פאָס משקה? דאָס זעלבע האָט אָבער געטאָן יעדער מעמבער און אַלע האָבען געגאָסען וואסער אָנשטאָט וויין. ווען דער רב האָט ערב שבת געעפענט דאָס פאָס כדי צו נעמען וויין אויף קידוש און דערזעהן לויטער וואסער האָט ער פארשטאַנען וואָס דאָ איז געשעהן.

שבת, אין דער דרשה, באדאנקט ער זעהר שעהן די מעמבערס פאַר דעם צוגעטיילטען כבוד. בלויז איין מעמבער, — האָט ער געזאָגט, — האָט אָנשטאָט וויין אריינגעגאָסען וואסער. ער האָט ערקלערט, אז ער וויים ווער דאָס איז, און אויב ער וועט נעקסטען פרייטאָג אין א פריש פאַס ניט אריינגיסען קיין וויין וועט ער איהם מביש זיין ברבים.

יעדערער האָט גערעכענט, אז דאָס מיינט דער רב איהם, און נעקסטען פרייטאָג האָט שוין יעדערער געגאָסען אין פאָס אריין וויין.

* * *

מעהר פון נײנצעהן הונדערט יאָהר גיסט דאָס אידישע פאָלק וואַ־סער — א מבול פון תפילות, הארץ־אויסגוס, בענקעניש נאָך דער אייגענער היים. פון דאָס וואסער ווערט בלוט־פארגיסונג, און די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט שווייגט צו דעם בלוט פון די וואסער־טרעגער.

שוין צייט אוים דעם וואסער און אוים דעם בלוט וויין צו מאַכען און עס אָפּפערען אויפ'ן מזבח פון א אידישער אויפלעבונג אין זיין אַלט־נייער היים, און ווערען א פאָלק מיט פעלקער גלייך, אין א צייט ווען מיר זעהען ווי דער נאַציאָנאַליזם אויף דער גאַנצער וועלט שפּיצט זיך צו אויף שארף, און מיר בלייבען צוריקגעשטויסען.

ווי זאָגט דער משורר: „אין אָנו לא עם ולא עדה, אלא עדר עדר ה'"... מיר זיינען ניט קיין פאָלק, קיין געמיינדע, נאָר א טשערעדע שעפּסען, גאָט'ס שעפּסען. וואָלטען די שעפּסען כאָטש געוועזן אַלע צוזאַמען, איז דאָס אויך ניט: „שה פזורה ישראל", צוואוואָרפען אויף אַלע רוחות־העולם...

* * *

אויף דער שאלה פונ'ם כוזרישען קעניג: איהר זאָגט „רחם על ציון" וכדומה... און איהר מאַכט גאָרניט דאָס אָרט פאַר אייער צוקונפט? האָט איהם דער „חבר" ר' יהודה הלוי געענטפערט: האָסט מיך פארשעמט, קייזער! אמת, אַלע אונזערע תפילות, וואָס מיר זאָגען: „ובנה ירושלים",

„רחם על ציון" איז טאקע נאָר ווי דאָס פלאַפלען פון אַ פּאַפּוגאַי; מיר טראַכטען גאָרניט וואָס מיר זאָגען און וואָס מיר דאַרפען טאָן... (כוזרי פ' שלישי).

416. נו, און הדסים?

נאָך דער באַלפור-דעקלאַראַציע — אָן עראַייגנים, וואָס אַ פאָלק מיט פאָלקס-אייגנשאַפטען און מיט פאָלקס-שעפערישע כחות און ניט נאָר אַ רעליגיאָנס-געזעלשאַפט מיט שוהלעכלאַך-דיפּלאָמאַטי און סעמעטערי-פּאָליטיק, וואָלט גוט געוואוסט ווי אַזוי אויסצונוצען דעם פאַקט פאַר אַ היסטאָרישער צוקונפט — האָבען די ארץ ישראל אידען ארומגערינגעלט דעם אויטאָ פון דר. ווייצמאַן פאַר סוכות, ווען ס'איז געווען אַ מאַנגעל אין הדסים אין ירושלים, מיט דער בקשה:

— נו, און הדסים, הערר פּראָפעסאָר?...

אַ פאָלק, וואָס האָט אין אַזאַ מאָמענט קיין אַנדערע בקשות פון זיין פיהרער, ווי הדסים, — האָט אַזאַ פאָלק אַ צוקונפט פאַר זעלבסטשטענדיגקייט?

417. אַ קרן אָהן אַ קיום.

פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם האָט, נאָכ'ן ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס, גערעדט מיט'ן מיליאָנער בראָדסקי וועגען העלפען אויפבויען פּאַלעסטינאַ. זאָגט איהם בראָדסקי:

— צי דענקט איהר, הער פּראָפעסאָר, אַז איך זאָל פאַרקויפען אַלע מיינע געשעפטען און געהן קיין ארץ ישראל?

— זיכער נישט, — ענטפערט איהם מאַנדעלשטאַם. — צי ליגט איהר דען קראַנק אין אַלע האָספּיטעלער, וואָס איהר שטיצט מיט אייער געלד?

(אגב: וואו איז היינט בראָדסקי'ס פאַרמעגען? טאַקע ניט אין ארץ-ישראל-ערד, נאָר אין דר'ערד ביי די סאָוועטען).

418. די נאָז, די העמד, און אַ דבר-בשם-אומרו-זאָגער ברענגען די גאולה (?)

אידען-אידעאַליסטען לאָזען זיך אַוועק קיין ארץ-ישראל אויפצובויען דאָס לאַנד. אונטערוועגס פרעגט מען זיי:

— קינדער, האָט איהר גענוג געלד?

— דאָס לעצטע העמד וועלען מיר פאַרזעצען, — ענטפערט איינער פאַר אַלע.

— וואָס קען מען שוין נאָר אויפטאָן מיט אַזוינע ווערט-זאַכען?

אויף דער פראַגע זיינען זיי שולדיג געבליבען אַ תשובה.

* * *

באַגייסטערטע „עולים" (אויפגעהער) האָט מען באַוואונדערט, וואו זיי נעמען דעם כח צו באַארבייטען די ערד?

— מיט דער נאָז וועלען מיר אקערען, — איז געווען זייער תשובה.
— וואָס קען מען שוין גאָר אויפאַקערען מיט דער נאָז?!...

* * *

מ'האָט אמאָל געפרעגט רבנים, וואָס פאַר א חלק זיי טראָגען ביי צו דער גאולה?

— וואָס הייסט? — ענטפערען זיי, — מיר גיבען אָן אין די דרשות פון וואַנען מיר נעמען זיי ארויס, און דערמיט ברענגען מיר די גאולה („כל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם" (גמרא). און אַפילו דער וואָס פארשוויינגט דעם מקור פאַרריכט עס מיט'ן ענדיגען די דרשה: „ובאָ לציון גואל" און דערמיט העלפען זיי אויפבויען די אידישע היים(?).

* * *

דער גאון ר' מרדכי אלישבערג פלעגט זאָגען:
— דער אויבערשטער זאָל מיך מזכה זיין צו קענען געהן קיין ארץ ישראל און באַארבייטען די ערד ווי א פליינער ארבייטער.
— רבי, — פרעגען איהם די תלמידים, — זייט איהר דען בכח צו ארבייטען אין פעלד?
— וועל איך זיין א וועכטער ביי גרינצייג...

419. פון זאָגען ווערט מען נישט טראָגען.

א דאָקטאָר האָט פאַרשריבען א מעדיצין פאַר א קראַנק קינד. די מוטער האָט ביי יעדען מאָל איינגעמען די מעדיצין געזאָגט: „יהי רצון שתהי' לרפואה". ביינאַכט האָט דער באַי אליין געדאַרפט נעמען די מע־דיצין, האָט ער עס אויסגעגאָסען, דעם „יהי רצון" האָט ער אָבער יאָ גע־זאָגט. צו־מאָרגענס זעהט דער דאָקטאָר גאָר קיין בעסערונג ניט. צו־ענד האָט דאָס קינד מודה געווען, אַז ער האָט זיך בלויז באַגניגט מיט'ן „יהי רצון" זאָגען.

— מיט'ן זאָגען אליין קומט ניט קיין רפואה, מיין קינד, — זאָגט איהם דער דאָקטאָר ליבליך, — מ'מוז איינעמען די מעדיצין, ווי ביטער עס זאָל ניט זיין.

420. פון זיצען קען מען א ישוב ניט שטיצען.

געווען אמאָל אין רוסלאַנד א קריגס־מיניסטער, וואָס האָט ארויס־געלעגט א שטייער אויף יעדען 50 רובל צו מאַכען א נייע קריגס־פלאָטע. דער וואָס האָט דעם שטייער ניט באַצאָהלט האָט געדאַרפט געהן אויף 10 טאָג אין פריזאָן. אַזוי ווי אין רוסלאַנד זיינען 90 פּראָצענט אָרימע פויערים, זיינען כמעט אלע אָפּגעזעסען.

האָט דער מיניסטער דערויף געזאָגט: „מיט זיצען קען איך קיין פלאָטע ניט מאַכען".

די לעצטע געשעהענישען אין חברון און אין צפת האָבען באַוויזען,

אז בלויז מיט'ן זיצען אין ארץ־ישראל קען מען זיך ניט וועהרען. שאַ־פענדע כחות („הידים ידי עשו") איז דער „סוד הקיום" פון ארץ ישראל. די אידישע ארבייטערשאַפט איז דער פונדאַמענט פון דעם נייעם בנין. א „רעליגיאָן פון ארבייט" איז נויטיג נאָך פאַר דעם „גייסטיגען צענטער".

421. דער פייער־פונק מאַכט אָן אויסגעלאָשען פאָלק יונג.

פארבייפאָהרענדיג א וואַלד האָט מען באַמערקט ווי א מאַן קלאַפּט שווער א שטיין אָן א שטיין צו מאַכען פייער, און ס'איז קיין פייער ניט ארויס. אויס רחמנות האָבען די פאַרבייפאָהרער איהם געבראַכט א בלאָז־זאַק צו העלפען מאַכען דעם פייער. א צווייטען מאָל האָבען זיי דערזעהן, אַז אויך מיט'ן בלאָז־זאַק מוטשעט ער זיך און קען קיין פייער אַלץ ניט באַקומען. זאָגען זיי איהם: אויך דער בלאָז־זאַק מוז פריהער האָבען א פייער־פונק, דאָס פייער מאַכט זיך שוין פון דעם פונק".

דער ציוניזם איז א בלאָז־זאַק צו באַשאַפען א פּאַטריאָטיש פייער, אָבער דער אידיש־היסטאָריש־טראַדיציאָנעלער פונק מוז פריהער זיין אינ־וועניג.

* * *

דר. ווייצמאַן האָט אָן ערנסט ווערטעל געמאַכט:

קיין ארץ ישראל קומען אידען מיט דריי „תיו'ן": מיט א „ת־כנית" (פּלאַן), מיט א „ת־זכיר" (מעמאָראַנדום) און מיט א „ת־קציב" (בודזשעט).

422. פון ווען אָן (מאימתי)?

מ'האָט אמאָל געפרעגט אַן איבערגעבענעם ציוניסט (מיט געלט און נשמה, — ס'גיבען אזעלכע אידען אויך) זייט ווען ער איז א ציוניסט?

— זייט דעם מ'האָט מיר געזונגען אויף מיין ברית: „וכרות עמו הברית לתת לו את ארץ הכנעני".

* * *

די חברה ברית־שלום'ניקעס (אידען!!) אויפ'ן הר הצופים, ווילען דווקא אין דעם געפעהרליכסטען היסטאָרישען מאָמענט אָפּשניידען דעם ברית פון אידען מיט ארץ ישראל (אויס מיט'ן פּאָליטישען ציוניזם און נאָר א בטל'נישען מרכז הרוחני אליין) וואָס וואָלט אמאָל געגעבען אַן אייגען שטיקעל לאַנד מיט פּאָליטישע רעכט. פון ווען אָן זיינען נייע אידישע פּאָליטישענס ארויס?

ווי זאָגט דאָרט דער תהלים: העלף מיר גאָט פון מיינע פריינט, פאַר מיינע פיינט וועל איך מיך אַליין היטען: „ה' לי בעוזרי, ואני אראה בשונאי".

* * *

דער בית־המקדש איז געבויט געוואָרען מייסטענס דורך די גוים פון צור (וואָרים אָט לויפט א איד צו האָרעפּאַשנע ארבייט), און וואָס טוט ניט א גוי בשעת ארבייטען א בילדינג, אפילו אין קדשי קדשים, וואָס דער

כהן גדול האָט ניט תמיד געמענגט באטרעטען? ווען הויבט זיך אָן די קדושה? נאָכ'ן פארטיג מאַכען. „ועשו לי מקדש", מאכט א אידישע היים, ווער ס'איז די בויער, „ושכנתי בתוכם", וועט די הייליגקייט אין זיי דער־נאָך קומען... אין יסוד פון א בילדינג לעגט מען אריין וואסארא גרונד־שטיינער ס'זיינען.

* * *

מ'האָט אמאָל געפרעגט א רבי'ן: פארוואָס דעם אמת'ן צדיק געהט'ס אזוי שלעכט?

— ווייל דער אמת'ער צדיק איז דער יסוד עולם, און דער יסוד ליגט תמיד אין דער ערד... און כאָטש אזוי, וויל ער בלייבען א צדיק, און דער חלוץ א פאָינער.

423. כשר־שטיינער צו כשר'ן דעם ציוניזם.

„צו באזעצען זיך אין ארץ־ישראל איז גרעסער ווי אלע מצות צוזאמען פון דער תורה". (ספרי).

„דער אויבערשטער זאָגט: הלואי זאָל זיין די יוגענד אין ארץ־ישראל, כאָטש זיי זיינען זי מטמא". (ילקוט איכה, א')

„געבענשט זיינען די וואָס וואוינען אין ארץ־ישראל, ווייל זיי האָבען שוין גאָר קיין עבירות, ניט ביים לעבען און ניט נאָכ'ן טויט".

(מדרש תהלים)

„ווער ס'וואוינט אין ארץ־ישראל איז גליך ווי ווען ער האָט א גאָט (כאָטש ער האָט קיינעם), און ווער ס'וואוינט אין חוץ לארץ איז גליך ווי ער זאָל גאָר קיין גאָט ניט האָבען (כאָטש ער גלויבט יאָ). (כתובות)

„ס'איז מיר — גאָט — געליבטער א קליינע גרופּע אין ארץ־ישראל, אלס די „סנהדרין גדולה" אין חוץ לאָרץ". (ירושלמי, נדרים).

„אויך אין דער צוקונפט וועט גאָט פאראורזאכען די גאולה דורך דער הילף פון די פעלקער, און דורך זיי וועלען די אידען צוריקקעהרען זיך אין זייער לאנד."

(רמב"ן שיר השירים, רד"ק תהלים, אברבנאל ישיעות משיחו).

„די דערלעזונג וועט זיין קודם ווען אידען וועלען זיך באזעצען אין ארץ ישראל, און דערנאָך וועט משיח קומען. (ירושלמי מעשר שני)

* * *

„די גאולה וועט זיין ווי דער אלגעמיינער וועלט־גאנג — בדרך הטבע." (אור החיים, בלק)

די אידישע מלוכה וועט זיין ווי אלע מלוכות.

(פסיקתא, זוטרתא, בלק)

דער אויבערשטער זאָגט: הלואי זאָלען זיי בלייבען מיינע קינדער, כאָטש זיי זיינען מיך מצער. (מדרש איכה)

„אויב זי קעהרט זיך אום צו איהר פאָלק, הייסט שוין ווי אומגע־קעהרט צו איהר גאָט.” (ילקוט, רות)

„איש יהודי”, ווער ס׳לייקענט אין עבודה זרה, איז שוין א איד. (מדרש אסתר)

„אישיהודי”, אזוי ווי די גאולה איז געווען דורך א איד, אזוי וועט די ווייטערדיגע גאולה אויך זיין דורך א איד...

---

424. א חיה וואָס בייט איהרע סימנים טאָג און נאַכט.

„ס׳איז דאָ א חיה אין הימעל, אז ס׳איז טאָג, איז אויף איהר שטערן דער צייכען פון „אמת”; איז׳ס נאַכט, איז דער צייכען „אמונה” אויף איהר שטערן. א יש אומרים: די חיה מיינט מען ישראל (מדרש כונן). דאָס וויל מיינען: גלויביגקייט און ווירקליכקייט, רעליגיאָן און רעאַל־פּאָליטיש און סאָציאַל געדעכט האַנדלען, מיט א פּראַקטישען פאָלקס־חוש דאַרף זיין אין שטענדיגער באַוועגונג ביים אידישען פאָלק.

425. „נשא את ראש בני ישראל”.

דער גרעסטער געלעהרטער פון אַלע יאהר־טויזענטע אויף אונזער וועלט־פּלאַנעטעל, פּראָפעסאָר „אַלבערט איינשטיין”, האָט געענטפערט צו אידישע רעפּאָרטערס: „איידער מיט מיינע טעאָריען זיך אָפּגעבען, זאָלען די אידען ליבערשט באַשעפטיגען זיך מיט׳ן אויפבויען די אידיש נאַציאָ־נאַלע היים. ישראל איז געגליכען צו א חיה. 2,000 יאָהר אז מען האָט איהם דעם קאָפּ אָפּגעהאַקט, דורכ׳ן חורבן ירושלים און בית־המקדש. דורך א נס פונ׳ם הימעל לעבט נאָך דער קערפּער, און א דאָפּעלטער נס איז, אז דער גוף לעבט נאָך אזוי לאַנג, און פיהלט אז דער גרויסער גוף דאַרף האָבען א קאָפּ אויך, און האָט טאַקע אָנגעהויבען צו בויען די לאַנד זיינע, אָבער נאָך זעהר קליין איז דער קאָפּ בערך צום גרויסען גוף. זעהט אז דער קאָפּ זאָל אזוי גרויס ווערן לויט דעם קערפּער.

426. ארץ־ישראל פּראָגראַם פאַר דער „אגודה”:

קונסט־שטיקערייי: פאַר מיידלאַך — פלעכטען ציצית.
קונסט־שטיקערייי: פאַר פרויען — שייטלען מאַכען און צאָפּ־פלעכטען.
ארכיטעקטור: פאַר בחורים און זקנים — בויען סוכות.
זאָאָלאָגיע: פאַר יונג און אַלט פון ביידע מינים — שלאָגען כפּרות.

ווענעטערינאַריע: פאַר אַלע אידען (חוץ טויבע, שוטים און קליינע)— שחיטה.

אַסטראָנאָמיע: פאַר אַלע זכרים — מחדש זיין די לבנה.

ספּאָרט: פאַר דערוואַקסענע אידען — ווי צו שווימען אין א מקוה, און שאָקלען מיט דעם לולב.

סאַניטאַריע: פאַר'ן גאַנצען כלל — אגודת ישראל — ווען ס'וועט זיך זיי איינגעבען צו זיצען אין שאָטען פון דער צועה פונ'ם משיח'ס־אייזל (רב יוסף'ס וואונש), — אָפּצוהיטען היגיעניע.

427. די חלוקי דעות.

וואָס איז דער חילוק פון א פריינעזאָנענעם ציוניסט צו א פּרומנענזאָ־נענעם שונאי־ציון?

דער ערשטער זאָגט: ווען גאָט וואָלט אונז נאָר אריינגעפיהרט קיין ארץ־ישראל און די תורה ניט געגעבען, וואָלט געווען „דיינו".

דער צווייטער זאָגט פאַרקערט: ווען גאָט וואָלט אונז געגעבען די תורה אָהן ארץ ישראל וואָלט געווען „דיינו".

* * *

וואָס איז דער חילוק צווישען די „אגודת־ישראל'ניקעס" צו די באָל־שעוויקעס?

די ערשטע אסר'ן און מסר'ן די ציוניסטען, און די צווייטע מאטערען און אסיר'ן (בינדען) די ציוניסטען.

428. דער נביא (ישעיהו) האָט זיי אַלע אויפ'ן צעטעל.

„זה יאמר לה' אני" — די אגודה'יסטען, זיי טענה'ן נאָר צו גאָט און גאָט'ס פּאָליטיק.

„וזה יקרא בשם יעקב" — די ציוניסטען, זיי ווייסען נאָר פון א פאָלק יעקב.

„וזה כותב ידו לה' ובשם ישראל יכנה" — די מזרחיסטישע פּראָ־גראַם: סיי רעליגיאָן, סיי נאַציאָנאַליזם. צווישען די אַלע פּאַרטייען, און נאָך און נאָך פראַקציעס, מיט אַלע זייערע קליינליכע חשבונות און ענג־הארציגע פּאַרטייאישקייט, שרייט: „ציון": דורש אין לה", ניטאָ נאָך עד היום קיין פּאָלקאָמענע פיהרערס און געפיהרטע. די פּאָליטישע לאַגע אין ארץ־ישראל, גוט דורכטראַכטען, ערפאַרשען און ציל־באַוואוסט אָנגעהן מיט דער אויפבוי־ארבייט, און קענען משפיע זיין אויפ'ן גרויסען חלק ישראל.

* * *

„הוי כל צמא לכו למים": יעדער דאָרשטיגער, וואָס לעכצט נאָך א געוויסען אידעאַל געהט צום וואסער־טעאַריע, דערפרישט, באַלעבט, די פּאַרטריקענטע פאָלקס־ביינער. „צ'מ'א" מאַכט: צ־יוניסטען, מ־זרחיסטען, א־גודה'יסטען.

429. אַ ציוניסטישער אויסטייטש.

„ידין בגוים", כל זמן אידען לעבען צווישען די גוים „מלא גויות", אפילו זיי האָבען אַ פולע בעכער כל טוב. „מחץ ראש", זיינען זיי אלץ ניט געזיכערט פון קעפּ האקען. „על ארץ רבה", דאָרט, אין ארץ־ישראל, אויף אַ גרעסערער טעריטאָריע און מיט אַ שטאַרקער באזידלונג „מנחל בדרך ישתה" אפילו גאָר קאַרגליך אַ לעבען מאַכען, „על כן ירים ראש", געהט דער איד דאָך מיט נאַציאָנאַלער באוואוסטזיניגקייט און געהויבענעם קאָפּ.

439. אַ לעבען צו אַ לעבען איז ניט גלייך.

ר' נחמן פון בראַצלאַוו פלעגט זאָגען: דאָס גאַנצע חיות וואָס ס'איז דאָ אין מיר נעמט זיך נאָר פון יענע טעג ווען איך בין געווען אין ארץ־ישראל.

די ציוניסטישע פּקידים, און איבערהויפּט די ארץ־ישראל באַאַמטע, זאָגען אויך אזוי: דאָס גאַנצע חיות האָבען מיר נאָר פון ארץ־ישראל. יאָ, וואָס האָט ארץ־ישראל פון זיי?...

* * *

„בשוב ה' את שיבת ציון היינו כחולמים", אַז דער ישוב פאַר־גרעסערט זיך. טוען מיר אין חוץ־לארץ כאָטשבי חלום'ען. זיי אין ציון חלום'ט זיך אַפילו ניט, דער ישוב זאָל זיך דערוויסען פריהער פון דער אָרגאַניזירטער שוואַרצער האַנט פון דער בלוטיגער קאַטאַסטראָפע, און צו שטרעבען תמיד נאָך אַ דערנעהענטערונג מיט די אַראַבער, כאָטש דאָס מיינט געגען ענגלישע פּאָליטיק פון „וסכסכתי ישמעאל בישראל" — דאָס אלץ האָט מען גאָר ווייניג אין זינען געהאַט...

431. וואו שטעהט דאָ דער היזק?

מ'האָט אמאָל געפרעגט נאָרדאו'ן: וואָס וועט זיין אַז דער ציוניזם וועט ניט פאַרווירקליכט ווערן?־

— פונקט דאָס וואָס ס'וועט זיין פון דעם קרעציגען בחור, וועלכען מ'האָט געהייסען ער זאָל זיך גוט אויסבאָדען אין אַ וואַנע כדי צו געפעלען דער כלה וואָס דער שדכן רעדט אים, און ער פרעגט:

— וואָס וועט זיין אַז איך וועל איר אלץ ניט געפעלען?

— וואָס פאַרלירסטו? — ענטפערט איהם דער שדכן — וועסטו זיין ריין אָפּגעוואַשען, געלייטערט.

432. יעדער מיט זיין בקשה.

אַן אַלטער מאַן איז געפאָהרען קיין ארץ־ישראל. ביים געזעגענען זיך האָבען זיינע לאַנדסלייט איהם געבעטען, ער זאָל פאַר זיי בעטען ביי די הייליגע קברי־אבות. דער שכור האָט איהם געבעטען מתפלל זיין אויף לוט'ס קבר, אַז שנאַפּס זאָל ביליגער ווערען, און אויך ביי לוט'ס ווייב'ס קבר, אַז זאַלץ זאָל אויך ביליגער ווערען.

433. אויף ספרדיש אַ לשון נקבה.

אַ חלוץ יאָגט נאָך אַ חבר וואָס איז ערשט אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, וויל איהם אָפּשטעלען, שרייענדיג אויף ספרדישער אויסשפּראַך: עמוד! עמוד!

— דער אָנגעקומענער: יונגערמאַן! וואָס האָט איהר אייך אַזוי צושריגען „עמוד, עמוד" אין מיט'ן גאַס? זייט איהר שכור? פֿע, ניט שעהן, אין ארץ־ישראל נבול־פה, און נאָך אויסשרייען!...

434. „האוחז ביד" איז די בעסטע תפילה.

פאַר דעם ציוניסטען־קאָנגרעס אין האַמבורג איז באַעהרט געוואָרען דער קהלה־פּרעזידענט צו באַגריסען דעם קאָנגרעס אין נאָמען פון דער געמיינדע, האָט ער געצייגט דעם ציוניסטען־פּרעזידענט, „דוד וואָלפזאָהן", דעם טעקסט פון דער באַגריסונג און זי איז איהם ניט געפעלען געוואָרען צוליב איהר שוואַכער ציוניסטישער באַטאָנונג. דער ראש־הקהל האָט זיך פאַרענטפערט, באַשר, די קהלה איז ניט ציוניסטיש, און ער מוז אויספיהרען זייער וואונש.

האָט דער משכיל, דוד וואָלפזאָהן, פאַר'ן גאַנצען עולם אַ משל געגעבען: אין פּראַג איז געווען אַמאָל אַ גאָווערנאָר, אַ צורר ישראל, און ס'איז דאָרט אויך געווען אַ פּשוט ארים שניידערל, וואָס האָט ביי איהם נושא חן געווען. דורך דעם שניידער'ל און מיט אַ פולע געלט, פלעגען זיך אידען אויסקויפען פון גזירות־רעות. און אַזוי ווי דער שניידער איז פון די שליחות'ן רייך געוואָרען, האָט ער געצוואונגען קהל מיט'ן כח פונ'ם גאָווערנאָר וואָס האָט איהם צוגעזאָגט, אַז ער זאָל זיין אַ בעל תוקע אין דער גרויסער שוהל. די עדה אידען האָבען געוואָלדעוועט ביים גאָווערנאָר: אַזאַ פּראָסטאַק זאָל בלאָזען אום ראש השנה? נאָך פילען בעטען, האָט זיך דער פקיד מיט זיי משוה געווען, אַז דער שניידער זאָל בלאָזען יום כפור (נאָך נעילה). דער שניידער, דאָס דערפאַהרענדיג, איז אַרויף צום גאָווערנאָר מיט אַ יללה, סטייטש, ראש השנה בלאָזט מען הונדערט קולות, און יום כפור נאָר איין קול!

— פאַרטרעסט איהם דער גאָווערנאָר מיט אַ שמייכעל, — שוטה איינער! אַז דער שופר איז אין דיין האַנד, ווער וועט דיר שטערען צו בלאָזען וויפיל דו ווילסט?

דער ראש־הקהל האָט פאַרשטאַנען דעם חריפות'דיגען וויץ און איז געוואָרען פון אַ שונא־ציון אַן אוהב ציון...

435. ארץ־ישראל מיט אַלע יוראָפּשע אימפּראָוומענטס.

צוויי ארץ־ישראל'ער אידען האָבען דאָרט באַנקראָטירט און האָבען געפליכטעט נאָך יוראָפּ. אויף דער פראַגע די סיבה פון זייער פליכטען האָבען זיי געענטפערט מיט דעם וואָרטשפּיל: „מפני חטאנו גלינו מארצנו", דורך אונזערע זינד זיינען מיר אַוועק פון אונזער לאַנד.

436. גראַד צום „עמא־פזיזא" קומט די הילף צו שפּעט.

געהט זיך אַ איד נאָך די אויגוסט־אונרוהען אין א ירושלים'ער אונטער געסעל און באַגעגענט צוויי אַראַבער, באַקומט אַביסעל טויט־שרעק. זעהט ער אָבער באַלד אַן אַראַבישען פּאָליסמאַן, ווערט ער גאַנץ באַרוהיגט, ניט ווייל דער אַראַבישער פּאָליסמאַן וועט איהם שיצען, נאָר דערפאַר ווי עס צייגט זיך אַן אַראַבישער פּאָליסמאַן איז קיין געפאַהר ניט, וואָרים קוים וואָלט געווען מורא צו האָבען וואָלט דער פּאָליסמאַן דאָרט ניט געווען. וויש אומרים: אויך דאָסזעלבע אויפ'ן ענגלישען מיליטער צו זאָגען, מיט זייער פאַרשפּעטיגטע הילף.

437. פאַר די כלי־זמר'ס.

ר' חיים בריסקער איז געווען א געגנער פון ציון. האָט מען איהם געפרעגט: היתכן, ארץ־ישראל בויט זיך און איר מצות־אָפּהיטערס שטעהט פון ווייטענס?

— איך מיין אויך אזוי — איז געווען זיין ענטפער — א מנהג אין דער וועלט, אז חתן־כלה געהען צו דער חופה לויפען גאסען אינגלאַך און אלע מינים לויפערס פאר די כלי־זמר'ס, די מחותנים, די חתן־כלה קומען צולעצט.

אַן ערנסטער הומאָריסט וואָלט איהם געענטפערט: א פאָלקס־חתונה (אז די פאָלק זאָל צוריק בועל זיין איר פארוויסטעטע לאנד) אויב די חתן־כלה, די מחותנים ווארטען אויף צולעצט, ווען זיי קומען נאָך דער חתונה. כלי־זמר, לויפער זיינען דאָ, חתן־כלה, מחותנים וועלען זיך שוין געפינען אנדערע... אָדער אוים חתונה...

438. „פני הדור כפני כלב" (כלב).

א חסיד, א פארביסענער שונאי־ציון, האָט זיך געווערטעלט: ס'איז טאַקע משיח'ס צייטען, און דער דור וואָס געהט קיין ציון האָט אַ פּנים כפני כלב, וואָס לויפט פאראויס דעם בעל הבית. האָט מען איהם אויס־גע'מוסר'ט: אַפילו אַ הונט'ס נאַטור איז, ווען ער האָט אַ נייעם וועג צו באַטרעטען, קעהרט ער זיך צוריק צום בעל־הבית ביז צום שיידע־וועג און וואַרט, און אז דער בעל הבית איז ניטאַ, מאַכט ער אליין דעם נייעם וועג קיין ציון, און איז ניט מעהר קיין כלב נאָר אַ „כלב" (יפונה'ס אַ זוהן, אַ חלוץ, אַן אמת'ער בויער).

439. ווער איז אַ בן עולם הבא?

בשעת מ'איז פארבייגעגאַנגען מיט'ן „ארון ה'" פאר'ן הויז פון „עזא'ן" האָט ער נאָך מיט שמוץ באַוואַרפען דעם אָרון. די לייטע פון „בית שמש", זיי האָבען זיך אפילו יאָ געבוקט פאר'ן ארון, געבויגען און ווייטער געשניטען זייערע תבואות, אָהן אויפהער—„היו קוצרין ומשתחווים, ולא בטלו ממלאכתם". ווילען די חכמים זאָגען (סוטה ל"ה), אז „עוזא"

וועט יאָ האָבען עולם־הבא, די בית־שמש אפשר ניט. היתכן? אמיין פאַר־קעהרט, די תורה־קושערס, זיי קומט דאָך עולם־הבא, און ניט די תורה־לעסטערער?

איז דאָס ערקלעהרליך: אפילו די ראַדיקאַלסטע עלעמענטען, ניט קוקענדיג אויף זייער היינטיגען שמוץ־וואַרפען, אויף אידישקייט, און אידענטום, קען פון זיי נאָך ארוים א אידישע צוקונפט, ווייל — אידען, פּראָגראַמען, צייט־פּראָבלעמען, ענדערן זיך*), נאָר די בעל־הבית'ישע „שושי־בני־מעי" אידען (70־80 פּראָצענט פונ'ם פאָלק), די „מהיכי־תיתי" אידען, זיי בויגען די קאָפּ פאַר דער תורה, אבער ניט דאָס אויער פאַר די הימעל־שרייענדע פאָלקס־לעבענדיגסטע פראַגען, גאָרניט אינטערעסירט זיי אויסער ביזנעס — פּרעמד פון אלגעמיינע פאָלקס־פראַגען. ביי דעם גרויסען כלל־ישראל איז אַ פראַגע: צי ער וועט האָבען א חלק אינ'ם אידישען „עתיד"? ...

ס'איז אפילו נאָך קיין הלכה־פּסוקה אויב א־קדיש,־יזכור־,מלא־רחמים־, סעמעטערי־אידענטום קען האָבען א קיום לעולם ועד, אויב ס'זאָל ניט צופליסען נייע פרישע בלוטען אין דעם אלטען קערפּער...

440. „לשנה הבאה" אין... א... א...

מ'האָט געפרעגט דעם גרויסען גאון און גרויסען מענש „רבי קוק", דעם פּירוש פון „לשנה הבאה בירושלים" פאַר די איינוואוהנער אין ירושלים? די תפלה — ענטפערט דער גאון — איז נעבאך אַן אמת'ע. פאַראַנען א סך תושבים אין ירושלים, מיט'ן מויל זאָגט ער טאַקע אזוי, אָבער אין הארצען ווינשט ער צו זיין אין אמעריקא. איז דאָס די תפילה, אז מיט'ן הארץ זאָל ער אויך זיין אין ירושלים.

* * *

צוויי אידען זיינען געגאַנגען שפּאַצירען אין תל־אביב, זאָגט איי־נער צום צווייטען: אין ארץ ישראל איז דער אויבערשטער מוסיף „מחול על הקודש". ס'איז באַקאַנט, אז די היינטיגע הערליכע שטאָדט תל־אביב איז געווען פריהער א הויפען זאַמד.

441. דער איינציגער פאַראייניגונגס־כח.

מ'האָט אַמאָל געפרעגט מאַקס נאָרדוי ביי אַ ציוניסטען־קאָנגרעס, ווי אזוי נאָך ער, דער עקסטרעמער, קען זיך מתחבר זיין מיט די פרומע רבנים? האָט ער געענטפערט אביסעל סאַטיריש אָבער כאַראַקטעריסטיש אידיש: ניט נאָר איך פאַרכט מיך ניט פאַר זייער קלעריקאַליזם, נאָר הלוואי זיצען שוין בקרב די סנהדרין אין „לשכת הגזית" אפילו מיט דער

---

*) „ויבא בית יוסף גם הם בית אל: „הולכים לעבוד עבודה־זרה וה' עמם" (פּסיקתא עשר תעשר). ס'קען זיין אפילו די פּאַרטייען וואָס גייען דינען פרעמדע געטער, פרעמדע קולטורען, ווען זיי בלייבען נאָר ניט שטעהן, איז שוין מיט זיי אויך גאָט.

געפאהר אז איך זאָל זיין דער ערשטער פאראורטיילט צו ווערען צום טויט... (ווי באקאנט האָבען נאָר די סנהדרין געקענט דן זיין דיני נפשות).

דער גאון און צדיק „רבי גלאָזנער" פון קלויזנבורג, האָט אמאָל געזאָגט: איך ווינש מיר די זכיה צו זיין א פוס-בענקעל ביי דר. הערצל אין עולם האמת...

442. נאַרעריי אָדער פוילענצעריי.

א איד, איידער ער איז געפאָהרען קיין ארץ ישראל, האָט זיך אָפּגעזעגענט מיט א באוואוסטען גאון — א גענגער פון ציון. — פרעגט ער דעם רב:

— רבי, פארוואָס פאָהרט איהר ניט קיין ארץ ישראל?

— נאָכ'ן טויט וועל איך אהין קומען, די מלאכים וועלען מיך אהין ברענגען, — מאכט דער גאון.

— אָבער צו וואס מטריח זיין מלאכים, אז איהר קענט אליין פאָהרען? — פרעגט ווייטער דער חובב-ציון.

— כ'וועל זיי שוין גאָר ניט מטריח זיין, די אייגענע מלאכים וואס וועלן איך ברענגען צוריק אהער, וועלען מיך טראָגען אהין*).

* * *

דאָס צוהערענדיג האָט איינער מיט א טראגיש-קאָמישען געפיהל געפרעגט: וועט ענגלאנד, וועלען די אראבער, ארץ ישראל, און טאקע ישראל אליין אזוי לאנג ווארטען ביז מלאכים קומען אריבערפיהרען דעם „לפני-שבר-גאון, און נאָך פרומע אידען? א בוים קען באשטעהן 1500 יאָהר, און דערנאָך אָהן יניקה אומפאלען... — אוי, „הבוז לגאונים"!

דערוויל מעהרען זיך די מלאכי חבלה געגען ערוואכענדען אידענטום. צוקוקענדיג צו די צושטערונג פון העכסטער קולטור-שאפונג, און אכזריות-דיגע לעבענס-פארניכטונג אין ארץ ישראל, איז די גאנצע ציוויליזירטע (?) וועלט טויב און שטום. מיט אויסנאָם פון דעם גרויסען אמעריקאַנישען שטאַטסמאַן, „סענאַטאָר באָרא", וואס האָט ענגלאנד'ס געוויסען אביסעלע א טרייסעל געטאָן מיט זיין דונער: „איך וויל וויסען, צי פאַלעסטינא געהט זיין א נאַציאָנאַלע היים פאַר דעם אידישען פאָלק, אָדער אן אינטערנאציאָנאַלע שלאַכטהויז"? און ער גלויבט, אז די אַלטע אידישע עקשנות און זייער היסטאָרישע ענטשלאָסענהייט וועט זיין אן עמוד-

---

*) פאר דער חברונ'ער שחיטה האָבען די זעלבסטשוצלער פון ירושלים טעלעפאָנירט צו אַ רב קיין חברון וועגען אָרגאַניזירען אַ זעלבסטשוץ. האָט ער געענטפערט: „אונזער זעלבסטשוץ איז אויבען אין הימעל". דער הימעל — ווייזט אויס, נאָכדעם ווי זיי זיינען אַלע אויסגעקוילעט געווארען אָהן דעם מינדעסטען ווידערשטאַנד — האָט אָבער געזאָגט: „העלפּ יורסעלף". ווי זאָגט ירמיה פון גאָט'ס וועגען: „מאתו לא תצא הרעות והטוב" — פון איהם געהט ניט ארויס ניט קיין שלעכטס און ניט קיין גוטס.

ענן ביי טאָג און אן עמוד־אש ביינאַכט, וואָס וועט זיי פיהרען צום זיג."
— הלואי קומען שוין אידען צו דער פּראַקטישער אמונה פון דעם חסיד־אומות־העולם!

* * *

„ר' חנינא בן דוסי האָט געפונען אין מדבר א שעהנעם שטיין, האָט ער איהם באַטעסעט, באַטאַקט, און געוואָלט איהם פיהרען קיין ירושלים, האָט ער אָבער ניט געהאַט צו באַצאָהלען פאַר'ן פיהרען, האָט דער רבונו־של־עולם איהם געשיקט מלאכים אין מענשען־געשטאַלט און זיי האָבען איהם געזאָגט: „מיר טראָגען דעם שטיין קיין ירושלים, נאָר באופן, אז דו וועסט העלפען מיט־טראָגען". (מדרש שיר השירים). די פראַגע איז דאָך קלאָר, אז שוין שיקען מלאכים, קענען זיי דאָך אליין שלעפּען, אָדער געלד איהם פאַרזאָרגען? נאָר ניט געלד, ניט די מלאכים וואָל־גערען זיך אויפ'ן סטריט. נאָר דורך אַרבייט, איז שוין סיי מלאכים און סיי געלד א קליינערע דאגה.

443. דער דאָלאַר ציוניזם.

מ'האָט געפרעגט ר' יוסי־בער'ן: פאַר וואָס ער שטעהט א חוץ פון די מחנה „חובבי ציון" וואָס איר מצוה שטעהט העכער פון אַלע מצות אין דער תורה? האָט ער געענטפערט: א ישוב'ניק איז אַמאָל געקומען אין שטאָדט אויף יום כפור צום דאַוונען מיט'ן עולם. שיקט ער זיין בחור אין גרויסען בית המדרש, צו זעהן ווי ווייט מ'האַלט דאָרט. דער זוהן איז אַהין געקומען אין צייט ווען מ'האָט פאַרקויפט עליות. ער האָט זיך צוגעהערט מ'רופט שטענדיג נאָר: שני, איין ר"ט, שלישי צוויי רטי"ם! דער בחור, צוריקקומענדיג צום פאָטער, פרעגט איהם דער פאָטער: ווי געהט דאָרט צו? „מ'טוט גאָר ניט — ענטפערט דער זוהן תמ'עוואַטע, — מ'רעד נאָר פון געלט"...

מיט דעם דאָלאַר ציוניזם פון היינט איז אויך ניט גאַנץ פרעהליך. ציוניזם איז צוערשט א פאָלקס־נשמה־זאַך, און אז מ'בלייבט אַלץ נאָר צו דאָלאַריזירען איהם, וועט קיין דאָלאַרס אויך ניט זיין.

דער גאון רבי יצחק־יעקב ריינים פלעגט זאָגען: ציוניסטען זאָגען: יעדער איד וואָס איז ניט קיין ציוניסט, איז אויך קיין איד ניט. איך זאָג: יעדער ציוניסט וואָס איז ניט א איד, איז קיין ציוניסט אויך ניט...

444. א „גוזר ואינו מקיים".

„ברוך שומר הבטחתו לישראל", געלויבט איז דער וואָס האַלט זיין צוזאָג צו ישראל און ארץ ישראל. דאָס דאַרף מען דערמאָנען אַלע די וואָס פּלעדזשען געלט פאַר'ן „קרן היסוד" און „קרן קימת" פאַר ארץ־ישראל, זיי זאָלען דאָס האָבען אין זינען.

* * *

ר' ישמעאל זאָגט: „אז דאָס בית המקדש וועט געבויט ווערען וועל איך ברענגען א פעטען אָקס פאַר א חטאת".

די פראגע ווארפט זיך אין די אויגען. מיר זאָגען יעדען טאג די פרשה קרבנות, און ענדיגען מיט „יהי רצונ'ס" גלייך איך וואָלט מקריב געווען א חטאת... אן עולה... שלמים. — פאר וואס נאָר די קרבנות־בהמה אויסגערעכענט, אן אָרימאן האָט דאָך געבראכט א חטאת־העוף, און א גאָר גרויסער אָרימאן א קרבן־מנחה, בלויז זעמעל־מעהל, טאָ פאר־וואָסזשע זאָגט מען ניט „יהי רצון כאלו הקרבתי מנחה?

איז דערפאר, וואס ער דענקט גאָר ניט צו געבען, איז וואס, נאָר לשם צוזאָגען אליין, איז דאָך דעם איד מעהר לכבוד שנדר'ן א פעטען שווע־רען אָקס... ווי שטעהט דאָ דער היזק ביי די פלעדזוערם?

445. די דריי קרנות.

ניט פיל רבניםריידען וועגען „קרן היסוד" און „קרן קימת", ליבער שוין פון "קרן התורה", ווייל זיי האלטען ניט פון א „קרן" וועלכער ברענגט זיי ניט אריין קיין „רויח", לאפוקי פון דעם קרן התורה מאַכט מען דאָך אַ שעהנעם לעבען, כאָטש דער קרן לייכט ווינציג וואָס. שוין צייט צו מאַכען דעם אידישען עולם דענקען, פיהלען, האנדלען, איבער דעם לעבעדיגסטען לעבען פונ'ם אידישען פאָלק, פאר'ן אָפענעם ארון־קודש...

20 מיליאָן טאָלער גיט אוים דאָס אמעריקאנער אידענטום אַ יאָהר אויף רעליגיעזע צוועקען. און די צוועקען זעהט מען נאָך ניט גאַנץ ארויס. מיט אַ העלפט דערפון, אין ארץ ישראל, וואָלט די גאַנצע וועלט געזעהן די „אתחלתא דגאולה" און אפשר נאָך מעהר...

446. אויך דאָ אַן „ענג־לאַנד".

ארץ ישראל'ער אידען וואָס זיינען פארהאלטען געווארען דאָ אויף עליס־איילענד, האָבען מיט פארוואונדערונג געפרעגט: האָט ענגלאנד אַ מאַנדאַט אויך אויף אמעריקא, מיט אַ פארפליכטונג דאָ צו שאַפען אַ אידישע היימאַט, וואס מ'לאָזט ניט אריין אהער קיין אידען?

447. אַ מ'געהט, דערגעהט מען צו אַ טאָלק.

אין דער בילהעט־צייט פונ'ם פאָליטישען ציוניזם, אַ פעריאָד פון אַ דערלייזונגס־שטראַל, האָט מען געפרעגט דעם ניט געקרוינטען אידישען קעניג, אין משיח'ס געשטאַלט, „דר. הערצל": ווען געהען מיר שוין אמאָל קיין ציון?

האָט ער געענטפערט מיט אַ משל:

אַ וואנדערער וואנדערט אמאָל אַ וויטען וועג צו דער שטאָדט צו. פרעגט זיך ביי אלע באגעגענטע מענשען: ווי וויט צו דער שטאָדט? און אלע גיבען אים דעמזעלבען ענטפער: „געהט נאָר"! ביים לעצטען ענטפערער שטעלט ער זיך אָפּ פארדריסליך, און פרעגט רוגז'דיג: פאר וואָס פטר'ט איר אלע מיך אָפּ אָהן אַ ריכטיגען ענטפער?

— „געהט נאָר", — ערקלעהרט איהם דער מאָן, — הייסט: ווייזט

וואָסאַרע שריט איר מאַכט, וועט מען אייך קענען זאָגען ווי לאַנג נאָך איהר האָט צו געהן...

אַזוי איז עס אויך מיט אונזער פאָלקס־ערלייזונג — האָט הערצל פאַרענטדיגט. — צייגט וואָסערע שריט איהר מאַכט, וועל איך אייך צייגען ווי לאַנג מיר דאַרפען זיך אויפהאַלטען אויפ'ן וועג קיין ציון...

* * *

איז דאָס דער מיין פונ'ם נביא: „בית יעקב לכו — ונלכה". געהט, וועלען מיר שוין זעהן ווי ווייט נאָך מיר האָבען צו געהן...

* * *

אַזוי איז עס מיט דער היינטיגער גאולה־פאַרשלעפּעניש און די שווע־רע בלוטיגע משיח'ס־ליידען. די פעהלער פון דער ציוניסטישער לייטונג און פון אַלע פלינעלאַך־פיהרער, זיינען צום גרעסטען טייל געדעכטפער־טיגט, דורך דעם וויצמאַנ'שען וואָרט ביי אַן אַנדערע קאַטאַסטראָפאַלע ערא״יגניש אין ארץ ישראל: אידישעס פאָלק, וואו ביזטו געוועזן"??...

דאָס מיינט: דאָס אידישע פאָלק האָט אַ באַלפור־דעקלאַראַציע באַ־קומען, די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט אָבער קיין פאָלק געטראָפען. זי איז געפאַלען אויף אַ פעלזיגען באָדען... אַ גרויסע עמיגראַציע דורך די קראַפט־אָנשטרענגונג פון דעם אידישען 15־מיליאָנען־פאָלק, און אַ לאַנגזאַמע, צילבאַוואוסטע פאַרשטענדיגונג מיט אונזער ברודער־פאָלק די אַראַבער, אָנצוהאַלטען מיט זיי אַ שטאַרקע פריינדשאַפט, קען נאָך רעטען פונ'ם פאָלקס־אונגליק, טראָץ דער ענגלישער „וסכסכתי־מצרים־במצרים־פּאָליטיק"...

אַ חוב פון יעדען דאָרטיגען אידען, אומאויפהערליכע אַגיטאַציע פון מאַן צו מאַן פאַר אַ פרידליך צוזאַמענלעבען צווישען די צוויי ברידער ישמעאל און ישראל.

* * *

דער מאָדערנער פעלקער־נביא „מאַקס נאָרדויא" מיט זיין פּראָפעטישען בליק, האָט אונז אָנגעוויזען מיט 12 יאָהר צוריק וועגען אונזערע פּאַפּירענע זכיות'ן, די ענגלישע מתנה, און האָט פאַרלאַנגט סיי פון דער בריטישער אימפּעריע, און סיי פון די אידען, אַ גרויסע עמיגראַציע קיין פּאַלעסטינע. און געשלאָסען האָט ער זיין רעדע אין בערלין ביי אַ גרויסער פאָלקס־פאַר־זאַמלונג: און מיינע לעצטע ווערטער זיינען: „דאָס אידישע פאָלק וועט ציוניסטיש זיין, אָדער ס'וועט ניט זיין" (אונטערגעהן).

און כאָטש דאָס אידענטום אלס פאָלקסטום (אלס גאָטס־טשערעדע, צאן קדשים, וועט זי נאָך לאַנגע הערום בלאָנדזשען) שטעהט היינט ביים שיידעוועג פון „זיין" אָדער „ניט זיין", זינגען מיר דאָך דעם „יאוש־מאַרש": עוד לא אבדה תקותנו לשוב לארץ אבותינו.

נאָך איז אונזער האָפנונג ניט פאַרלוירען.

אַ צוגאָב

שבת און ימים טובים.

דער רבי, ר' העשל, אַלס קינד האָט איהם דער פאָטער געגעבען אַ פלעשעל, ער זאָל ברענגען וויין אויף קידוש. און געלט? — פרעגט דאָס קליינע באָיטשיקעל. פאַר געלט איז קיין קונץ ניט צו ברענגען וויין, — ענטפערט איהם דער פאָטער.

דער קליינער געהט און ברענגט אַ לעדיג פלעשעל. נו, און דער וויין וואו איז? — פרעגט דער פאָטער. מיט וויין קידוש צו מאַכען איז קיין קונץ ניט, אָהן וויין איז אַ קונץ, — האָט דאָס קינד, מאָס פאַר מאָס, דעם פאָטער צוריקגעמאָסטען.

„מקרא קדש" באַטרעפט 745, „משתה" אויך אַזויפיל. אַ ראיה אַז שבת און יום טוב דאַרף מען טרינקען.

אַ בעל־עגלה האָט שבת קידוש געמאַכט איבער אַ גרויסען כוס און דעם משרת האָט ער מוציא געווען מיט זיין אַליינינגען אויסטרינקען און שיקט איהם אָנטרינקען די פערד. ער איז געגאַנגען און באַלד צוריקגעקומען. וואָס האָסטו דיך אַזוי געאיילט? — פרעגט איהם דער בעל־הבית. איך האָב איין פערד אָנגעטרונקען און די איבעריגע מיט דעם אָנגעטרונקענעם מוציא געווען, — ענטפערט דער אַרבייטער.

אַ ישיבה־בחור זאָגט צום צווייטען: „אַנו, וואָס וועט זיין ווען מיר זאָלען רויכען אום שבת סיגאַרעטעס?" חבר: „וואָס זאָל זיין? אַ „מעות שלא יוכל לסכן („לתקון"), אַ פעהלער וואָס קען אונז גאַרנישט שאַדען...

אַ פרעזידענט איז זיך פאַרפאַהרען שבת אין שוהל מיט זעהר אַ שעהנעם אויטאָ. זאָגט דער רב דעם פסוק אין דאַווענען: אוי, „תפארת עטה (אויטאָ) ליום המנוחה" מיט אַ העכערען קול און מיט אַ קוק צום פרעזידענט.

אַ מעמבער קומט שבת נאָך פסח אין שוהל, וויל ניט אויפגערופען ווערען וועגען שנדר'ן, זאָגט דער אויפגערופענער דעם טעם: „אין מפטירין אחר הפסח", נאָך פסח איז ניטאָ קיין מפטיר.

פסח איז אַ ליבער יום־טוב שוין דערמיט אַליין וואָס ער פאַרענטפערט די „ברויט־פראַגע", כאָטש אויף איין וואָך.

פאַר וואָס הייסט ניסן „ראש חדשים"? ווייל דער חודש ברענגט

פיל זאָרגען וועגען די פּסח־הוצאות, און ס'שטעהט: ווער ס'מאַכט אָן אידען טראָבעל ווערט א ראש, „כל המיצר לישראל נעשה ראש".

א פרוי האָט ניט געוואָלט געבען אן אָרימאַן א שטיקעל מצה. ארויס־געהענדיג זאָגט ער: „איהר זייט באמת מקיים די מצוה „ושמרתם את המצות", איהר באהאַלט זיי גוט".

א פרוי זאָגט צום מאַן זיצענדיג ביים סדר, אז זי געהט אין קיך, ער זאָל זי מוציא זיין ביי די צעהן מכות. טונקט ער דעם פינגער אין כוס און זאָגט: דם מיר, דם צו דיר, צפרדע מיר, צפרדע דיר, כנים מיר, כנים דיר... א. א. וו.

געקומען צוויי בעל־דינים צו א רב זיך לאָדען וועגען רויח. ס'האָט זיך אָבער ארויסגעשטעלט, אז ס'איז גאָר קיין ריוח ניט געווען. זאָגט זיי דער רב: „אייער מחלוקה איז דיזעלבע מחלקה פון די חכמים וויפיל מכות די מצרים האָבען באקומען. וואָס איז ארויסגעקומען פון די שפּאַ־רענישען?... מכות".

מ'האָט געפרעגט הערשעל אסטראָפּאָלער אויב דער פּסח־צונויפשטעל איז איהם לייכטער אָנגעקומען. „יא, — ענטפערט ער, — לייכטער ווי פאר א יאָהרען. פאר א יאָהרען האָב איך געשלעפּט דאָס איבערבעט צו פארזעצען; היינטיגס יאָהר שוין נאָר א קישען".

א פרייגעזאָנענער פלעגט זיך נוהג זיין אידישליך: פארשפּרייטען גראָז אין די פענסטער אום שבועות. אויף אמאָל האָט ער זיך אָפּגע־זאָגט פון דעם מנהג. זאָגט איהם דער רב: „פאר א יאָהרען ביזטו נאָך געווען א „מודה במקצת", עפּעס נאָך אנערקענט, איז ביי דיר נאָך אָנגע־גאַנגען „שבועות" (אין דער גמרא הייסט'ס אביסעל מודה זיין אין חוב, ווערט צוגעלאָזט צו א שבועה), אצינד ביזטו שוין א „כופר בכל", לייי־קענסט אין אלעמען, געהט שוין ביי דיר קיין שבועות ניט אָן".

שבועות איז אמאָל אויסגעפאלען אין טאָג ווען די אידען קאָלעקטען זייערע געלדער פון די קאָסטימערס, און זיינען דאדורך ניט געקומען אין שוהל. וואונדערט זיך דער רב פאר וואָס זיי פארבייטען ניט דעם שבועות אויף סוכות. „חג האָסיף", איהר זאַמעלט דאָך היינט איין?

היינע רופט אוים דיכטעריש: „ווי קליין איז דער בארג סיני געווען ווען משה איז אויף איהם געשטאַנען!" און מיר רופען אוים דריקעניש:

„ווי טיף אין דר'ערד ווי אַ באַרג ליגט דאָס אידישע פאָלק פונ'ם סיני אָן". אָבער אַ וואונדער: אַזוי לאַנג קייען ערד און נאָך אַזוי ווייניג פאַרשטעהן פון ערד־אַרבייט.

צום נייעם יאָהר האָט דער בוק־קיפּער אָנגעווינשט דעם באָס אַ האַר־ציגען לשנה־טובה, מיט דער האָפנונג אַז ער וועט איהם צוריקשיקען אַ ממשות'דיגע ברכה (לויט עזרא הסופר'ס פאַראָרדנונג דאַרף מען „ראש השנה" שיקען „משלוח־מנות" דעם וואָס האָט ניט). ענטפערט איהם דער באָס: „אין דעם הייליגען „יום הזכרון" וואָס ס'דערמאָנט זיך אין אַלע דיינע אַרבייטען ביי מיר, גיב איך דיר אַ גרויסע מתנה. דאָס איז די אַלע גנבות, וואָס דו האָסט דיר אָנגע'גנב'עט ביי מיר, שענק איך זיי דיר אויף אייביג".

ר' לוי יצחק האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם „ונתנה תוקף"־זאָגען און דורכגערעדט זיך מיט'ן אויבערשטען: רבונו של עולם! אויב דו ווילסט זיצען אויף דעם „כסא־דין" באמת'דיג, אַזוי מוזטו אונז באַ־האַנדלען מיט'ן „מידת הרחמים". זעה אַליין, „בראש השנה יכתבון", אַנדערע פעלקער שרייבען אום ראש השנה, „וביום צום כפור יחתמון", זיי סיינען טשעקס פאַר ביזנעס אין דעם הייליגסטען טאָג, „כמה יעברון", וויפיל פרויען זייערע ווערען מעוברת אין דעם הייליגען טאָג, „וכמה יבראון", וויפיל ממזרים ווערען געבוירען — נו, זאָג זשע אַליין „מי יחיה", ווער דאַרף בלייבען לעבען?

וואָס זאָגט אַ יזכר־איד ווען ער לעגט צונויף דעם טלית מוצאי־יום כפור: „מיום כפורים זה עד יום כפורים הבא", איבער־אַ־יאָהר זעהען מיר זיך ווידער.

דער שטן האָט מלמד־חוב געווען אויף אידען, וואָס זיי גרויסען זיך מיט זייערע מצות: פורים עסען זיי אַ גוטע סעודה און ערב יום כפור אודאי אַ וואַזשנע מצוה זיך גוט אָנצופּאַקען? טרעט אויף ר' לוי יצחק: רבונו של עולם! „והסר שטן מלפנינו", ווייז דעם שטן, לֿמאי מיר האָבען געפּאַסט „פאַר" פורים, „ומאחרנו", און מיר עסען ניט אַ גאַנצען טאָג, „נאָך" ערב־יום־כפור.

וואָס זעהט דער האָהן אין סידור ווען מ'מאַכט איהם פאַר אַ כפרה־הינדעל? „בני אדם יושבי חושך וצלמות" . . . דער מענשהייט פעהלט נאָך גענוג ציוויליזאַציע.

און וואָס זאָגט ער? „אני הגבר (הוהן) ראה עני בשבט עברתו", איך זעה די טראַגעדיע מיינע פאַר די אויגען. „אותי נהג וילך, חושך ולא אור", מיך שלעפּט ער ארום דעם קאָפּ אַלס א כפרה פאַר זיינע פינסטערע אונקולטורעלע מעשים שוין גאַנץ פריה. „אך בי ישיב", און אויב ער קלערט אַז מיט'ן דרעהען האָט ער שוין תשובה געטאָן, „יהפוך ידו כל היום", קען ער מיט מיר דרעהען כפּרות אפילו א גאַנצען טאָג, וועט איהם ניט העלפען. און וואָס זאָגט דער כפּרה־שלעגער צום כפּרה־הוהן? הוהן ברודער! זיי מיך ניט מקנא, דו ביזט די כפּרה פאַר מיר, אָבער איך בין דאָס כפּרה־הינדעל פון דער גאַנצער וועלט.

צוויי עדות דערצעהלען אום יום־כפּור אין שוהל פאַר'ן רב, זיי האָבען געזעהן דעם אידען אַצינד עסען. דער רב האָט איהם גוט אָפּגעזידעלט. דער איד פאַרענטפערט זיך: הלמאי זאָלען זיי זאָגען וואָס איך האָב גע־געסען? אָקסען־פלייש — ענטפערען די עדות. כאַפּט ער ארויס פונ'ם פּאַקעט א שטיק קעז, עסט עס אויף און באַווייזט דערמיט זייער ליגען: וואָלט איך פלייש גענעסען, ווי קען איך אַצינד פאַר זעקס שעה עסען מילכיגס?

א איד איז זיך מתודה פאַר'ן רב, ער האָט פאַרגעסען צו בענשען, ער וויל דעריבער א תשובה ארויסנעמען.

— איי, ווי פאַרגעסט דאָס א איד גאָט צו ליבען פאַר'ן שפּייזען איהם? — פרעגט איהם דער רב.

— פאַרשטעהט איהר, רבי, — דערצעהלט ער ווייטער, — ס'איז געווען אין א רעסטאָראַן, וואו א גרויסער עולם אידען האָבען געגעסען, און מסתמא האָבען זיי אויך פאַרגעסען.

— איי געוואַלד, אַן עולם אידען זאָלען אויך פאַרגעסען אָן „ברכת־המזון", אונערהערט! — פאַרגאַפּט זיך דער רב.

— אפשר האָבען זיי זיך גיכער געשעמט, ווייל ס'איז געווען אין א גוי'אישען רעסטאָראַן, — בורטשעט פון זיך ווייטער ארויס דער שאלה־פרעגער.

— רבונו של עולם, אַן עולם אידען אין א גוי'אישען רעסטאָראַן, רחמנא ליצלן! — כאַפּט זיך דער רב אָן ביים קאָפּ.

— רבי'ניו, — וויל דער בעל־תשובה זיי פאַרענטפערען און דעם רב באַרוהיגען, — ס'איז געווען יום־כפּור...

הושע—נא, רבונו של עולם! העלף אונז ארויפליייגען אויף דיר אינזערע אייגענע שולד פון אומבאהאָלפענקייט צו זיין א פאָלק.

דער גרעסטער נס פון׳ם נס חנוכה איז וואָס די „ברית־שלום׳ניקעס״ זיינען דאָרט ניט געווען, ווען יאָ, וואָלטען זיי גע׳חלש׳ט צוקוקענדיג ווי די חשמונאָים, די חלשים, שלאָגען די גבורים, די יונים נעבאך.

אום פורים זיצען צוויי אָרימע אידען אביסעל פאַרלעבט.

— אַ מאָדנע זאַך: אונזערע חכמים זאָגען אַז די זון דרעהט זיך, און די גוים זאָגען אַז די ערד דרעהט זיך. וואָס זאָגסטו, יעקיל?

יעקיל: מיר דאכט זיך, אַז זיי זיינען ביידע גערעכט...

— אַ ספר איז אַ סגולה צום איינשלאָפען. והראיה, אַז אחשורוש האָט ניט געקענט איינשלאָפען, האָט ער זיך געהייסען ברענגען דעם „ספר־הזכרונות״.

יעקיל: פון אַ מלך טפּוש ברענגט מען ניט קיין ראיה, נאָר פון אַן עם־חכם־ונבון יאָ. דאָס אידישע פאָלק איז דאָך אַן עם־הספר, און ס׳שלאָפט שוין קיילעכדיגע 2,000 יאָהר.

„תענית אסתר״ — אין תענית „עסט—ער״ (ווער? ווער דען ניט?)

„איש יהודי... איש ימיני״. שוין איינמאָל אַ איד — מרדכי, — אַן עכטער און אַ רעכטער, ניט קיין לינקער...

דער בעסטער „וויץ״, וואָס מ׳קען איהם יוזען איז — „סליוואַ־וויץ״... (צו טרעפען נאָר ביי „הגר׳ן״).

„והשתיה „כדת״ אין אונס״, דער ביטערער טראָפען איז ווי די רע־ליגיע: תחילת אביסעל צוגענויט, און דערנאָך ציהט׳ס.

וואָס איז דער חילוק פון המנ׳ען צו מרדכי׳ן? דעם ערשטען שלאָגט מען נאָר איין מאָל אין יאָהר, און דעם צווייטען אַ גאַנץ יאָהר.

אין איינעקעל פון׳ם „נודע בישראל״ האָט גע׳דרשנ׳ט וועגען דער נויטיגקייט צו קענען די לאַנדעס־שפּראַך. אַ ראיה האָט ער געבראַכט פון׳ם נס פורים. ווען מרדכי וואָלט ניט פאַרשטאַנען וואָס בגתן ותרש האָבען אָפּגערעדט אחשורש׳ן קלענער צו מאַכען מיט אַ קאָפּ, וואָלט מען אַלע אידען אומגעבראַכט.

— פאַרקערט, — אונטערברעכט איהם אַ חסיד, אַלס ראיה אַז מען דאַרף ניט לערנען די לאַנדעס־שפּראַך. — וואָלט מרדכי געקענט פּערסיש, וואָלטען זיך דאָך די פאַרשווערער פון איהם געהיט.

אַצינד געה באַווייז אידען אַז שניי איז ווייס, כאָטש דער נביא זאָגט אויך „כשלג ילבינו״. אַז ס׳גלוסט זיך אַ אידען ניט צו גלויבען, מעגסטו שרייען חי וקים.

רבנישע חכמות און גלייכווערטלאך

דער גרויסער גאון און צדיק, ר' חיים סאנזער, איז געווען שטארק פארקיהלט און זעהר געהוסטביים שלש סעודות, געדארפט טרינקען טיי, ער האט אָבער פארגעסען, זיין מוח איז געווען אין די העכערע עולמות. ברוך, זיין זוהן, דערמאָנט איהם אַלץ צו טרינקען, און ער האלט זיך ביי זיינעם: אין די גייסטיגע וועלטען ברויכט מען ניט קיין טיי. „טאטע, — באמערקט דער זוהן, — אין די העכערע עולמות הוסט מען אָבער ניט".

מ'האט געפרעגט א רב פאר וואָס ער חבר'ט זיך מיט די חטאת'ים מעהר ווי מיט די אָרטאָדאָקסען?

— וועלכע הכנסה האט דער כהן געהאט, פונ'ם קרבן עולה, וואָס איז גאנץ אויפגעגאנגען אויפ'ן מזבח, אָדער פונ'ם פר־החטאת? איך מאך א לעבען פון די זינדיגע, און ניט פון אייך, — איז געווען די תשובה פונ'ם רב.

א רב, א גלח, אַן אפיקורס און א פשוט'ער איד האָבען זיך צוזאמענגעטראָפען אין איין גאַספּעדע.

גלח: שוין אין התחלת התורה איז דאָ א רמז אויף דער „דריי־אייניגקייט". ב'ר'א'ש'י'ת מאכט: בן, רוח, אב, שלשתם יחיד תמימים.

רב: שוין פונ'ם ערשטען וואָרט זעהט מען דעם היפך. ב'ר'א'ש'י'ת מאכט: בא רשע אחד שמו ישו, תלוהו.

אפיקורס: „בראשית" באטרעפט 913, אזויפיל ווי „שוא ושקר".

דאָס פשוט אידעל: די לעצטע בוכשטאבען פון „בראשי'ת ברא' אלהי'ם" מאכט: א'מ'ת.

א קענער (דאָס הייסט, איינער וואָס קען טאָן כל דבר אָסור) זאָגט צום רב, אז ער גלויבט ניט אין די נסים פון דער תורה.

רב: פון דיר אַליין איז צו גלויבען אין נסים. „ויפתח ה' את פי האתן", אז אזא אייזעל ווי דו קען דאָס מויל עפענען, איז עס ניט א נס?!

דער רבי ר' העשל אין זיינע קינדער־יאָהרען פלעגט איבערקערען די שטענדערס אין שוהל צו ערגערען דעם שמש. ווען דער שמש האט גערופען דעם פאָטער, האט ער זיך פאר'גנב'עט צו דער גמרא און געלערענט מיט גרוים חשק, און אז דער פאָטער האט איהם אויסגע'מוסר'ט פאר זיין ווילדקייט האט ער געענטפערט:

„משנכנס אָ—דער (שמש) מרבים בשמחה", משנכנס „אָב" (פאָטער) ממעטין בשמחה" (תלמוד).

רבנו „אברהם אבן־עזרא״ איז אמאָל געפאָהרען אויפ׳ן שיף מיט זיינע 15 תלמידים, און 15 גוים אחוץ דעם קאַפּיטאַן זיינען אויך מיט געווען. א גרויסער ים־שטורם האָט שיער די שיף פאַרזונקען. דער קאַפּיטאַן האָט באפוילען העלפט מאַנשאַפטען צו וואַרפען אין ים, כדי לייכטער צו מאַכען די שיף, און ווער איז דער קרבן, אז ניט דער איד? ראב״ע האָט גע־פּועל׳ט מ׳זאָל אויסשטעלען אַלע רייזענדע אין איין שורה און יעדער ניינטער זאָל געהן צום „שר של ים״, אזוי לאַנג ביז 15 זאָלען לעבען בלייבען. ר׳ אברהם מיט זיין חכמה׳דיגער קאָמבינאַציע האָט שנעל זיי מסדר געווען אזוי: 4 תלמידים און 5 גוים, 2 תלמידים און 1 גוי, 3 תלמידים און 1 גוי, 1 תלמיד און 2 גוים, 2 תלמידים און 3 גוים, 1 תלמד און 2 גוים, 2 תלמידים און 1 גוי. און לויט דער צנונויפשטעלונג, זיינען אַלע אידען ניצל געוואָרען...

אַלץ העננגט אָפּ פון מזל, אפילו דאָס ספר־תורה אין היכל („הכל תלוי במזל אפילו ספר תורה שבהיכל״ (זוהר פ׳ נשא). צ. ב. ש. דאָס ערשטע חלק „יורה דעה״: שחיטה, מליחה, בשר בחלב היט מען גוט אָפּ; דאָס אַנדערע חלק: רבית, גזילה, צדקה, כבוד אב ואם באַאַבאַכטעט מען גאָר ווייניג־וואָס.

דער „שאגת אריה״, ווען ער איז נאָר־וואָס אויפגענומען געוואָרען פאַר רב, האָט מען איהם געבראַכט דעם פּנקס ער זאָל אריינשרייבען וועלכען נייעם מנהג (לויט זייער מנהג ביי יעדען נייעם רב), האָט ער אריינגע־שריבען די „עשרת הדברות״. דער פּרנס פרעגט איהם: רבי, דאָס שטעהט דאָך שוין אין דער תורה. וואָס זאָל דאָס הייסען? „פאַרשטעהט איהר, — ענטפערט דער גאון, — איך זעה אז די תקנות פון דער חברה האַלט איהר געטרוי, אפשר וועט איהר די אַלטע תקנות אויך מעהר רעספּעקטירען פונ׳ם פּנקס ארויס...

איינער האָט אמאָל געפרעגט דעם גאון ר׳ יצחק סלאָנימער פאַר וואָס זיינע ספרים פון דער יוגענד־צייט זיינען בעסער ווי די ספרים וואָס ער האָט געמאַכט אויף דער עלטער. ס׳שטעהט דאָך: „תלמידי חכמים אויף דער עלטער ווערען נאָך קליגער״?

— דאָס איז טאַקע אמת, — האָט דער רב געענטפערט, — אָבער דער חסרון ליגט אין דיר אַליין. ס׳שטעהט דאָך אויף דעמזעלבען אָרט: עלטערע עם־הארצים, וואָס עלטער זיי ווערען, אַלץ מעהר ווערט זייער פאַר־שטענדניש פאַרטומעלטער...

א חסיד קומט אמאָל צום קאָברינער רבי, ר' משה. פרעגט איהם דער רבי: וואו איז דיין פאָטער?

— ער איז נאָך אויפ'ן וועג געהענדיק קיין קאָברין, — ענטפערט דער חסיד.

— ווי אַלט איז ער דען? — פרעגט דער רבי.

— זיבעציג יאָהר.

— וויפיל מייל איז פון אייך ביז אהער? — פרעגט ווייטער דער רבי.

— זעכציג, — זאָגט דער חסיד.

— זעהט נאָר ווי גרויס ס'איז דער כח פונ'ם שקר, — מאַכט דער רבי פאַר אַלע זיינע חסידים, — אז ער קען אָפּנאַרען א זיבעציג־יעהריגען מאַן צו קלאַפּען די פּיס און קומען צו מיר...

א בעל עגלה קומט זיך באַקלאָגען פאַר א רב א מתנגד אז זיינע פערד זיינען איהם פאַרלוירען געגאַנגען. האָט איהם דער רב אַן עצה געגעבען ער זאָל זיי זוכען אויפ'ן וועג וואָס פיהרט צום שטעדטעל פונ'ם באַוואוסטען חסיד'ישען רבי'ן.

— פאַר וואָס גראַדע אויף דעם וועג? — פרעגט דער בעל־עגלה.

— ווייל אַלע פערד געהען אהין היינט, פאַר יום־טוב.

פאָלקס־וויצען

— ווען איך האָב 10 דאָלאַר, ווער איך א לענדלאָרד, — זאָגט א איד צו זיין חבר.

— ווי אזוי?

— איך האָב 4 מוידען ווי די סאָסנעס. דאָס איז דער פונדאַמענט. איך בין א שטיקעל שדכן, קען איך צונויפּברענגען א וואַנט מיט א וואַנט. און דערצו צו וואָס איך נעם זיך, לאָזט זיך אויס א בוידים. א ווייב א שלאָק פעהלט מיר אויך ניט. אזוי האָב איך שוין כמעט א גאַנצע הויז. מיר פעהלט בלויז 10 דאָלאַר אויסצופיהרען א קוימען...

— „עיטה אַ'קלאָק" וויל איך אייך זעהן,—זאָגט א באָס צו א גרינעם, נאָר־וואָס אָנגעקומענעם פון יוראָפּ וואָס זוכט ארבייט.

— „איך א קלאָג" און א בראָך זאָל אויף אייך אליין קומען, — מאַכט דער גרינער, מיינענדיג אז דער באָס האָט איהם געשאָלטען.

א פרייער אינטעליגענט פאַרוויילענדיג ביי א רב איז פּלוצלונג אַוועק אין מנחה־צייט ווען ס'האָט געפעהלט איין איד צום מנין.

— אַצינד איז מיר קלאָר געוואָרען פאַר וואָס יעקב האָט ניט געשיקט עשו'ן קיין הונט אויך (ער האָט פון זיי געהאַט א סך. מדרש), מסתמא ווייל א הונט אַנטלויפט פון דער מנחה... — האָט דער רב געזאָגט.

ווער איז אַן אמת'ער עמוד־קינסטלער? — א גוטער קאַרפּענטער, וואָס מאַכט אַן עמוד'ל א צאַצקע.

מ'האָט געזעהן אין יוראָפּ אַן אָרימען חזן עסען א גוטע טשיקען. פאַרענטפערט ער זיך מיט דעם פסוק: „עוף השמים יוליך את הקול", צוליב זיין שטים מוז ער עסען.

— וואָס טוט איהר וואָס איהר ווערט פון טאָג צו טאָג דיקער? — פרעגט א רבי א גראָבען חסיד.

— גאָרניט, — ענטפערט דער חסיד, — אַנו, גיט מיר א סגולה?

— געה קיין מאַריענבאַד, — איז געווען דעם רבינ'ס עצה.

דער חסיד איז געווען אין מאַריענבאַד און איז צוריקגעקומען אָהן א ישועה. „רבי, איך בין אומזיסט גפעאָהרען. וואו איז אייער סגולה?"

— איך האָב דיר געהייסען געהן קיין מאַריענבאַד, ניט פאָהרען...

צדקה־וויצען.

אַן אָרימע אידענע קלאָגט זיך אַמאָל פאַר ר' אליהו־חיים'ן, אַז זי האָט ניט מיט וואָס איהר טאָכטער חתונה צו מאַכען. האָט דער גאון איהר געגעבען דער רבי'צינס שטערנטיכעל און געזאָגט: „געה, פאַרזעץ עס און מאַך חתונה צו מזל".

ר' ליטמאַן ברעטלער פון קאָלאָמיי, א פּשוט'ער איד אָבער אַן עושר, א נדיב־לב, פלעגט זיין אַן „עושה־צדקה־בכל־עת", ביי יעדער געלעגענהייט א פּזרן. אַמאָל, ווינטער, ערב שבת, זעהט ער אין שוויץ וואַסערע לייכטע קליידער אַן אָרימאַן טראָגט, האָט ער איהם צוגעטראָגען אַלע זיינע מלבושים און אהיים באַפוילען צו דער וייב — ניט קיין איבעריגע בעלת־צדקה — זי זאָל איהם שיקען בגדים, ווייל זיין גאַנץ אָנגעטואכץ איז אוועקגעקומען. אין אַן אַנדערען פּרייטאָג פאַלט צו איהם אריין אַן אלמנה מיט א געוויין: באשר זי פיהרט די טאָכטער היינט צו דער חופה און האָט נישט מ'שטיינס געזאָגט אפילו קיין מעשען לייכטערעל צום טיש צו שטעלען — אָרימע ווייבער בענשען ליכט אין לעמלאָך — און ס'איז איהר א בושה. האָט ער אַראָפּגענומען די שעהנע זילבערנע לייכטער פונ'ם טיש און איהר אוועקגעגעבען. צו ליכט בענטשען קומט זיין וייב אריין — ניטאָ די לייכטער. מאַכט זי א גוואַלד: אודאי א גנבה... רוימט ער איהר איין א סוד:

שאַ, שאַ, איך האָב ד י ר ל י י כ ט ע ר געמאַכט דעם וועג אויף יענער וועלט..."

א גוטער איד און אַ גוטער לערנער האָט אין אַ שוהל שבת גע־פּראַוועט טישען און גוטע תורה געזאָגט. מוצאי־שבת זאָגט ער צום גבאי:

— איך האָב געהערט, אַז אַ מוהל ווערט ביי אייך גוט באַצאָהלט. איך האָב מלה געווען די ערלה פון אייערע הערצער מיט תורה און מוסר, בכן איז אַ יושר איהר זאָלט מיך אויך גוט באַלוינען.

— אַ מוהל וואָס דערגרייכט ביז צום „כיס" (ס'הייסט אויך געלט), דער איז קיין מומחה ניט, — מאַכט דער גבאי.

— איך אַרבייט זעהר שווער, — מאַכט דער אַרבייטער צום באָס.

— איך אַרבייט מיט'ן קאָפּ שווערער, — מאַכט דער באָס צוריק.

— פאַר וואָס־זשע זיינען מיינע הענט געשוואָלען און אייער קאָפּ ניט? — פרעגט דער בעל־מלאָכה.

ר' מענדעל רימינאָווער איז נתעלה געוואָרען צו דער ישיבה־של־מעלה און געטראָפען אַ שרעקליכען מלאך שטעהן פאַר דער מתיבתא טענה'נדיג: „ישראל, דאָס איינציגע פאָלק וואָס דינט גאָט פון אָרימקייט. זאָל מען זיי נאָר געבען רייכקייט, צי וועלען זיי ניט גאָט דינען צעהן מאָל מעהר..." האָט די פמליה־של־מעלה געפרעגט דעם רבי'ן זיין מיינונג. האָט דער צדיק געענטפערט:

— די עצה איז טאַקע רעכט און גוט, נאָר ווי הייסט דען דער בעל־יועץ?

— סמאל! — איז געווען די תשובה (דאָס איז אַ מלאך פון די לינקע).

— אויב אַזוי! — צושרייט זיך דער צדיק, — וויל איך ניט, שוין גלייכער אָרימקייט.

דער רבי האָט געמאַכט אַ ויברח און ישראל איז טאַקע געבליבען ביי זיין אַלטען, אָרימען מצב. אויף שלעכטען פּועל'ט מען זיכער.

דער גאון און צדיק ר' משה דוד אשכנזי, „טאָלטשאָווער און צפת'ער רב" (ליגט אין צפת אין אַ מערה צווישען דעם נביא און דעם תנא ר' פנחס בן יאיר) פלעגט גאָט בעטען אַז זיינע קינדער, קינדס־קינדער, העט־העט, זאָלען תמיד בלייבען אָרימע לייט, זיי וועלען אַזוי ארום גיכער אָנ־האַלטען פרומקייט. וואָס־זשע טוט גאָט? זיין תפילה האָט גע'פּועל'ט: עד היום זיינען זיינע אייניקלאך, באַזונדערס די פרומע, טאַקע גאר ניט רייך.

„מחזיק זיין לומדי תורה איז גרעסער פון בויען שוהלען" (ירושלמי, שקלים).

* * *

ס'איז אַן אומפאַרצייהליכע זינד, וואָס מ'גיט אוים פילע געלד אויף פּרוכת'ן, עלעקטריק א. א. וו. און אַז ס'קומט אַן אָרימער תלמוד־חכם שרייען זיי, די שוהל איז אָרים". (יערת דבש).

* * *

„וישכח ישראל עושהו ויבן היכלות", אַז מ'פאַרגעסט אין גאָט בויט מען שוהלען, טעמפּלען, צענטערס (גייסטיגע צענטערס?).

* * *

„ס'איז פאַרבאָטען עמון או מואָב אריינצונעמען אין דער אידישער געמיינשאַפט, ווייל זיי האָבען אייך ניט באַווירטעט מיט ברויט און וואַסער, און ווייל זיי האָבען געדונגען בלעם'ן אייך צו שעלטען" (תורה).

אפשר האָבען זיי טאקע ניט געהאַט קיין ברויט פאַר א גאַנץ פאָלק צו טיילען? ניין, איהר זעהט דאָך אַז אויף טייערע ספּיקערס ווי בלעם און אויף חזנים איז דאָ א פולע געלט צו צאָהלען, און ברויט פאַר חכמים ניט! איז „לא יבוא", שוין בעסער, גאַרניט מיט גאר ניט.

* * *

יעקב אָבינו וויל מאַכען פון די מצבות (מאַרמאָרנע לוקסוס־שוהלען) א „בית אלהים", א געטליך לעבעדיג הויז, פון תורה און חכמה, פון לייב־רערים און היסטאָרישע פאָרשונגען, און דערביי אויך „עשר עשרנו לך", צדקה וואו ס'איז נויטיג, „א מרכז הרוחני". אויב דאָס ניט, בלייבען די שוהלען א לוקסוס־סעמעטערי, א מצבה...

* * *

„דער „מלאך־המות" באהאלט זיין געצייג אין שוהל" (בבא קמא). פאַר וואָס עפּעס גראָד אין שוהל? און אודאי אויך אָהן רענט?

ווייל ווען דער ניט־געוויינשטער גאסט, וואָלט די שוהל די גאַנצע וואָך געפּוסטעוועט אָהן א מנין. ווי זאָגט דאָרט קורח: „כל העדה כולם „ק ד ש י ם", יאָהרצייט־קדיש־יזכור־סעמעטערי־אידען באַצאָהלען די גרויסע עקספּענסעס צוליב דעם מלאך'ס זכות...

* * *

אַן עהרליכער פּרעזידענט געהט אין שוהל, א גנב'ישער פּרעזידענט געהט די שוהל אין איהם אריין...

* * *

אין סאַנז (און אין אמעריקא?) איז געווען א שוהל־גבאי, וואָס פלעגט באַ'גנב'ענען די שוהל. האָט מען דאָס דערצעהלט ר' חיים'ען. דערצעהלט ער זיי: אויפ'ן עולם־האמת, אין גן־עדן, זיינען אָנגעגרייט שטוהלען פאַר די גבאָים וואָס זיינען עוסק אין קהל'שע זאַכען עהרליך, און ביז היינט זיינען די בענקלאך לעדיג. ווילט איהר אצינד אהינזעצען דעם גבאי?...

„וואָלט איך וועלען אין אַ רעגענדיגען טאָג שעפּען אַ ביסעל וואַסער אין דעם גרויסען ים, וואָלט ער פאַרטריקענט געוואָרען.

„וואָלט איך וועלען ליכט פאַרקויפען, וואָלט די זון קיינמאָל ניט אונ־טערגעגאַנגען.

„וואָלט איך וועלען האַנדלען מיט אויוענס און מיט קוילען, וואָלטען זיי פאַרלאָשען געוואָרען.

„וואָלט איך וועלען מאַכען אַ לעבען פון קברים, וואָלטען די יאָהרען פון מענשען פאַרלענגערט געוואָרען.

„וואָלט איך וועלען רויה זוכען פון מלחמה־געשעפטען, וואָלטען אַלע שונאים שלום געמאַכט, אוים מלחמה”.

(ר׳ אברהם אבן עזרא׳ס שיר. פון אַן אַלטען כתב־יד).

דער קעלמער מגיד האָט געזעהן אין שוהל אַ גביר און אַ גילוח, וואָס גיט קיין פּרוטה צדקה. גיט ער זיי אַ משל:

„באַגעגענענדיג אין סטריט דעם אָקס, גריסט ער מיר. „בהמה, — האָב איך אויף איהם אָנגעשריגען, — וואָס פאַר אַ מחותן ביזטו מיט מיר?” „וואָס הייסט, דו עסט דאָך מיין פלייש”, — ענטפערט דער אָקס. איך באַגעגען די קוה, זי גריסט מיך אויך. „וואָס פאַר אַ מחותנת׳טע ביזטו דען מיט מיר?” „הלמאי, דו טרינקסט דאָך מיין מילך”, — ענט־פערט די קוה. איך באַגעגען דעם צאַפּ, ער באַגריסט מיך אויך. „וואָס יחסנ׳סט דו דיך צו מיר?” — פרעג איך ווייטער. „דו האָסט אַ שעהנע באָרד, און איך האָב אויך אַ לאַנגע באָרד”, — ענטפערט דער צאַפּ. צו־לעצט באַגעגענט מיר דער חזיר, און זאָגט מיר אויך שלום. דאָ בין איך שוין געוואָרען אַ צוקאָכטער און שריי אויף איהם אָן: דו חזיר איינער! דיין פלייש עס איך ניט, דיין מילך טרינק איך ניט, קיין באָרד האָסטו אויך ניט, — וואָס פאַר אַ שמעלקע ביזטו מיט מיר?”

עראָטישע און ראָמאַנטישע וויצען

— איך האָב געהערט, אַז דיין ווייב איז קראַנק. איז זי געפעהר־ליך? — פרעגט איינער.

— ניין, — ענטפערט דער מאַן, — געפעהרליך איז זי נאָר ווען זי איז געזונט.

וואָס איז די אורזאַך פון אַזוי פיל גט׳ן? דאָך ניט אַנדערש ווי: חתונות.

פאַר וואָס פאַרקלענערט זיך די צאָהל פון די חתונות?

הפּנים, אַז דער עולם איז אין היינטיגע פּראָהיבּישאָן־צייטען דאָך אַ ביסעלע ניכטערער.

אַ גאַליציאַנער און אַ ליטוואַק שפּאַרען זיך. דער גאַליציאַנער זאָגט, אַז „האשה” הייסט: דאָס ווייב, און דער ליטוואַק זאָגט — די ווייב.

גאַליציאַנער: ווי קענסטו זאָגען „די ווייב, אַמעער ס'שטעהט דאָך בפירוש אין משפּטים: „האשה וילדיה”: דאָס ווייב?

ליטוואַק: צו וואָס דאַרף איך פאַרקריכען אַזש קיין משפּטים, ווען ס'שטעהט שוין אין בראשית: „ותאמר”, זי האָט געזאָגט, האשה, די ווייב?

מאַן: פרייליין, ערלויבּט מיר אייך צו זאָגען אַז איהר זעהט אויס אַזוי שעהן וואָס שעהנער קען שוין ניט זיין.

פרייליין: ס'טוט מיר לייד, וואָס איך קען אויף אייך דאָס זעלבּע ניט זאָגען.

מאַן: טוט־זשע ווי איך האָבּ געטאָן, זאָגט אַ ליגען.

יענקיל: וואו לויפסטו אַזוי אויפגערעגט, פייביש?

פייביש: איך לויף צום דאָקטאָר, מיין אידענע געפעלט מיר עפּעס ניט...

יענקיל: וואַרט, איך געה מיט, מיינע געפעלט מיר אויך ניט...

אַ שדכן איז געווען אַמאָל זעהר צודרינגליך צו אַ גביר וועגען אַ שדוך וואָס ער האָט געוואָלט ביי איהם אויספיהרען. אין אויפרעגונג שווערט זיך דער גביר, אַז פון דעם שדוך וועט זיכער גאָרניט ווערען.

— אַצינד בין איך זיכער, אַז דער שדוך וועט אויסגעפיהרט ווערען, — האָט דער שדכן זיך געפרעהט, — ווייל דער יצר־הרע וועט שוין מיר העלפען, ער זאָל עובר זיין אויף דער שבועה.

שדכן: ווי אַלט זייט איהר, פרייליין?

פרייליין: 30 יאָהר.

שדכן: זאָל איך אפשר אָנגעבען מיט 10 יאָהר ווענינער?

פרייליין: דאָס האָבּ איך שוין אַליין געטאָן.

טאָכטער (אין ארץ ישראל: מאַמע, איך האָבּ גאָרניט געוואוסט, אַז די אַראַבער זיינען אויך גע'מל'ט?

— איז טאַקע אמת, אַז די פרויען לעבען לענגער פון די מענער?

— געוויס, מ'קען דאָך דאָס זעהן פון די אלמנות, — ענטפערט די מוטער.

דער ליסא׳ר גאון האָט זיך עטליכע מאָל מיט ווייבער גע׳גט. אזוי ווי דער נוסח פונ׳ם אבן־העזר וואָס דער מסדר זאָגט מיט׳ן מגרש לייענט זיך: „דו" יעקב... האָט דער רב ניט געוואָגט צו רופען דעם גאָ׳ן „דו". זאָגט איהם דער גאון: נישקשה, אז מ׳גט דאָס ווייב נעמט מען אוועק דעם „ר־"—יפ פונ׳ם לייפ...

א פריילין, א העברייערקע, האָט אָנגערופען א געלט־שדוך, וואו דער חתן האָט ניט מעהר ווי געלט, א „חתן דמים". האָט א העבֿרעער פאַר־ענדיגט דעם פסוק: „למילות", און זי איז רויט געוואָרען...

אידיש, פאָלק, משיח, ציוניזם

„ויותר יעקב לבדו ויאבק איש עמו" (תורה): אויב דער איד בלייבט אליין אָפּגעזונדערט, ווערט זיין מענשליכקייט צו שטויב.

„מבשרי אחזה אלהי", שלעג מאַכט דעם אידען צום אידען.

„הקול קול יעקב והידים ידי עשו" (תורה) — אז אידען מסור׳ן איינע די אנדערע, דעמאָלט הויבט עשו די הענט אויף אידען.

„כאשר הרים משה את ידו וגבר ישראל" (תורה); אז א איד לערענט אויך א האנט הויבען, שטארקט זיך דאָס פאָלק.

„ויתערבו בגוים וילמדו ממעשיהם" — אז אידען אסימילירען זיך, לערנען די גוים פון זיי זייערע שלעכטע מעשים, ווי נאָך צו האַסען אידען.

אן אנטיסעמיט זאָגט אמאָל:

— מערקווירדיג, אלץ געהערט צו אידען!

— יא, אפילו אייער גאָט אויך! — ענטפערט איהם א איד.

אז צוויי אידען קומען זיך צוזאמען איז שוין דאָ דרייערליי דעות. צוויי אידען (אפילו א ליטוואַק מיט א גאַליציאַנער) ווערען אָבער אייניג, אז דער דריטער זאָל געבען.

ווי זאָגט המן: „ודעותיהם (ודתיהם) שונות מכל עם": ניטאָ נאָך אזא פאָלק מיט אזוי פיל מיינונגס־פארשיידענהייטען.

ביי א באַנקעט אין פאַריז פאַר׳ן פּראָפעסאָר איינשטיין זאָגט דער געניאַלער דענקער און גוטער איד:

„אויב מיין טעאָריע וועט אויסנעמען, וועט פראנקרייך זאָגען אז איך געהער דער וועלט, און דייטשלאַנד וועט זאָגען אז איך געהער צו איהר.

אויב ניט, וועל איך זיין ביי די פראַנצויזען אַ דייטש, און ביי די דייטשען אַ איד..."

אַ מתנגד האָט געפרעגט דעם „תניא", וואָס וועט זיין משיח, אַ חסיד צי אַ מתנגד?

— אַ מתנגד, — ענטפערט דער תניא. — וואָלט ער זיין אַ חסיד, וואָלטען די מנגדים אין איהם ניט געגלויבט, אפילו ווען זיינע מעשים זאָלען זיין ווי די מעשים פון משה רבנו...

אַן אפּיקורסיש שניידערל זאָגט זיך אַ ווערטעל:

„איך ווייס ניט צי וועט מיין באָבע אויפשטעהן ווען משיח וועט קומען, צי וועט משיח קומען ווען מיין באָבע וועט אויפשטעהן"...

רבנו שמואל מאָהליווער איז געקומען צו ר' יצחק אלחנן, וואָס האָט פריהער מסכים געווען צו אַרבייטען מיט איהם צוזאַמען פאַר „ישוב ארץ־ישראל", און שפּעטער האָט ער חרטה געקראָגען.

ר' יצחק אלחנן האָט איהם דורכן שמש איינגעלאַדען צו סאַפּער. געהענדיג אויפ'ן וועג, האָט זיך ר' שמואל מאָהליווער אומגעקערט אויף זיין אכסניה. „וואָס וועל איך טאָן, — האָט ער געזאָגט צום שמש, — אַז ער וועט אויך חרטה קריגען אויף דעם נאַכט־עסען, וועל איך דאָך פּשוט אויסגעהן פון הונגער?"

אין דער אָנפאַנגס־צייט פון'ם פּאָליטישען ציוניזם האָט מען געפרעגט דעם „פקח", סאָקאָלאָוו, הלמאי ער רעדט אזוי באַגייסטערט וועגען ארץ־ישראל אין דער צייט ווען ער אַליין איז נאָך דאָרט ניט געווען?

— אַמיין, משה רבינו איז אויך ניט געווען אין ארץ ישראל און איז דאָך געווען אַ גוטער ציוניסט, — ענטפערט ער כלאַחר־יד.

„האומר ירושלים לא אמר כלום" (גמרא). ריידען אַליין וועגען ירושלים איז גאָרניט.

„פלשתים יצאו מכפתור" (תורה). ציוניסטישע קנעפּלאַך־אָפּצייכענען איז נאָך ניט קיין צייכען פון איד־זיין.

„וכל שיח השדה" (תורה) — איעדען אידען'ס טעמא דאַרף זיין וועגען ארץ ישראל ערד.

„ושפלת מארץ תדברי" (ישעיהו) — אַז אַ איד איז עקאָנאָמיש גע־דריקט, רעדט ער פון אַן אייגען לאַנד.

„זה יתנו כל העובר על הפקידים“ (תורה) — גראָד די פרייע זיינען פרייגעביג.

„ווער ס׳קויפט פעלד אין ארץ ישראל דער קויפט זיך איין עולם־הבא. (אבן עזרא פ׳ וישלח).

„גאָט וועט צונויפברענגען דעם הר סיני מיט׳ן הר תבור און דאַרויף וועט זיך בויען ירושלים“ (ילקוט תהלים).

דער סימבאָל דערפון: דער „סיני“ איז די רעליגיע; דער „תבור“, דער קאמף־פּלאַץ פאַר׳ן אידישען עקזיסטענץ (דבורה). דורך דער פאַראייניגונג פון טראַדיציע מיט נאַציאָנאַליזם וועט געבויט ווערען ארץ ישראל. דער סימבאָל האָט היינט מעהר זין ווי אמאָל.

„און קומען וועט דער טאָג ווען פעלקער וועלען זאָגען: לאָמיר געהן צו גאָט׳ס בארג און צום הויז פון יעקב׳ס גאָט, לערנען, פאָרשען זיינע וועגען... ווייל פון ציון וועט ארויסגעהן תורה, גאָט׳ס וואָרט פון ירושלים“ (מיכה). פרעגט דער תלמוד (פסחים): פאַר וואָס גראָד יעקב׳ס הויז און ניט אברהם׳ס און יצחק׳ס? ענטפערט ער — אַ תירוץ וואָס לויט אונזער פאָלקס־לאַגע היינט, און לויט אונזער אויסטייטש, איז די לעגענדע אַן אַקטועלע לעבענס־פראַגע פונ׳ם אידישען פאָלק — ניט ווי ביי אברהם׳ן וואָס ס׳שטעהט „הר ה׳ יראה“ — דאָס מיינט, ניט ווי די תקופה, ווי אלטע אידען זיינען געפאָהרען שטאַרבען קיין ארץ־ישראל, ליגען בעדיי אונטער אַ בערגעל דאָרט. און אויך ניט ווי די יצחק־פעריאָד (זאָגען מיר די חבת ציון באַוועגונג ביז צו דעם פּאָליטישען ציוניזם, באַגניגען זיך 4 איילען ערד צו באַרבייטען) „ויצא יצחק לשיח בשדה“. נאָר וואָס דען ווי יעקב בבחינת גרויסע אידישע פאָלקס־באַוועגונג (אלא כיעקב שקראו „ב י ת“) — אַ אידישע נאַציאָנאַלע היים מיט אַ ברייטען פאָלקס־ווירטשאפטליכען און פּאָליטישען פאַרנעם, עס זאָל זיך לוינען גרויסע, נפשות׳־דיגע און געלט־קרבנות פאַר דעם צוקונפטס־אידעאַל צו ברענגען. די מיטעל און וועגען מוז איבערגעגעבען ווערען אין האַנד פונ׳ם פאָלק אויסגעוועהלטע פיהרער.

אויב איהר ווילט, איז די לעגענדע אַ ווירקליכקייט. און אויב איהר ווילט ניט, איז עס און בלייבט עס אַ בבא מעשה...